נח פרילוצקי

# ייִדישע דיאַלעקטאָלאָגישע פאָרשונגען

פינפטער באַנד

פאַרלאַג „קולטור-ליגע" ווארשע

נח פּרילוצקי

# מאַמע־לשון

ייִדישע שפּראַכוויִסענשאַפֿטלעכע פֿוֹראַרבעטען

ערשטער באַנד

75095

פֿאַרלאַג „קולטור־ליגע“, וואַרשע

TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

דאָס װערק האָט זיך אָנגעהויבן זעצן סוף 1919
און געענדיקט יולי 1921. געדרוקט אין 1000 עקז.

װ א ר ש ע 1 9 2 4

דרוקערײ „די װעלט", װארשע נאָװאָליפּיע 7

N. PRYŁUCKI — MAME LOSZEN

Wydawnictwo „Kultur Liga" Warszawa
Druk. „Di Welt", Warsz. Nowolipie 7

# לומיר, נומיר, לומיך, נומיך.

## לומיר.[1]

### § 1. — ס'איז אַנ'אַלטער תּושב אין דער יידישער גאַס.

1) משה מאַרקוזע, „ספר רפואות" (פּאָריצק 1790) ד': „שרייבן מיר לשון קודש לאמיר ריידן אויך לשון קודש". — „סליחות"[2] (1805) ג': „קומט לאָמיר זיך בוקן".[3] — „שבחי בעש"ט"[4]: „לאָמיר גיין צום מגיד".[5] — „קורות העתים" (וו. 1841) ה': „האט ר' ישראל גיזאגט בר דער לאמיר אנטלופן פון דאנען". — „ס' מעשה צדקה" (וו. 1843) ג': „לאמיר אים פרעגין". — „מעשה נסים" (וו. 1849) ו': „נו לאָמיר[6] שרייבן ווייטער". — „אורחות צדיקים" (וו. 1854) י"ז: „דאָ לאָמיר[7] זעהין וואָס איין (בעל מקנא) איז". — „עץ חיים" (וויל. 1863) 52: „לאָמיר זעהען בייא משה רבינו ע"ה".[8] — „סערקעלע" (וו. 1875) 16: „לאָמיר[9] זיך גאָר ניט גינאַרין"; זע אויך ש. עטינגערס „משלים" (פּעט. 1889) 8, 60, 147. — א. מ. דיק, „ר' טריטעל דער קליינשטעטעלדיקער נגיד" (וויל. 1872) 23: „נון אָבער לאָמיר זעהען דעם אַנדערין פאַל"; זע אויך זיינע „קרעמערקעס" (וויל. 1865) 20; „די אורחים אין דוראַצעסאָק" (וויל. 1872) 9; „מאָטקע און הערשקע" (וויל. 1873) 15; „איינע פּערדרייענעס" (וויל. 1873) 27, 33, 35, 40; „דער פלוך"... (וויל. 1874) 21; „פייגעלע די עגונה" (וויל. 1875) 15; „מיכאל ברינדזע" (וויל. 1876) 25. — י. י. לינעצקי, „דאָס פּויליִשע יונגעל" (לעמב. 1879) 96: „לאָמער זיך ניט נאַרען"; זע אויך זיין „פּריטשעפּע" (אָד. 1876) 27, 61 א. אַ. וו.; „דער וואָרם אין חריין" („פּ. ב." 1) 67. — „ווינטשפינגערל" („פּ. ב." 1) 28: „לאָמיר ריידען פּראָסט יודיש".[10] — „סטעמפּעניו" („פּ. ב." 1) 44: „לאָמיר איבערלאָזען"...[11] — „יקנה"ז" (קיעוו 1894) 42, 99, 117, 144 וכ'. — י. דינעזון, „הנאהבים והנעימים" (וויל. 1875) I 19: „לאָמיר איהם לאָזען גליקליך זיין"...[12]; אויך אין זיין „אבן נגף" (וו. 1890) 240.

2) זע אויך: ג. מאַקמאַן, „די געהיימניסע פון יענער וועלט" (וו. 1865) 35, 38[13]; — י. וויינשטיין, „אַלט און נייא" (אָד. 1867) 4, 10, 16; — „דער אַקציזניק" (זש. 1868) 15, 19, 23; — ב. פּאַלקאָוויטש, „רחל די זינגערין" (זש. 1868) 109 פּ.; — מ. דאַנציגער „די ליטוועטשקע" (אָד. 1870) 13, 19, 21; — מ. כע"ס, „קול שמחה" (וויל. 1873) 6; — מ. איסטראָווסקי, „אַ רייזע אין עולם התוהו" (זש. 1873) 36, 46, 78 פּ.; — חנה בדחן, „שירי חדוה" (וויל. 1874) י"נ; — מ. דלוגאַטש, „דער עולם התוהוניק" (בערד. 1875

4, 72, 105 וכ׳; — י. דרייזין, „לחיים" (זש. 1875) 60, 62[14]; — י. ב. בלוך, „מלוכת שאול גם עקדת יצחק" (וויל. 1875) 9; — „מעשה שאול" (זש. 1876) I 27 פפ., 32; II 3, 16 פ., 19; — א. קאמינס, „דער לעבעדיגער יתום" (אד. 1876) 13, 43; אין זיין „דער קאמיסיאנער" (וויל. 1880) 9; אין זיין „געשיכטע פון זעלטענעם ברית" (וו. תרמ"ב) I 7, 10 פ., II 9 פפ., 13 פ., 16, III 7 פפ., 12, 22, IV 6, 8; אין זיין „מעזיניקעל" (וו. 1883) 15, 21; — א. גוטלובער, „דער דעקטוך" (וו. 1876) 20, 22, 28, 35 פ., 38, 40, 45; — ק. סובעל, „דער דאקטאר מיט זיין טאכטער" (לוב. 1877) 54, 126 א. א. וו.; — „דער צווייטער אמזין באנד" (וו. 1878) 30; — „דיא האלץ העקיר אין וואלד" (לעמב. 1878) 4[15]; — „מעשה נורא מהצדיק המפורסים רבי ר׳ אלימלך מליזענסק זי"ע" (לעמב. 1879) 29, 32[15]; — „איין געשיכטע פאן מאן און ווייב אין שווער אונ שוויגער" (וו. 1879) 6[16]; — „איין שיינע מעשה פון דיא גליקליכע יתומה" (לעמב. 1879) 11[15]; — שאצקיס, „דער יודישער פאר-פסח" (וו. 1881) 4, 7, 11 א. א. וו.[17]; — „סיפורי מעשיות" פון ר׳ נחמן בראצלאווער (וו. 1881) 35[13]; — „סיפורי מעשיות"[18] (וו. 1881) I 6, 29, 61[19]; — „הגדה פון יעקינא" (וו. 1881)[20]; — „דאס ליד פון ראבאניק" (לעמב. 1882) 39, 52[13]. — „מעשה פון איין גולדען פייגעלע" (לעמב. 1883) 9, 12[15]; — „איין וואונדערליכע מעשה פון דעם פיינעם יונגען מאנישציק" (לעמב. 1883) 26[15]; — „דער בית המדרש בחור אין דער אויפגיקלערטער בחור מיט אהויכן קאפאטש" (לעמב. 1883) 16[15]; — „דיא חברה קדושה סעודה" (וו. 1883) 23. — „דיא קליין שטעטיל אסיפה מיט עיערי פארשטעהר" (לעמב. 1883) 7[15]; — ד. זאהיק, „די ראזע צווישן דערנער" (פעטר. 1884) 35, 49, 54 וכ׳; — ש. בערנשטיין, „ר׳ יחצע דל נאה" (אד. 1884) 9; — ש. בעקערמאן, „דיא געהיימניסע פון אדעס" (אד. 1885) 74 פ.[19]; — ה. קלעבאנוו „רני עקרה" (וויל. 1885) 14; — „דער יקום פרקן דאקטער" (לעמב. 1885) 9[21]. — א. נוסבוים, „דער טיראנישער מלמד" (וו. 1885); — ש. ווינטרוב, „פרנס המתנאה" (וו. 1888) 16, 39[13]; — מ. ליעוו, „האדעל" (קישעניעוו 1888) 38; — „איין שיינע און וואונדערליכע ערצעהלונג פון משה רבינו" (לעמב. 1889) 16[15]; — „איין וואונדערליכע מעשה פון איין יודישען סוחר" (לעמב. 1889) 13[15]; — ע. בלאשטיין, „דער כהן" (וויל. 1889) 137; — מ. גורדון, „יודישע לידער" (וו. 1889) 7; — מ. שלייפשטיין, „דיא נייע זאבאוועס אויף דעם ווארשאווער פלאץ" (וו. 1897) 11[13] און „דער ווייבערישער יום-כפור" (וו. תרנ"ט) 5, 8, 16[13]; — „איין שיינע אונ וואנדערבארע געשיכטע פון איין לוסטיגען בעטלער" (לעמב. 1889) 6[15]; — „מעשה פון צוויי יתומים" (לעמב. 1900) 12[22]; — י. ל. פרץ, „שריפטען" (וו. 1901) 19, 50[23]; — א. מ. שוכמאן, „דאס פרייליכע הערשע"ע אסטראפאליער" (וו. 1902) 9.

3) ס׳איז שווער צו געפינען א יידיש בוך, מ׳זאל דורט נישט באגעגנען די פורם „לומיר". —

§ 2. — ס׳איז ערשטע פערזון פון מערצאל אימפעראטיוו[24]: „לוזן מיר!" (אויסלייטנאזאל באם ווערב סונאנטיש, שטאמוואקאל באם פרונומען לאנג).

אין פראגער „המגיד" (1675): „קומטש איר ישראל אונ' לאזן מיר זיך בוקן אונ' לאזן מיר קניאן פר גוט אונזר בשעפר"[25]. — אין י. בליצס „תנך-איבערזעצונג" (אמסט. 1676): „זייט קומין לאזין מיר זיך נייגין אונ' נידיר קניאין' פער גאט דער אונש בשאפין האט"[25]; „ברייט אייך לאזין מיר צו גאט זינגין' לאזין מיר יוכצין' צום שטערק אונזר הילפש: זיין אן גזיכט לאזין מיר פאר קומין מיט לופ' לאזין מיר צו אים שאלין' מיט לוב זאנגין"[26]. — „סדר תהלים מסודר כפי ימי השבוע" (דיהרנפורט תקנ"ז): „גיט אהער מיר וועלן זינגן צו גאט מיר וועלן שאלן צו דען שטארקן אונזרש הילף: לאזן מיר זיין אן גזיכט פאר קומן מיט דאנק זאנונג לאזן מיר צו אים שאלן מיט לוב גזאנג". — אין אמסטערדאמער „המגיד" (1738): „אונ' ער שפראך צו איר שטיא אויף אונ' לאזין מיר גין"[27]. — ז. סובעל, „זיווגים" (וו. 1874) 45: „אוי! לאזען מיר זעהען דיא לעפפעל לייט אללע."[28] — „פאלטשע שוועסטער" (פרעסבורג) 3: „לאזון מור אבוסול שטיין."[29] — „דער קארליג" (לעמב. 1879) 15: „גיישווינדער לאזון מור זוך בעהאלטון". — יעקב מורגענשטערן, „מעשה משני שותפים" (וו. 1881) 10: „קום לאזין מיר גיין אביסעל שפאצירען".[30] — „דאס ליד פון ראבאנעק" 15: „רבונו של עולם לאזין מיר האבין דיא זכיה"... — „טיראנ. מלמד" 26: „לאזען מיר פריילוך זיין".[31] — „דיא נייע זאבאוועס אויף דעם ווארשאווער פלאץ" 10: „לאזין מיר נאר איבער דרייען דאס פשעטיל". — „מעשה פין צוויי יתומים"[22] 12. —

§ 3. — סונאנטישער אויסלויט־נ אסימילירט זיך מיט'ן מ־, ווערט „לוזם מיר" (אויסלויטנאזאל אין ווערב סונאנטיש, שטאמחוקאל באם פרונומען לאנג) אודער „לוז מיר".

„עץ חיים" (וו. 1837): „לאז מיר זעהן"...[8]; — יעקב מורגענשטערן, „מעשה משני שותפים" 16: „לאז מיר גיין צו דיא צוייא שותפים". —

§ 4. — ־ז־ ווערט אויך אריינגעצויגען אין דעם פרוצעס[33]; פון דער גרופע ־זנמ־ (־נ־ סונאנטיש) שטעלט זיך, אזויארומער, אפ איין ־מ־. —

§ 5. — אייניקע מחברים לייגען זוגאר אויס: „לום מיר", גלייך ווי די רעגולערישע ווערבאלע פורם וואלט געווען „לום"[33].

„סערקעלע" 74: „קום נאר חיים לאם מער גיין גישווינד". — י. אקסענפעלד, „ערשטער יוה. רעקרוט" (לייפציק 1862) 8: „ניין, ניין, ניין... לאם מיר נאר ניט צינעמין דאס פאפיר"[34]. — „דיא טאקסע" (וויל. 1872) 13: „לאם מיר דאס אפ לייגין אויף איין אנדער צייט"[35]. — „מעשה שאול" I 21: „לאם מיר אביסיל קארנער ברייען"[36]. — „דאס גוטע קינד פון דעם זיידינס הבטחה" (זט. 1876) 41: „ווארום צום אמת לאם מיר טאקי שמוסען"... — „דער קאמיסיאנער" 9: „נא, לאמיר דאס אוועק לייגען, אונ לאם מיר זיך נעמען צום ערשטען"... — „אבן נגף" 282: „לאם מיר דאס הערץ אונ לעבע אפפערען". — דינעזון, „הערשעלע" (וו. 1897) 66: „נור לאם מיר דאס אבלעגען אויף איין אנדער צייט"[37]. —

# נומיר.

§6.—1) אין ביאליסטוק הוב איך געהערט: „נומיר" (=„לומיר").
2) אין רומני (פּאָלטאַוו. ג.): „נומיר" (=„לומיר").
3) דער פאַרשטאָרבענער ב. בּאָראָכאָוו האָט אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען (געדרוקט אין דער מלחמהצייט אין אַ אַמעריקאַנער צייטונג[38]) אויפגערופען צו שרייבען „נומיר" האַלטענדיק (לויט אייגענער מערב-דראָמרוסלענדישער דערפאַרונג, אַכּנים) דידוזיקע פאָרם פאַר די איינציק ליבעדיקע.
4) האַרקאַווי: 211 בּוכט: „נאָמיר" (=„לאָ'מיר"="let us").—

§7.—אין אַנדערע דרוקזאַכען:
1) י. מ. וואָלמאַן, „דיא טויטע רעביצין" (ווילנע 1875) 25: „ישראל עם קדושים. וואָס שווייגט איהר! דער צדיק איזט אין צער. אונד פון דער גאַנצער וועלט וועט ווערין אַ תהו ובהו. נאָמיר זוכין חטאים. לאָזין מיר זיך אַרום זעהען ווער פון אונז איז דאָ דער זינדיגער וואָס איבער איהם ווערט דער צדיק אונד מיר אַלע געשטראָפט! נאָמיר שופר בלאָזין. זאָלין מיר גייהן אויפין בית עולם. מיר זאָלין רייסען קברים. נאָמיר וועקין דיא טויטע זיי זאָלין אויך ניכט שווייגין. מיר זאָלין שטורימען דיא הימעל אונד ערד..."
2) דריזין, „לחיים": „רויזעלע נאָמיר זיך אום לערנען איין פאָלקע" (14); „צוא וואָס, נוא מיר ריידען דאָ" (25); „נוא מיר גיין" (25); „נוא מיר גיין. קומט" (26); „אַז איר ווילט נוא מיר איבער חזרן נאָך אַמאָל" (28); „איך ווייס פון קיין גישפרעך וואָס פריהער איז גיוועזן נוא מיר איבער קערין דעם בלאַט צוריק" (28); „נוא מיר גיין אַ היים שען צייט צוא שלאָפין" (30); „תאָרט אוים וואָס אייך איר נוא מיר עסין עפּעס" (30); „וויהין איז דאָס אונזער יונג פאָריל אַוועק נוא מיר גיין אָפּ זוכין זייא" (30); „נוא מיר זיין גיזונט" (32); „איך האָב זייער אַ וואהלען סעקרעט פאַר אייך... נוא מיר גיין אין יענעם צוםמער" (32); „איך בעט אייך נוא מיר בעסער אויף הערין צוא רערין" (34); „נוא מיר זיך זעצין" (35); „נוא מיר גיין אַהיים" (37); „נוא נוא מיר זיך איבער בעטין" (42); „וויא זענין דיא קינדער נוא מיר גיין צוא זייא." (43); „נוא מיר גיין" (53); „נוא מיר אַליין זיין פריער גיזונט" (54); „נוא מיר גיין טאַנצען" (57); „נוא מיר האָטשי פילען אַ ביסינקע" (57); „שטייא נאָר אויף נוא מיר גיין אַ קאַדריל" (57); „נוא מיר זע טאַקע טרונקען לחיים" (59); „איך בין זייער צוא פרידין נוא מיר מאַכין איצטער אַ וואָרט" (65). —

§8.—אין § 56. זעען מיר צוויי פאָרמען: „נומיר"[39] און „נומיר"[40]. זייער עטימאָלאָגיע דאַרף באַטראַכט ווערען באַזונדער. —

§9.—„נומיר" קען שטאַמען פון „לומיר": ל- איז דורך רעגרעסיווע אַסימילאַציע (איינפלוס פון -מ-) איבערגעגאַנגען אין נ-[41].

§10. — 1) „נומיר" קען געהאַלטען ווערען פאַר צונויפוווקס:

„נו" (אינטעריעקציע) מיט „מיר" (פּערזענליך פּירוואָרט פון ערשטער פּערזאָן פּלוראַליס).

2) דער צונויפוואוקס האָט געקענט אַנטשטיין אין אַזעלכע אויסדריקען, ווי: „נו, מיר גייען!", „נו, מיר וועלען גיין!"[42] — דער אָפּטאַטיווער כאַראַקטער פון אַזעלכע ווענדונגען האָט עס געקענט ברענגען דערצו, אַז פון „נו מיר"... זאָל ווערען אַ צונויפוואוקס מיט די פונקציעס פון אונדזער אוניווערסאַלישען „לומיר": „נו, מיר גייען!" קען דאָך האָבען פולשטענדיק דעם זין, וואָס: „לומיר גיין!".

3) מיטווירקען וואָלט דערביי געקענט אויך דער אומשטאַנד, וואָס אין „נו, מיר"... איז די אינטעריעקציע באַטאָנט, און דאָס פּירוואָרט שטייט פּראָקליטיש (פאַר דעם וואָרט, וואָס נאָך אים). איבערגיין פון פּראָקליטישער שטעלונג אין ענקליטישע איז זייער גרינג.

4) דאָס, וואָס אין „לחיים" ווערט כסדר אויסגעלייגט „נו א מיר", ד. ה. דער וואָקאַל ווערט געשריבען אַלס פאָרמעל פון צוויי ווערטער, מוז דינען אַלס באַווייז, אַז דער מחבר האָט די עטימאָלאָגיע פון דעם אויסדרוק פאַרשטאַנען (אָדער אַנטפּונדען) אַזוי, ווי זי ווערט דערקלערט אין די ערשטע צוויי פונקטען פון דעם §.

5) ענדליך, דער וואָקאַל פון דער ערשטער זילבע (u)[43] אונטערשטיצט די השערה אויס פונקט 1. —

## לומיך.

**§ 11.** — פאַראַן צווייערליי „לומיך" אין יידישען. מיר וועלען רעדען וועגען איטליכען באַזונדער. —

**§ 12.** — [„לומיך" נומער I]. — 1) וויצעגהויזען: „לאַזמיך דייני גינאד נון טרישטן" (תהלים קי"ט ע"ו). — בליץ: „אונ' לאַזמיך דאך ניט פער שצמיט ווערדן" (תהלים קי"ט קט"ז). — „ספר תחינות" ק"ז b (צווייטע סעריע): „לאַז מיך איין גרינגה מיתה איין נעמן גלייך אז מן ציהט איין האר אויז דער מילך". — „תרגום שני פון דער מגלת אסתר" (כש"ב בסלאוויטא) 30: „לאַז מיך עסין איין ביטער ברוט אונ לאָז מיך טרונקן איין ביטערין טרונק מיט רוא" (זאָגט מרדכי צו המן'ען). — „די טאַקסע" 30: „שאַ. לאַז מיך רעדין". — „ספר נשיקות משה" (ווילנא 1874) 4: „לאָז מיך נאָך ווייטער לעבין". — „סערקעלע": „לאָז מיך שוין גימאַכט" (60), „לאַז מיך נישט מעהר איבער אַליין"... (75). — „הנאהבים והנעימים" 26: „זעה, לזבינקע, לאַז מיך נאָר היינט, היינט אַליין לאָז מיך גיין אַליין... איך מוז גיין, לאַז מיך, מיר איז דאָ אייננ"...[44] — „סטעמפעניו" 3: „לאָז מיך נאָך בענטשען"... — „מעשה פון איין גולדען פייגעלע"... 14: „לאָז מיך בלייבן אַמאַרשאַלוק". — „געשיכטע פון זעלטענעם ברית", III 18: „לאָז מיך הערין וואָס דער צוילט מען דאָרט אין יענים ווינקעל". — „טיראַנ. מלמד": „איך בין עלטער לאָז מיך[45] פריהער" (12), „לאָז

מיך[46] לעזין פאַר מיש מיר נישט דעם קאָפּ" (42). — זע אויך ווײַטער אָנמ. 48—53.

2) ס'איז צווייטע אודער דריטע פערזון פון איינצאָל אימפּעראַטיווי מיט'ן אַקוזאַטיוו פון בערזענליכען פירוואָרט פון ערשטער פערזון אַלס אוביעקט.—

§ 13. — 1) דאָס פירוואָרט שטייט דאָ דאָס רוב ענקליטיש (הויפּטטון אַף „לוז"). ס'ז אַסימילירט זיך מיט מ-[47] — אין „ספר תחינות" וואַרפט זיך זוגאַר דורך: „לום מיך" (זע ווײַטער אָנמ 50). — ביידע וואָקאַבלע ווערען צונויפגעוואַקסען. הובען מיר: „לומיך".

2) אין ק עמענ׳ץ: „לומאַך ציריך!" [= „לוז (דו) מיך צו רו!"]; „לומאַך לויפן!"; „לומאַך דאַ טאַטי ניש שלאָגן!" — ווירשע: „לומוך גימאַך!" [= „לוז (דו) מיך געמאַך!"]; „לומוך לויפן!"; „לומוך דאַ געל ניש שלעפּס". — פּעלצוויזנע: „לומאַך גימאַך!" —

§ 14. — [„לומיך" גומער II]. — 1) לויט פאַלשער אַנאַלאָגיע איז דער מ- איבערגעטראָגן געוואָרען אויך אין די פאָרמעל „לוז איך".

2) ס'איז ערשטע פערזון פון איינצאָל אימפּעראַטיווי (מיט אופּטאַטיווען זין).

3) „טיראַנ. מלמד": „עס איז איין עולה? לאָז איך קיין גרעסער עולה נישט טוה" (30), „לאָז איך נאָר מײַן געלד אַרויס קריגען" (35).

4) בײַשפּילען אויס דער עלטערער ליטעראַטור זע אין די אָנמערקונגען 49, 53. —

§ 15. — קרעמעניץ: „לומאַך מאַ לוזן ווילגיין!" (= „לוז איך מיר"...). —

§ 16. — מ. מ. לעוין, „קהלת" (אַד. 1873) ה': „האָב איך מיך ווידער אַזוי מישב געווען, קום אַהער לאָמיך דיך נאָך אויס פּרובן מיט לוסטיגקייט"... — ט. עטינגער, „משלים" 42: „נו לאָמיך שוין אַמאָל הערען, לאָמיך שוין אַמאָל געוואָהר ווערען, איהר ברענגט דאָך מיך אַרײַן אין צאָרען". — „סערקעלע": „נאָר, לאָמעך חאַטשיק שוין וויסען ווער דער חתן איז" (21); „נאָט היצט לאָמעך שטאַרבין אויף דעם אָרט וויא איך שטייא" (73). — „אַלטע אונ נייא": „לאָמיך ניט לאַזען" (7), „אדרבה, לאָמעך זעהן איהר זאָללט האַנדלען אונ וואַנדלען, נאָר אָרדענטליך" (9). — ממ"ס, „פישקע דער קרומער" (אַד. 1888) 37: „באַלד, באַלד! לאָמיך נאָר אַ קאַפּעלע זיך אָפּרוהען"; „ווינטשפינגערל" („פ.-ב." I 21): „... טראַכטענדיג בײַא זיך: לאָמיך אַ הונט פאַרשטאָפּען דאָס מויל". — מ. דלוגאַטש 146: „האָב איך מיך שוין אום גיקעהרט מיטין פנים צו איהם לאָמיך זעהען דעם סוף פון דעם יודעל" (זע אויך ז' 166). — „צווייטער אײַזין באַנד" 31: „איך וועל שוויינען מאַכטייס לאָמיך זעהען". — „מעשה נורא מהצדיק... ר' אלימלך"... 30: „וויל איך נאָר פון אום גוט שמוסון לאָמוך בעסור ענדוגון דאָס פשעטל". — „דער ייד. פאַר פסח" 52: „אָבער לאָמעך זיך אומקערין צו דעם וואָס איך האָב אָן גיהויבען"... — „געשיכטע פון זעלט. ברית" I 5: „לאָמיך פריהר הערען וואָס איהר ווילט" (אויך אַף ז"ז I 16, II 35). — „יקנה"ז" 86:

לאמיך אזוי חיסין פון דיר אונ פון כל הצרות, צי איך הויב אפי״ו אן צו חיסען, וואס דאס איז". — „מסכת פורים" (וו. 1903) 10: „נוא לאָמיך עס חאָטש אָנקוקען!" —

§ 17. — 1) אַ טייל מחברים שרייבען זוגאר: „לום איך" (צייכן באַזונדערע ווערטער!), גלייך ווי די ווערבאַלע פורם וואָלט זיין נישט „לוז", נור „לום".

2) אַז דער „לום" איז אַנ'אַלטע דערשיינונג אין דער יידישער שפראַך, איז צו זען דערפון, אַז די פורם קימט־פור שוין אין פראַגער „המגיד" (1675): „שטיא אויף דוא גוט מיט דיינם צארן אויף מייני פיינד אויך אויף זייני ברידר אונ' זונגשט די אנרן פלשתים שטיא אוף זיא אונ' לאם איך ניט אין איר הענט איבר ענפרט ווערן" (תה״ים ז' ז')[48]; „לאם איך לערנן דיא זינדיגר דיין וועג" (נ״א ט״ו)[49]; „זיא זאלן קומן אן מיך דייני דער ברמיקייט אונ' לאם איך לעבן דען דיין תורה איז מיין דער טייאונג" (קי״ט ע״ז)[50]; „אונטר לעהן מיך אונ לאם איך גיהאלפן ווערן"... (קי״ט קי״ז)[51]; „אונ' דאז גרעכטקייט פון דיין בצייגנס מאך מיך צו איבג פריבן אונ' לאם איך דר דארך לעבן דען די תורה איז דאז לעבען פון מענש" (קי״ט קמ״ד).[52] — אין „תה״ים", וואָס געדרוקט אין „ספר תחינות" (פראַנקפורט אַפן מיין 1714): „לאם איך לערנן דיא זינדיגר דיין וועג"[49]; „לאם איך ניט פר זונקן ווערן לאם איך ביש׳רמט ווערן פון מייני פיינט אונ' פן דיא טיפן וואשר"...[53] (ס״ט ט״ו אונ ט״ז).

3) משה מאַרקוזע ע״ז: „לאם איך בייא אייך: פון אייערנט וועגין: פועל זיין: ראם אין איטלעכר שטאט: אדר שטעטיל: זא״ין אלי לייענן פון זייער גיזונדה״יט וועגן מיין ספר". — „שבחי בעש״ט": „לאָם איך זעהען"...— „ערשטער יוד. רעקרוט" 58: „לאָזט מיך לאָם איך חאָטשע אָן טאַפּין"; „שטערינטיכל" 49: „לאָם איך פאַרגעסין אין מיין לייד"[54]. — „סערקעלע" 16: „אדרבה לאָם איך וויסען וואָס דיין מיינונג איז קיגין מיר"[55]. — מאַקמאַן: „גייא אַ וועק! לאָם עך פריער!"[56] (34), „זאָגטס אַדרבה לאָם איך הערין!" (125). — „דאָס פוילישע יונגעל" 108: „לאָם איך ניט ציזעהן מיינע צרות פאר דיא אוגען"[57]; „דער כלבוניק" (זש. 1876) 34: „לאָם איך שוין בעסער שווייגען"[58]. — „רייזע אין עולם התוהו" 29: „לאָם איך נאָר זעהען"... — „לחיים" 63: „לאָם איך אַזוי גיזונט זיין". — „דער לעבעדיגער יתום" 24: „איר האָט אודאי בראָנפען? אונ עפּיס צו בייסען אויך!... גיט אַהער קינדער! לאָם איך כח האָבען אַז איך זאָל מיך דערשלעפען צו מיין שטיקעל אָרט"[59]; „דער קאָמיסיאָנער" 8 פ.: „גיב איהם געלד אונ לאָז ער פאָדרען קיין באַלטע אויפען יריד,... אונ לאָז מיט איהם שמחה משה מיט פאָהרען..., אונ לאָז ער עפּיס אָנהייבען אין אַ גוטער שעה צוא טאָן, לאָם איך עס זעהען מיט מיינע אויגען כל זמן איך לעב!"[60] — „ס' סיפורי מעשיות" [[[ (וו. 1881) 9: „לאָם איך גיין אויף דעם וועג טאָמיר וועל איך קומען צו איין ישוב". — „הגדה פון יעקינא" (וו. 1881) ] 12: „יעקינא מיין קונד מיין איינציגער בן יחיד קום אַהער לאָם

19: (לעמב. 1882) „דאָס ליד פֿון ראַבאָניק" — „איך דיך בענטשען".[61] „נעמטצ מיך אַוועק לאָם איך חאַטשׂ קומען צו קבר ישׂראל". — „די ראָזע ציווישען דערנער" 36: „לאָם איך נאָהר באַטראַכטין דאָס קלייד"[62]. — „סטעמפעניו" 67: „שאַ, נאָר לאָם איך זאָגען אַקוראַט"...; „יקנה"ז" 21: „זאָגט מיר יאָ אָדער ניין — לאָם איך וויסען, לאָם איך מיך אויפהערען צו פּלאַגען אומזיסט"..[63] — פ. זאַמושטשין 18: „לאָם איך מיר שוין געהן, איך וויל ניט זיין דערביי"[64]. — „דער כהן" 77: „לאָם איך איבער לעזען נאָך אַמאָל דיא בריף". — י. דינעזונס „הערשעלע" 72: „און לאָם איך קיין כפוי טובה נישט זיין"... — אויך באַ א. מ. שומאַן 6, 17פּ. —

§ 18. — 1) די שריפטשפּראַכליכע פֿורם אַנטשפּרעכט אַן׳עקזיסטי־רענדיקער מונדאַרטליכער.

2) דורף לעשנע (וואַרש. ק.): „לום איך (ו לאַנג) מעך נעמע צי די זאַך". — אַנאַלאָגיש אין וואַרשע, ראַדזימין א. אַ. וו. — קרעמעניק: „לום עך נו פּריוון"... (ו אין ווערב לאַנג).

3) צוויי באַזונדער־אַרויסגערעטע ווערטער הערען זיך באַשיימפּער־לעך, ווען די לוגישע באַטאָנונג פאַלט אַפ׳ן פּירוואָרט, וועלכעס באַקומט דעריבער דעם הויפּטטאָן. „לום" בלייבט דערביי דאָס רוב אויך אונטער הויפּטטאָן (וואָס ווערט בלויז קוים־קוים אָפּגעשוואַכט). צוויי הויפּטטאָניקע זילבען איינע נאָך דער אַנדערער ווערען אויסגעשפּראָכען נישט מיט זילבענגרענעץ, נור מיט וואָרטגרענעץ. —

§ 19. — 1) דאָס איבערטראָגען פֿון ־מ־ אויס „לומיך" (= „לוז מיך") אין „לומיך" (= „לוז איך") לאָזט זיך אפשר דערקלערען דערמיט, וואָס פאַראַן ווענדונגען, ווען מ׳קען אַלצאַיינס (נישט צו ענדערען דעם זין פֿון זאַץ) זאָגען „לוז מיך" אודער „לוז איך".

2) זע, צ. ב., אויוועז די ציטאַטען, אַף וועלכע עס באַציען זיך די אָנמ. 55 פּ.

3) כאַראַקטעריסטיש איז אויך, וואָס אַקייגען דעם „לום איך" פֿון פּראָגער „המגיד" און פֿון „ספר תחינות" הובען וויצעג־הויזען און בליץ אַמאָל: „לוז מיך" (זע אָנמ. 53). — אויך די פאַרשידענע אויסגאָבען פֿון „מגישי מנחה" (זע אָנמ. 48 — 53), הגם די לעצטע אויך „לוז איך" (אָנמ. 49, 53). — אויך אין „ספר תחינות" קומט אַמאָל פֿור „לוז מיך" אַקייגען „לום איך" פֿון פּראָגער „המגיד" (זע אָנמ. 51).

אָנמערקונג. — אין אַמסטערדאַמער „מגישי מנחה" פֿון יאָר 1792 אַמאָל: „לוז מיר" (= „לוז מיך"): זע אָנמ. 50פּפּ. — אַלזו: דאַטיוו שטאַט אַקוזאַטיו. אויספּירליכער וועגען דעם אַף אַנ־אַנדער אורט. —

# נומיך.

§ 20. — 1) האַרקאַווי 211: „נאָ'מיך" (— „לאָ'מיך" = „לאָז מיך" — "let me„).

2) העכסט־וואָרשיינליך פּרודוקט פון אַסימילאַציע: ל־ אונטער ווירקונג פון ־מ= אַבערגעגאַנגען אין נ־ [41]. —

# אָנמערקונגען.

1) קרעמעניץ: „לומאַ"; וואַרשע: „לומו"; גרודזיסק, סיכאַטשעוו א. אַ. וו.: „לומע". —

2) „... כמנהג ליטא רייסין זאמיט ושארי קהלות. עם שני באירים טובים חדשים מקרוב באו זה שמם וזכרם בית לוי, מטה לוי: ונתוסף ביאור אשכנזי. נדפס בשנת ארי' שאג מי לפ"ק". — אורט פון דרוק ניט אָנגעוויזען. $8^0$. —

3) איבערזעצונג פון: „באו נשתחוה"... — אין אַמסטערדאַמער „סליחות מכל השנה כמנהג ק"ק אשכנזים יצ"ו" (חלק שלישי; ת"פ — 1720; $4^0$) א'b, איז די שטעלע איבערזעצט: „קומט מיר ־וועלן זיך בוקן"; אין ווילנער־גראָדנער „סדר סליחות כמנהג ליטא ורייסין וזאמיט יצ"ו" (תקפ"ג — 1823; $4^0$) ב'b: „קומט מיר וועלן בוקן"... —

4) עלטערער אויסגאַבע אין $4^0$, אָהן פּאַגינאַציע, אָהן באַצייכנונג פון דרוק־אורט און דרוקיאָר. — זע „קונס." I 268. —

5) אויך: „לאָמער"... — 6) אויךאַף ז' ח' (2מ'). —

7 אויך אַף ז' כ"בb, כ"טb, ל"א. —

8) אין וואַרשעווער אויסגאַבע 1837: „לאָז מיר זעהן בייא (משה רבינו ע"ה)"; — אין פּיריצקער 1790, אין גוווידוורער 1797, אין אוסטרער 1814: „לאָזן מיר"... —

9) אויך אַף ז' 24 א. אַ. וו. - ז"ז 48, 78, 80: „לאָמער". —

10) אויך אַף ז' 45. — 11) אויך ז' 49. —

12) אויך I 44, 46 א. אַ. וו. — 13) „לאָמער". —

14) אַלס אויסנעם. נורם אין דעם ביכעל איז „נו מיר" (זע § 7 פּ. 2). —

15) „לאָמנר". — דאָס ביכעלע איז געזעצט דאָס רוב מיט ן אַלס גראַפישער צייכען פאַר'ן ווקאַל i (פאַרגלייך „זאַם". II 274פ.). —

16) „לאָמיר לאָזן זיין טאָכטער אַליין און לאָמיר גיין צו אונזער קאָהן". —

17) ז' 44: „טהייערע לעזער! לאָמיר לאָזען אַלע שטיבער אויף הפקר און לאָמיר געהן אַבויסעל אין בית־המדרש". —

18) זע מיין „קונס." I 242. - 19) „לאָמיר" און „לאָמער". —

20) I 12, 14, 24: „לאָמער"; 9, 15, 20, 22, 31פ, 34פ.: „לאָמיר". —

21) „יעצט מײנע ליבע לעזער לאמיר לאזון שטעהן אונזער הער דאקטאר". —

22) „לאזון מיר אַרױף גײן צום הײלוגגן מגלה עמוקות אונ לאמיר אום דער צײלון".. — זע אנמ. 15. —

23) „לא'מיר, לאמיר". —

24) זײער אופט מיט אופטאטױוען ניואַנס. — זע אױך אנמערקונגען 22, 25פּפּ., 50. —

25) איבערזעצונג פון: „באו נשתחוה ונכרעה לפני יהוה עושנו" (תהלים צ"ה ו'). — אין „מגישי מנחה" (אמסט 1778; 1792; װין 1814): „קומט איר יסראל אונ' לאזין מיר זיך בוקין אונ' לאזין מיר קניאן פאר גאט אונזר בישעפר". — אין „ספר תחינות" (פראנקפורט אפ'ן מײן 1714): „קומט אונ' לאזן מיר זיך בוקן אונ' קניאן מיר װעלן לובן פאר גאט אונזר בישעפר". — אין „סדר תהלים מסודר כפי ימי השבוע" (דיהרנפורט תק"נז): „קומט לאזן מיר זיך נייגן אונ כיר װעלן קניאן לאזן מיר נידר קניאן פר גאט דער אונש בשאפן האט"; אנאלוגיש אין „סדר קרבן מנחה" $4^0$ [יוזעפוף, תקפ"ז (?)], אין „סידור קרבן מנחה" $4^0$ (װיל. 1857).

באַ װיצענהױזען: „קומט מיר װעלן זיך נייגן אונ' מיר װעלן זיך קניהן' מיר װעלן הויארן צו פאר גאט אונזירם בישעפר". —

26) איבערזעצונג פון „לכו נרננה לה' נריעה לצור ישענו: נקדמה פניו בתודה בזמירות נריע לו" (תהלים צ"ה א' און ב'). — אין „סדר קרבן מנחה" (יוזעפוו): „גייט אהער לאזן מיר זינגן צו גאט לאזן מיר שאלן צו דען שטארקן אונזרש הילף לאזן מיר זיין אן נזיכט פאר קומן מיט דאוק זאגונג לאזן מיר צו אים שאלן מיט לוב גזאנג"...; אנאלוגיש אין „סידור קרבן מנחה" (װיל.).

אין פראגער „המגיד": „גיט צו מיר אונ' מיר װעלן זינגן פר גוט מיר װעלן שלין צו דעם שטערקן אונזר העלפר: מיר װעלן פידרן פר אים מיט לוב מיט לוב װעלן מיר עלין צו אים"; — װיצענהױזען „גיט אונ' מיר װעלן פריליך זינגן צו פאר גאט' מיר װעלן שאלין צו דעם שטארקן פעלזן פון אונזרי הילף: מיר װעלן זיך פערדירן פאר איסו מיט לוב' מיט לוב גיזאנגן װעלן מיר צו אים שאלין"; — „מגישי מנחה" אמסט. 1778; 1792; װין 1814): „גיט צו מיר אונ' מיר װעלין זינגן פאר גאט מיר װעלין שאלין צו דעם שטארקן גאט אונזר העלפיר: מיר װע־לין פריא זינגן פאר אים מיט לויב$^0$מיט לויב װעלין מיר שאלין צו אים". —

27) איבערזעצונג פון „ויאמר אליה קומי ונלכה" (שופטים י"ט כ"ח). — אנאלוגיש אין „מגישי מנחה" (אמסט. 1768; 1777; 1794).

באַ בליצען: „אונ' ער זאגיט צו איר שטיא אויף' אונ' לאזאונש ציהין"; באַ װיצענהױזען: „אונ' ער שפראך צו איר שטיא אויף אונ' מיר װעלן גין". —

28) אויך אַף ז' 46. — 29) אויך ז"ז 5, 9. —

30) אויך ז' 12. — 31) אויך ז"ז 11, 27פּ. א. א. װ. —

32) י. אַקסענפעלד, „דאס שטערנטיכל" (לייפציק 1862) 12: „קים

צוחער, גישווינד, לאממיר הערין, וואס דער אחביראש וועט זאגין". —

33) אין נישט „לוזן". — 34) אויך ז"ז 12, 16. —

35) נורם אין דעם אויסגאַב: ז"ז 20, 22פ., 42פ., 59, 83. —

36) אויך ז"ז l 24, 39, 41, 46, 50; ll 1, 3, 23. —

37) אויך ז' 70 א. אַ. וו. —

38) נאָמען און נומער געדענק איך נישט.—

39) „דיא טויטע רעביצין" איז, וואַרשיינליך, ווערק פון אַ ליט־ווישיידישען מחבר, קע מען האַלטען פאַר זיכער, אַז „גאָמיר" דורט דאַרף מען לייענ[ען]: „גומיר". —

40) זע באַזונדערס די ציטאַטען אויס „לחיים". —

41) נישט אין m, אַלזו געבליבען די רענטאַלע אַרטיקולאַציע. —

42) אין „לחיים" — אַ זאַץ, וואָס איז אין דער הינזיכט כאַראַקטעריס־טיש: „נוא נזא מיר זיך איבער בעטין". — [אף ז' 62, ווידער: „גזא מיר וועלין איצטער שפילין אין פאַנדע"]. —

43) פאַר רומני הוב איך פעסטגעשטעלט, אַז עס איז u.

איך רעכען, אַז דאָס, וואָס דר ייזין לייענט דעם וואָקאַבעל סיסטעמאַ־טיש אויס מיט =ף, קען אויסגעטייטשט ווערען טאַקע אין דעם זין, אַז דאָס אות טראַנסקריבירט בא אים (ווי בכלל אין ליט[ווי]שיידישען) דעם וואָקאַל u. —

44) ll 80: „לאָזמיר געמאַך"... —

45) הויפטטון אַפ'ן פרונומען. —

46) הויפטטון אַף „לוז". —

47) -ן אין אויסלויט (פון הויפטטוניקער ענדזילב) בא ווערבאַלע פורמען אַסימי־לירט זיך אין יידישען דאָס רוב מיט'ן אַנלויט פונ'ם ענקליטישען וואָרט. — צ.ב. אין קרעמענ[י]ץ: „וואַנו'"... („ווייז נור"...), „וואַמאַ"... („ווייז מיר"..), „אי־מין"... („איז מען"...), „ס'אימאַ ניש גיט" („ס'איז מיר"...), „לונו"... („לוז נור"...) וכ'. —

48) אַ בערזעצונג פון: „קומה יהוה באפך הנשא בעברות צוררי ועורה אלי משפט צוית".

ווי צענהויזען זעצט איבער: „גאָט שטיא אויף אין דיינם צארן' זייא דיך דער היבן מיט גרים צארן' [אויבר] מייני ליידינר' אונ' דער וועק צו מיר [ד.ה. איך קאן טון] גיריכט דאש דוא האשט גיבאָטן".

בליץ: „זייא דיך דאך אויף מאכין גאָט' מיט דיינום צארין' זייא דיך דאך ער היבין' אום דען גראָס שאַפט מיינר ליידיגירש ווילין' אונ' זייא ער וועקן אויף מיך' דאש רעכט' דאש דוא גבאָטין האשט".

„מנישי מנחה" (אמסט. 1778): „שטיא אויף דוא גאָט מיט דיינם צארן אויף מייני פיינד אויך אויף זייני ברידר אונ' זונשט דיא אנדרי פלשתים שטיא אויף זיא אונ' לאזמיך גיט אין איר הענט איבר ענטפרט ווערן אונ' זייא דיך דר היכן אונ' ברימן מיט דר גרים צארנדיגי נקמה דאש דוא ווערשט ווייזן אויף מייני לייד[י]גר' אונ' דר וועק צו מיר דאש איך ווער קענן טון אן זיא נקמה' וויא דוא האשט גבאָטן דאש איך זאל דיא אומות צו ברעכן מיט דר

א"זרני רוט". — אנאלוגיש אין „מגישי מנחה" (אמסט. 1792; ווין 1814).—

49) איבערזעצונג פון: „אלמדה פשעים דרכיך וחטאים אליך ישובו".

וויצענהויזען זעצט־איבער: „איך וויל דיא מיסטעטיר דייני וועג לערנן". — בליץ: „זוא ווער איך דיא מיסטעטיר' דייני וועגין לערנין". — „מגישי מנחה" (אמסט. 1778): „לאז איך לערנן דיא זינדגר דיין וועג"; אויך אין אמסט. „מגישי מנחה" (1792) אזוי.— אין ווינער „מגישי מנחה" (1814): „לאז מיך לערנן די זינדיגר דיין וועג". —

50) איבערזעצונג פון: „יבואוני רחמיך ואחיה כי תורתך, שעשועי". — וויצ.: „לאז דייני בארים הערציגהייט אויבר מיך קומן אונ' איך ווערד לעבן בלייבן"...; בליץ: „לאזין מיר דאך דיין בארים הערציקייט איביר קומין' דאש איך קאן לעבין"...; „מגישי מנחה" (אמסט. 1778): „זיא זאלן קומן אויף מיר דייני דר בארמיקייט' אונ' לאז מיך לעבן"...; „מג. מנחה" (אמסט. 1792): „זיא זאל קומן אויף מיר דייני דער בארמיקייט' אונ' לאז מיר לעבן"...; ווינער „מגישי מנחה" (1814): „זיא זאלן קומן אויף מיר דיינר דר ברמיקייט אונ' לאז מיך לעבן"...; — „ספר תחינות": „עש זאל קומן אן מיך דייני דער בארמיקייט אונ' לאס מיך לעבן"... —

51) וויצענהויזען: „אונטר לעהן מיך אונ' איך ווערד גיהאלפן ווערדן"; — בליץ: „זייא מיך דאך אונטר לענין' זוא ווער איך גיהאלפין"; — „מגידים" (אמסט 1778): „אונטר לעהן מיך אונ' לאז מיך גיהאלפן ווערן"; — „מגישי מנחה" (אמסט 1792): „אונטר לעהן מיר אונ' לאז מיר גהאלפן ווערן"; — ווינער „מגישי מנחה" (1814): „אונטר לעהן מיך אונ' לאז מיך גיהאלפן ווערן"; — „ספר תחינות": „אונטר לעהן מיך דוא מיין גאט אז דיין זאג אונ' לאז מיך לעבן". —

52) איבערזעצונג פון: „צדק עדותיך לעולם הבינני ואחיה". — וויצ.: „דיא גירעכטיגהייט פון דייני גיצייגנוס זיינן צו אוויגהייט' מאך מיך [זיא] פאר שטין' אזא ווערד איך לעבן"; — בליץ: „דיא גרעכטיקייט דיינר גצייגינוס' זייני אין דער איביג הייד' זייא מיך דאך מאכין פריבין' זוא ווער איך לעבין"; — „מגישי מנחה" (אמסט. 1778): „אונ' דש גרעכטיקייט פון דיין בצייגנס מאך מיך איביג פריבן אונ' לאז מיך דר דארך לעבן דען דיא תורה איז דז לעבן פון מענשין"; — „מגישי מנחה" (אמסט. 1792): „אונ' דאש גרעכטיקייט פון דיין בצייגנים מאך מיך צו איביג פריבן אונ' לאז מיר דער דארך לעבן"...; ווינער „מגישי מנחה" (1814): „אונ' דאז גרעכטיקייט פון דיין בצייגנס מך מיך צו איביג פריבן אונ' לאז מיך דער דארך לעבן"...; — „ספר תחינות": „אונ' דש גירעכטיקייט פון דיין ביצייגנים איז צו איביג פריב מיך אונ' לאז מיך לעבן"... —

53) און ווייטער: „... לאז מיך ניט פאר פליצן דיא שטארם וואשר אונ זאל מיך ניט איין שלינגן דיא טיפנים אונ' לאז ניט בישליסן אום מיר דיא גרוב איר מויל"...

איבערזעצונג פון: „... ואל אטבעה אנצלה משונאי וממעמקי מים: אל תשטפני שבולת מים ואל תבלעני מצולה ואל תאטר עלי באר פיה..."

די ציטאַטע איז זייער אינטערעסאַנט: „לום מיך" איז איבערזעצונג פֿון די ערשטע צוויי שפּאַצירטע העברעישע ווערבאַלע פֿורמען, וואָס זענען גענומען נאָך דער ערשטער פּערזון; — „לוז מיך" איבערזעצט די דריטע פֿורם, „זול מיך" די פֿערדע און „לוז ניט" די פֿיפֿטע, וואָס באַציען זיך אַלע אויף די דריטע פּערזון.

אַנאַלאָגיש אין פּראָגער „המגיד": „לאם איך ניט פֿר זונקן ווערן לאם איך בשירמט ווערן פֿון מייני פֿיינד אונ דיא טיפֿן וואשר: לאזן מיך ניט פֿר פֿלייצן דיא שטראם ווסר' אונ' לאז מיך ניט איין שלינדן די טיפֿנס אונ' לאז נים בשליסן אום מיר די גרוב איר מויל".

באַ חיצענהויזען, אובער: „... לאז מיך נים פֿאר זינקן' לאז מיך בישירמט ווערדן פֿון מייני פֿיינדן' אונ' פֿון דען טיפֿי וואשיר: לאז מיך דער שטראם וואשיר ניט פֿאר פֿליצן' אונ' לאז מיך דיא טיפֿנים ניט פֿאר שלינדן' אונ' לאז דיא גרוב איר מויל ניט צו שליסן אויבר מיר". — בליץ: „... לאז מיך דאך נים פֿאר זינקין' לאז מיך דאך ווערדן בשירמט' פֿון מייני האסירש' גליך אויש דיא טיפֿטי דער וואשירין: לאזין מיך דאך דיא וואשיר שטראמין' ניט איביר פֿליצין' אונ' דיא טיפֿטי לאז מיך דאך ניט איין שלינדין' אונ' לאז דר ברונין איר מונטלאך איביר מיך ניט צו שליסין". — „מגישי מנחה" (אמסט. 1778): „... לאז איך ניט פֿר זונקן ווערן' לאז איך בשירמט ווערן פֿון מייני פֿיינד אונ' פֿון דיא טיפֿן וואשר: לאזן מיך ניט פֿר פֿליצן דיא שטראם וואשר' אונ' לאז מיך יט איין שלינדן דיא טיפֿנס אונ' לאז ניט בשליסן אום מיר דיא גרוב מיר מויל". — „מנישי מנחה" (אמסט. 1792): „... לאז מיך ניט פֿאר זונקן ווערן' לאז איך בשירמט ווערן פֿון מייני פֿיינד אונ' פֿון דיא טיפֿי וואשר: לאז מיך ניט פֿאר פֿליצן די שטראם וואשר' אונ' לאז מיך ניט איין שלינדן די טיפֿנים אינ' לאז ניט בשליסן אום מיר די גרוב איר מויל". — אין ווינער „מנישי מנחה" (1814): „... לאז איך... לאז איך... לאז מיך... לאז מיך"... —

54) אויך ז"ו 32, 118. —

55) אין דער פּראָזע ווערט, אייגענטליך, געקענט שטיין אויך: „לוז מיך"... ,און דער זין וואלט ווייניק וואָס געווען געענדערט. — אויך אַף ז"ז 35 פּ., 43, 60, 71. --

56) ס'וואָלט געקענט זיין: „לוז מיך"..., נישט צו ענדערן דעם זין אַף אַ האָר. —

57) אויך 12, 28, 35, 43 א. אַ. וו. — „דאָס חסידישע יונגעל" (חיל. 1897) 208 א. אַ. וו. —

58) אויך ז' 35. — 59) אויך ז' 39. —

60) אויך אַף ז"ז 16, 38, 40, 53, 60, 83, 86 פּ. א. אַ. וו.; — אין „מעזיניקעל" ז' 19 פּ.; — אין „געשיכטע פֿון זעלט. ברית" I, 6, 13, 15; II, 4, 6 פּפּ; III 10פּ., 13. —

61) אויך ז"ו I 24 פּ., 27. — 62) אויך 45, 66, 70. —

# מאַטעריאַלען צו דער כאַראַקטעריסטיק
# פון דער יידישער קאָניוגאַציע.

§ 21. — די פּאַראַדיגמע פון דער יידישער קאָניוגאַציע איז מונדאַרטליך נישט אַזוי איינפאַרביק, ווי אין אונדזער ליטעראַרישען יידיש. די יידישע מ"מ פאַרמאָגען אַף דעם געביט העכסט אָריגינעלישע דערשיינונגען פון אַלגעמיינער נאַטור, ווי אויך אינטערעסאַנטע איינצעלפאָרמען. —

## ערשטע פערזון פון מערצאָל.

[פאַרוואַנדלונג פון פערזענליכען פירוואָרט אין פלעקסיע (דורך אַסימילאַציע און צונויפוווקס); איבערחזרונג פון פערזענליכען פּראָנאָמען].

§ 22. — [סינטאַקסישעם]. — 1) פערזענליך פירוואָרט שטייט אין יידישען געוויינטליך פאַר'ן ווערבום פיניטום.

ווינצענהויזען: „מיר ווישן ניט וויא פיל מיר זעלין דינן [פאַר גאָט] ביז מיר דארפן הין קומן" (שמות י' כ"ו); „מיר ווישן ניט וואש מיר זעלן טון" (דברי הימים ב. כ' י"ב); „אונ' מיר וואלטן [גערין] ווישן' אוב אונזר וועג ווערט בינליקן' דא מיר אויף נין" (שופטים י"ח ה'); „...אַף דיא טעג דאש מיר מיט אינן גינאנגין זיין" (שמואל א. כ"ה ט"ו); „מיר זיינן גיגאנגן דארך דאש לאַנד" (זכריה א' י"א); „מיר וועלן שעכטן צו [פאַר] גאָט אונזרם גאָט" (שמות ח' כ"ג); „מיר וועלן ניט דארך דען אקיר אודר דארך דען וויין גארטן אויבר פארן' אודר מיר וועלן דאש וואשיר פון דען ברונן ניט טרינקן" (במדבר כ' י"ז).

מז"ס, „יוינגשפּינגערל" [וואַרשע, 1865 (?)]: „מיר געבען אַמאָל דעם אַנדערען צו לייזען מזומן אָדער מאַכען אַ חילוק, וויא עס לאָזט זיך", „...כדי מיר זאָללען זיך ניט מיידען" (3); „איך האָב אַרויס גענומען מיין פעקיל סחורה. רעב סענדעריל זיין פעקיל אונ מיר האָבען געשטעכעוועט", „אַז מיר האָבען אַלסדינג גיעקט"... (5); „מיר זאָללען זיך נאָך אַ מאָל געזונטערהייט זעהן" (42).

2) זייער אָפט קומט, אָבער, דאָס פערז. פּראָנאָמען נאָכ'ן ווערבום פיניטום (צוליב סינטאַקסישע סבות), — ענקליטיש.

ווינצענהויזען: „עס זאל ניט איין קלוא איבער בלייבן׳ דען דא פון מוזן מיר נעמען׳ גאט אונזרם גאט צו דינן“ (שמות י׳ כ״ו); „דא האבן מיר צו מיינם הערן גיזאגט“ (בראשית מ״ד כ״ב); „וואש זעלן מיר זאגן צו מיינם הערן“ (בראשית מ״ד ט״ז); „וואו הין זעלן מיר אויש גין“ (ירמיהו ט״ו ב׳); „וואָרום דאש דאזיג זיינן מיר אויש (מצרים) גיגאנגן“ (במדבר י״א כ׳); „מיר וועלן גין מיט אונזרי יונגי׳ אונ׳ מיט אונזרי אלטי׳ מיט אונזרן זינן׳ אונ׳ מיט אונזרן טעכטר׳ מיט אונזרן שאף׳ אונ׳ מיט אונזרן רינדר ווערן מיר גין“ (שמות י׳ ט׳); „צו זאגן ניין׳ נייארט אין דאש לאנד פון (מצ״ים) וועלן מיר קומן׳ דאש מיר ניט ווערן זעהן שטרייט׳ אונ׳ דיא שטים פון דעם (שופר) ווערדען מיר ניט הערן׳ אונ׳ מיר ווערדן ניט הונגירן נאך ברוט אונ׳ דארינן וועלן מיר בלייבן“ (ירמיהו מ״ב י״ד).

„ווינטשפינגערל“: „נוא. נוא. האָבען מיר ביירע מיט גרויס שמחה גזאָגט, דאָס איז בהשגחה“... (3); „אז מיר האָבען אונזערם אָפּגעשמיככט, האָבען מיר זיך גענומען צום עסק“ (5); „פאַר וואָס זאָללען מיר ניט אַזוי גליקליך לעבען וויא אַנדרע?“ (27). —

**§ 23.** — [אַסימילאַציע און צונויפוווקס]. — **די ענקליטישע שטעלונג פון „מיר“ איז גורם די אַסימילאַציע פון אויסלויטנאַזאַל אויס דער פלעקסיע פון ווערבום פיניטום, וואָס שטייט פאַר׳ן פירוואָרט** (פאַרגלייך § 3). **דאָס פירוואָרט ווערט דערביי צוגעוואַקסען צום ווערב** (פאַרגלייך § 4). —

**§ 24.** — [ביישפילען אויס דרוקווערק]. — **די פורמען, וואָס זענען פועל־יוצא פון אַסימילאַציע** (און צונויפוווקס), **וואַרפען זיך דורך זוגאַר אין דרוקווערק:**

„שבחי בעש״ט“: „אונ דו זאָלסט וועלען ווע׳ מיר[2] דיך פירען קיין ארץ ישראל“. — „סערקעלע“: „איך וועל מיט עהם בענאַנד דעם בחור נוט אויס פרעגן ווע׳ל מער[2] אַוודאַי פון עהם גיוואָהר ווערין“ (50). — מאַקמאַן: „באַ אַן איינגעהייער שרעקליך טאָעל... זעמער[3] פליצלינג שטיין געבליבן“ (96); „אַללעס שכנים, פלעג מער[4] אַלץ אין איינעם“... (80). — „זווגים“ (ווי. 1874) 43: „קאָם גאָלדענער פריינד! וועל־מיר נעהן“. — „לחיים“ 28: „וועניגער זאָל מיר[5] ניט נעמען“. — „דער לעבעדיגער יתום“ 27: „נאָ?... וועל מיר געהן אַלע אין איינעם“. — „הגדה פון יעקינא“ (ווי. 1881) I 25: „ווי פול זעמער דאָ“... — „דאָס ליד פון ראַבאָנעק“ 43: „זאָלמער[5] שוין דאָך הערין דיא בשורה“... — „געשיכטע פון זעלטענעם ברית“: „מאָרגין פאַר טאָג פאָר מיר[6] אַרוס“ (III 21); „מעך וועסטו נעמין שטעל מיר[7] אחופּה“ (I 15); „ווע׳ל מיר אין איך ניט פאַר געסין“ (I 5); „אַדרבאָ וועל מיר[8] זיך אַלי אין איינים איין עצה האַלטין“ (III 7); „וויהין זאָל מיר פאַר פאָרין“ (III 55). — ב. שאַפּיר,

„סעלאָדיען" II (קראָקע 1886) 33: „אוי עס איז וואָהל! וואָס האָמער[9] דען צו קלערען".

אָנמערקונג. — ווי מיר זעען, ווערט אין די אַסימילאַציע אַמאָל אַרייַנגעצויגען אויך דער אָנלויט פון דער ענדזילב (אַלזו, אַ לויט פון שטאַמזילב). —

**§ 25.** — [פאַרוואַנדלונג פון פירוואָרט אין פלעקסיע]. — **מיט דער צייַט הוט דאָס שפּראַכאַנטפּינדען פון פולק אָנגעהויבען דעם צוגעוואַקסענעם פּרונומען אויפצופאַסען אַלס פלעקסיע, און דער צוזאַמענוווקס הוט מונדאַרטליך צום צווייטען מאָל באַקומען דאָס פּערזענליכע פירוואָרט („מיר" אודער „אונדז"). —**

**§ 26.** — [בייַשפּילען אויס דרוקזאַכען]. — **פורמען מיט פירוואָרט אַלס פלעקסיע און מיט איבערגעחזרטען פּערזענליכען פּרונומען וואַרפען זיך דורך אויך אין דרוקזאַכען. צ. ב.:**

שלמה עטינגער, „דאָס ליכט" („יודישעס פאָלקס־בלאַט", פּעטערבורג, 1886): „צו דער מלאכה וואָס מע מאַכמער אַצונד", „דאָס וואָס מע ווילמער דאָ מאַכען און מע שמעלצמער איצט אין פייער"...; אין זיינע „משלים": „משונע העטמער איצט געדאַרפט צו ווערען, מע זאָלמער וועלען דעם אינדיק צו הערען" (10); „מע וויסמער, דו ביזט נישט שולדיג" (29); „אונז שרייבערס זעמער די שטיללע בין" (117).

„סערקעלע": „מעהאָמער נישט גיזאַלצועט" (56); „מעהאָמער זיך גוט מפטיר גיקויפט" (58); „איך און דוא האָמערעס נישט גינומען" (59); „...גישיקט אַז מען זאָלמער[11] דאָ זעהען"... (51); „מיר זעמער דעך יעצט שכנים" (21); „נאָר מען[12] זעמער דאָך שוין אין דער אַרבעט מיר קעמער עס דאָך שוין ניט בעסער מאַכין" (51); „טאַטעניאָ אונס זעמער אינשולדיג" (73); „מע קומער[13] דאָך אַרויס פון איין טאַטע מאַמע" (77); „אונז וועמער שוין ניט... שטאַרבען" (5); „מע וועמער זעהען" (18); „מע וועלמער[14] אַוודאי מיט נאָטב הילף אַלס בייַא זייא אויס פאַרשטין" (49); „אוי ווייא מיר מען[12] וועלמער דאָך איצט שטאַרבען"... (77).

„קומעט" (וו. 1857): „אינס גלייב מיר געכיר" (28); — „אינס זעמיר גרויסע לייט" (26).

מאַקמאַן: „מע קעמער זעך קיין מאָהל נישט פערגלאַכין" (24); „...צו דער מאַנען! וויא מע זעמער אויפין בעלעמער געשטאַנען! אין מע האָמער זעך דיא הענר גענעבין!"... (37); „געהערט... וויא מע האָמער געשמיסן" (131); „דער מאַן און איך, האָמער לאַנג שוין אַ ויכוח" (24); „דורך דעם איז געבליבען... אַז מע זאָללמער... זיך געבין תקיעת־כף"... (25); „אינץ זאָל מער" (81, 137).

„זווגים“: „פריהער, עה׳ מיר זעמער אהער געקומען“ (40).—אויך אף ז"ו 76, 78.

„דאס ליד פון ראבאניק“: „מיר האפמער אז אזוינע שרעקליכע וואכען וועט שוין מער נישט זיין“ (53); — „דערבארעם זעך איבער דיינע קינדער אונץ זאל מער שוין דאך האבען די ישועה“ (44), „גאט פאר בעסער שון די צייט אונץ זאלמער נישט ארום גיין אזוי ווי אין חלום“ (45); — „אונץ זעמער[15] נעביך געקומען צו אגיטין שטיינער“ (20); „אויף די קראכמאלנע גאס זעמער אונץ געשטאנען“ (31).

„געשיכטע פון זעלטענעם ברית“ (תרמ"ב): „מען[12] בעט מיר אייך היינט צוא אונז אויף אן ביסין“ (III 56); — „מיר האמיר[16] גיזען“... (I 17); - „מיר ווילמיר אייך עפים בעטין... אונ מיר זעמיר בטוח.. אונ חוץ לזה וויפיל מיר וועלמיר לעבען וועמיר אין אייך ניט פאר געסין“ (I 51); — „יא מיר ווערמיר[17] מאכען פון דעם מיידיל איינגיל“ (II 4); „מען[12] וועל מיר אים צו חאפין“ (III 55).

„חרם דרבינו גרשון“ (ווי. 1882): „זעמיר דיך שטענדיג פריינד גיוועזן“ (17); „וויטער זעמיר דאך אללע גוט אין פרום“ (19); „א אוואיל מיר לעקמיר די פונגער“; „אונץ אללע האלט מיר מיט“ (45).

אנמערקונג. — „קומעט“: „איגנס אביר, פערלאזין מיר זיך נאך נישט אויף דעם קליגען משל“ (21); „בעהט ער... אז אינס זאללן מיר מיט אינזער אייגענעם שכל נאך קלעהרין“ (28). — „סערקעלע“: „אונז האבין מיר דאס אונזעריגע גיטאהן“ (55; זע אויך ז"ז 58, 77); „וואס האסטו מורא אונס וועלין מיר דיר דא גאר ניט טאן“ (51). — „דער מערדער אלס ריכטער“ (לעמב. 1879) 6: „אוך פרענ דוך אויב דיין טאטור וויסט אז אונז האבון מור זוך לוב אונ אויב ער וועט באשטיין אז אונז זאלון מור זוך נעמון“. — „דאס ליד פון ראבאניק“ 8: „וואס אונץ האבען מיר דער לעבט“. — א. קארטושינסקי, „דער חתן“... (ווי. 1882) 10: „דען מיר אלע גאונים... קומען מיר אלע שבת“... — „אזויגדערליכע מעשה פון איין חייט“ (לעמב. 1899) 13: „אונז ווילון מוך[18] זוך אונזער לעבון מציל זיין“. — אלזו, איבערחזרונג פון פירווארט אפילו באם געברויכען דעם ווערב אין קורעקטען געשטאלט (מיט אומבארירטער פלעקסיע). —

§ 27. — [אין דייטשישען]. — די אלע דערשיינונגען זענען אויך באקאנט אין דייטשישען.

1) בעהאגהעל 269 ס.: „מה"ד פעלט אופט שלוס-n בא ערשטער פערזון פלוראליס (פרעזענס אודער אימפערפעקט) פאר נאך איר שטייענדיגען wir („מיר“), זיכער צוליב אסימילאציע מיטן w-: “gebe wir„

(פּרעזענס), "gabe wir" (אימפּערפעקט). דידאָזיקע פאָרמען באַגעגענט מען אין דער שריפטשפּראַך ביז אין זעכצנטען יאָרהונדערט אַרײַן. ווען אָנשטאָט "lassen wir" זאָגט מען אין עלבערפעלד: loffe, לאָזט עס זיך צוריקפירען צו "lât we" (t=אַסימילירט זיך מיט w-, w- פאַרלירט די שטים[19], אַנטשטייט ff-); פּונקט אַזוי איז staigmer אין אימסט אַנטשטאַנען אויס׳ן מה"ד "stîge wir". גאָטשעד הוט דעם טיפּ "gebe wir" אַלס נורם".

2) און נאָך: "אין הײַנטיקען באַירישען איז נאָכפאָלגענדיק פּראָנאָמען אין זײַער אַ סך פאַלען גאָר אָהן צערעמאָניע צוגעוואַקסען געוואָרען צום ווערב, אַזוי אַז ער ווערט אַנטפּונדען אויסשליסליך אַלס ענדונג, און עס מוז נאָכאַמאָל צוגעגעבען ווערען אַ זעלבסטשטענדיק פּראָנאָמען. צ. ב.: "mîr hammer" ("מיר הובען"). "mîr gemmer" ("מיר געבען"). א. אַ. וו." — אין באַירישען אויך: gengemer ("מיר גייען"), stendemer ("מיר שטייען"). — אַלעמאַניש: chömme ("מיר קומען"), gömmer ("מיר גייען"), lömmer ("מיר לאָזען"), stömmer ("מיר שטייען").

3) אויך אין דײַטשישען ווערט, ווי מיר זעען, אין די אַסימילאַציע אַמאָל אַרײַנגעצויגען אַנלויט פון דער ענדזילב (אַלזו, לויט פון דער שטאַמזילב). —

§ 28. — [שריפטשפּראַך און מונדאַרט]. — אין דער יידישער שריפטשפּראַך ווערען אַזעלכע פאָרמען אויסגעמיטען. די בײַשפּילען אין די §§ 24 און 26 זענען אויסנעם: דאָס רײַסט זיך דורך די מונדאַרטיקע פאָלקסטימליכע שרײַבער. אַקעגען·זשע, מונדאַרטליך, זענען די צונויפוואוקסען (אַליין אודער באַלייט פון איבערגעחזרטען פּראָנאָמען) זייער פּאָפּולעריש, אין אייניקע שטעט — נורם. אויספירליכער אין די ווײַטערדיגע §§. —

§ 29. — [אין קרעמעניץ, וואָלין]. — מיר וועלען באַטראַכטען באַזונדער די אַסימילאַציע פון קאָנסאָנאַנטישען שלוסנאַזאַל און פון סאָנאַנטישען. —

§ 30. — קאָנסאָנאַנטישער שלוס-n פון ווערב אַסימילירט זיך מיט אַנלויט m פון פּראָנאָמען; ענדזילבוואָקאַל פאַרבלײַבט (אין שטאַרק רעדוצירטען געשטאַלט), אודער פאַלט-אַרויס (אַנטשטייען טופּע"טע פאָרמען).

1) ווען די ענדונג -ין גייט נאָך וואָקאַלישען אויסלויט פון שטאַמזילב: "אינק געיימאַ, דרעיימאַ, זעיימאַ, טיימאַ[20], נעיימאַ, ציימאַ[20], שטעיימאַ"[21] (דער i פאַר m זייער רעדוצירט); אודער: "אינק געימאַ, דרעימאַ, זעימאַ, טימאַ[20], נעימאַ, צימאַ[1], שטעימאַ".

2) נאָך m: "אינק נעמימאַ, קימימאַ, קעמימאַזאַך, שעימימאַ-זאַך"[22] (i צווישען די צוויי m שטאַרק רעדוצירט); אודער: "אינק נעמאַ, קימאַ, קעמאַ-זאַך, שעמאַ-זאַך".

3) נאָך שטאַמהאַפטיקען n: "אינק וועינימאַ, וואוינימאַ, קע-

ניִמאַ, קוניִמאַ״[23] (i פאַר'ן m שטאַרק רעדוציִרט); און: „איִנץ וועימאַ, ווּימאַ, קעמאַ, קומאַ״[24]. — אובער: „איִנץ זעמאַ״[25].

4) נאָך סופיקסאַלען n: „איִנץ לעיקנמאַ, עפנמאַ, רעכנמאַ״ (סונאַנטיִשער ‎-נ-‎ איִז דאָ אָפּגעשוואַכט מיִט טענדענץ צו רעדוציִרטען סונאַנטיִשען ‎-מ-‎)

5) נאָך ‎-נק-‎, ‎-נג-‎: „איִנץ דאַנקיִמאַ, גיִדעינקיִמאַ, טריִנקיִמאַ[20]; ברעינגיִמאַ, זיִנגיִמאַ[20], קל'יִנגיִמאַ״[20] און, פיִל עפטער (אַלס גורם, קען מען זאָגען): „איִנץ דאַנקמאַ, גיִדעינקמאַ, טריִנקמאַ[20]; ברעינגמאַ, זיִנגמאַ[20], קל'יִנגמאַ״.[20]

6) נאָך נאָכקונסונאַנטיִשען ‎-l-‎: „איִנץ בעיטליִמאַ, ברעקל'יִמאַ, גראַבליִמאַ״, און עפטער: „איִנץ בעיטלמאַ, ברעקל'מאַ, גראַבלמאַ״ (‎-ל-‎ ס'נאַנטיִש). —

§ 31. — סונאַנטיִשער שלוס-n פון ווערב אַסיִמיִליִרט זיִך מיִט אָנלויט-m פון פּרונומען.

1) ווען סונאַנטיִשער ‎-נ-‎ גייִט נאָך r: „איִנץ נאַמאַ, שפּאַמאַזאַך[26]; שוועמאַ-זאַך, שעמאַ-זאַך[27]; פיִמאַ, פריִמאַ[28]; פאָמאַ, פאַשפאָמאַ״[29].

2) נאָך נאָכוואָקאַליִשען l: „איִנץ אַלמאַ-זאַך.[30] וויִלמאַ, שפּיִלמאַ״[31] (i איִן לעצטען ווערב לאַנג). — אויך: „איִמאַ״[32].

3) נאָך t, d: „איִנץ אַרביטמאַ[33], בראָטמאַ״[34]; — „איִנץ באָדמאַ-זאַך, רעדמאַ״[35], וכ׳.

4) נאָך ס, ז, ש, טש, צ: „איִנץ באַסמאַ[30], וועיסמאַ; בלאָזמאַ[36], לוזמאַ, מיִזמאַ; וואַשמאַ, וויִשמאַ; בענטשמאַ, גל'יִטשמאַ-זאַך; זיִצמאַ, טאַנצמאַ״[37], א. אַ. וו.

5) נאָך k, g, ch: „איִנץ באַקמאַ, קנאַקמאַ; בעיגמאַ-זאַך, לעיגמאַ-זאַך; מאַכמאַ, לאַכמאַ״, וכ׳.

6) נאָך f, w: „איִנץ וואַרפמאַ, טרעפמאַ; פּריִוומאַ״[1].

7) נאָך p, b טרעפט זיִך דער אָנלויט-m פון פרונומען מיִט דער סונאַנטיִשער ווערבענדונג ‎-ם‎ („קונס.״ l § 64), וועלכע גיִסט זיִך מיִט איִם צונויף: „איִנץ כאַפּמאַ, שטיִפּמאַ; טראַבמאַ[30] ראַבמאַ״[30] וכ׳. — איִן „איִנץ אומאַ״ („אונז הובען מיִר״) איִז אויך דער b אַסיִמיִליִרט מיִט'ן m. —

§ 32. — אַלס קורץ רעזיומע: איִן די אַסיִמיִלאַציִע ווערט אויסערן אויסלויטנאַזאַל פון דער ווערבאַלער פורם, אַ-ייַנגעצויגען אויך: נאָכוואָקאַליִשער n פון שטאַמזיִלב און, אַלס אויסנעם, איין מאָל l און איין מאָל b פון שטאַמזיִלב. —

§ 33. — באַ ווערבען מיִט העברעיִשען שטאַם: „איִנץ כאַנפיִמאַ[38], סאַרפיִמאַ, גאַנוויִמאַ״[38], א. אַ. וו. —

§ 34. — באַ ווערבען מיט סלאַווישען שטאַם: „אײַנץ בו־רימאַזאַך, פּורימאַזאַך, איל׳ימאַ, דראַפּימאַ, דריפּימאַ, יאַווימאַזאַך, כווימאַ־איף, רעווימאַ, דראַקימאַ, גאַוויאַ־גימאַ, דריגימאַ“[37] א. אַ. ח. א. אַ. וו. —

§ 35. — [אין דרילטש, ראַדעם. ג.]. — סונאַנטישער שלוס־n פון ווערבום פיניטום אַסימילירט זיך מיט דעם אָנלויט־m פון פּירוואָרט, וואָס פאַרוואַנדעלט זיך אין אַ פלעקסיע.

1) ווען דער סונאַנטישער n גייט נאָך r פון דער שטאַמזילבע: „אײַנץ שאַאַמע, שפּאַאַמע־זעך; שווערמע־זעך, שעמע־זעך; פּאַלימע[1], פּרימע[1]; פּאָאָמע[39]“ (דער פאַרלוסט פון r הוט גאָרנישט צו טון מיט אַסימילאַציע: זע „קונם“ l § 26).

2) נאָך גאַכוקאַלישען l: „אײַנץ אַאַלמע־זעך,[40] גיפּעל׳מע־זעך, האַילמע־זעך,[41] ווילמע, צאָאַלמע, קוועל׳מע, שטעל׳מע, שפּיל׳מע“.[1]

3) נאָך t, d: „אײַנץ אַרבעטמע[42], בעטמע, בעיטמע, בראָטמע, דעהאַלטמע־זעך, היטמע[1], וואַרטמע[43], קנעיטמע, שעל׳טמע“; „אײַנץ באָאָדמע־זעך, זידמע[20], לאַאַד־מע, רעדמע, שנאַאַדמע“.

4) נאָך ס, ז, ש, טש, צ, דז: „אײַנץ באַאַסמע, האַיסמע וואָיסמע, עסמע[44], פּרעסמע, ראַאַסמע, שיסמע[1], שמאַ־אַסמע“; „אײַנץ בלאָאָזמע, וואַאַזמע, לוזמע, מיזמע, שפּאַ־אַזמע“; „אײַנץ וואַשמע, ווישמע, לעשמע, פאַלעשמע, מישמע, נאַשמע, קישמע“; „אײַנץ בענטשמע, גל׳יטשמע־זעך, ווינטשמע־זעך, קוועטשמע, קנאַיטשמע“; „אײַנץ האַיצמע, זאַלצמע, זיצמע, טאַנצמע, קריצמע, ראַיצמע, שוויצמע, שמעל׳צמע, שניצמע“; „אײַנץ האַלדזמע“.

5) נאָך k, g, ch: „אײַנץ באַקמע, ברוקמע, האַקמע, לעק־מע, מעל׳קמע, פליקמע, קנאַקמע, ריקמע־אַוועק, שטעק־מע, שרעקמע, שרעקמע־זעך“; „אײַנץ וועיגמע, זאָגמע, זאַיגמע, טראָגמע, יאָגמע, ליגמע, לאַיגמע, צוואָגמע, קל׳אָגמע, קריגמע, שוואַאַגמע, שלאָגמע“[45]; „אײַנץ בראַכמע, זיכמע[1], לאַכמע, קוכמע, קריכמע[1], שטאַכ־מע“.

6) נאָך f, w: „אײַנץ העל׳פמע, וואַרפמע, טרעפמע, לויפמע, קויפמע, ריפמע[1], שטראָאָפמע, שלאַאַפמע, שלאָ־אָפמע“; „אײַנץ פריוומע[1]־זעך“.

7) נאָך p, b טרעפט זיך דער אָנלויט־m פון פּראָנוםען מיט דער סו־נאַנטישער ווערבענדונג ־ם, וועלכע גיסט זיך מיט אים צונויף: „אײַנץ כאַפמע[46];

„אינץ אומע[47], שטארבמע, שראַבמע". —

§ 36. — וועגן אַסימילאַציע פון קונסונאַנטישען שלוס-n לוזט זיך רעדען נור אין איינציקע פאַלען, מחמת קונסונאַנטישער n פון דער ענדונג -ען (עווענטועל ענד-ן) פאַלט אין דרילטש דאָס רוב לויטגעזעצליך אָפּ, אַזוי, אַז דעם ענקליטישען „מע" („מיר") איז פאַרלייכטערט דאָס צוואַקסען צום ווערבום פיניטום.

1) ווען ענדזילב (עווענטועל -ן) גייט נאָך וואָקאַלישען אויסלויט פון שטאַמזילב: „אינץ טימע[1], פלימע[1], צימע[1], גאַימע" (אויך ענדזילבוואָקאַל פאַרשלונגען); „אינץ שפּאַאַמע, שראַאַמע" (אויסלויט-n אַסימילירט זיך מיט'ן מ-).

2) נאָך m: „אינץ נעמע, קעמע-זעך" (אויך ענדזילבוואָקאַל אַרויסגעפאַלען; m פון שטאַמזילב גיסט זיך צונויף מיט m פון פּראָנומען).

3) נאָך שטאַמהאַפּטיקען n: „אינץ ברענמע, קענמע (= „מיר הובען קענטעניששען"), שפינמע" (אין די 3 ביישפּילען בלייבט n פון שטאַמזילב נישט באַרירט פון אַסימילאַציע); — „אינץ ווימע, וואַימע, זעמע" (n פון שטאַמזילב אין די דריי ביישפּילען, ווי אויך אין דעם ווייטערדיקען, אַסימילירט מיט'ן m פון פּירוואָרט), „קעמע" (אין טייטש: „מיר הובען באַקאַנטשאַפט").

4) נאָך סופיקסאַלען n: „אינץ טריקנמע, לאַיקנמע, עפּנמע, ראַכנמע" (סונאַנטישער -נ- אין די 4 ביישפּילען עטוואָס אָפּגעשוואַכט, מיט טענדענץ צו סונאַנטישען אודער זוגאַר קונסונאַנטישען מ, דערהויפּט נאָך f: „עפּמטמע[48], עפּמע"); — אובער: „אינץ גיזעיגינימע-זעך" (-נ- נעמט נישט אָן סונאַנטישען כאַראַקטער); „אינץ לאַרמע זעך" (סופיקסאַלער -נ- אַסימילירט מיט'ן מ-).

5) נאָך n-נאַזאַלע: „אינץ דאַנקמע, גידעינקמע, דעלאַנגמע, זינגמע[1], שפּרינגמע[1]" (ענדזילבוואָקאַל פאַרשוווּנדען). —

§ 37. — „אינץ כעשבינימע" (צו „חשבונען"); „אינץ גאַנוימע"[38]; — „אינץ וויוועמע-אַרים" („שטיפען" איז דרילטש זעלטען געברויכט); „אינץ טשעפּימע-זעך" וכו'. —

§ 38. — [אין אַנדערע שטעט]. — פאַר אַנדערע שטעט הוב איך איינצעלנע ביישפּילען. —

§ 39. — [אין מזרחיידיש ]. — 1) אין שעדלעץ: — „אינץ אובמאַ אַסך געלט"; „אינץ אַרביטמאַ אַסך"; „אינץ ווילמאַ עסן"; „אנץ טימאַ[20] גאַניש"[36]; „אינץ שלאָגמאַ די קינדאַ"; — „פאָמאַ!"[36] (אימפּעראַטיוו, ערשטע פּערז. פּל., מיט אופּטאַט. כאַר.)

מעזריטש (שעדל. ג.): „וועל מיר קימין" (אויס אַ בריף). — „אינץ[1] זעמאַ, מי[1] זעמאַ"; „מי[1] מאַ גישמאַקל'ט" („ מיר הובען"...).

גרויס־ביאַלע (שעד. ג.): „אינץ אומאַ, אומאַ אינץ; אינץ וועיסמאַ; אינץ זעניִמאַ".

ווענגראָווע (שעד. ג.): „אינץ אומאַ; אומאַ אינץ"; „אינץ וויניִמאַ; וויניִמאַ אינץ"; „אינץ זעמאַ". —

סוקעלוווע: „ווינין וויניִמאַ אינץ".

ולודאַווע (שעד. ג.): „אומאַרן גיזאָקט" („הובען מיר אים געזאָגט"); „אינץ ווימאַ אין אייגענע שטיבם"[1].

2) ריזשאַן (לומז. ג. מאַק. ק.): „אומער גישיקט דער יידיני"[20]; „אינץ קענעמער גאָניש וואָגן".

דלוגוסיודלו (לומז. ג. אוסטרוו. ק.): „מיר[1] אומאר".

3) אַדעס: „אינץ זעניִמאַר".

נוווסעליצע (בעסאַראַביע): „מ'ומער", „מיר[1] אומער".

4) זאָס זענען אַלץ „מערבדרומרוסלענדישיִדישע מ"מ. — פאַר די לטווישייִדישע איז באַ מיר נוטירט איין ביישפּיל: „גיקומען צופורן זיימער דו פאַר פּערטאַלבם יורן" (קוונע). — מישניִץ (לומזש. ג. אוסטרולענק. ק.) און קול'נע (לומזש. ג.) ווייסען נישט פון אַזעלכע פורמען (דורט: „מיר[1] עסן, לאַכן, מאַכן" וכ').—

§ 40. — [אין מיטעליידישען]. — 1) שעדלעצער ג. (פּוילישיִדישער טייל):

פּאַרטשעוו (ולודאַוו. ק.): „אינץ קעירמאַ קאַין ראַדזין."

גאַרוואָלין: „שמאָקל'עמע אינץ". — סובין (גאַרוואָל. ק.): „אומ' ינץ", „אינץ זעמע נעבעך דעשרוקן". — לאַסקאַרעוו (גאַרוו. ק.): „ווימאַ[1] אינץ נעמי קי'?" (= „ווו וועלען מיר נעמען קי"). — סובולעוו (גאַרוו. ק.): „אינץ אומע ניש".

חוהין (ראַדזינ. ק.): „אינץ זעמער גיט באַקל'איט".

2) וואַרשעווער גוב:

וואַרשע: „אינץ גאַיימו, גאַיימו אינץ, גאַיימו ר'אינץ; אינץ גאַימו, גאַימו אינץ, גאַימו ר'אינץ"; — „מי טימו"; — „אינץ פּאַשטאַימו (פּישטאַימו, פּ'שטאַימו), מ'פּאַשטאַימו, פּאַשטאַימוריִנץ"; — „אינץ ווּוימו"; — „מי וואַימו"; — „צ'זעמו, צ'עמו" (= „אינדז זענען מיר"); „ווס אנץ אימער, דאָס איז אַנ'אַנדערע מאַאַנסע"[38]; — „קומו אינץ"; „קעמו אינץ"; — „מי גידעינקמו גאָניש, ווער..."; — „וואַיסמו אינץ"; „מי וואַיסמו ניש"; — „קאַ קינדו אומו אינץ ניש גיהאַט"; „וו'אומו אַ גוט אין היִמו" (אַ שבועה); „מ אומו אַ טוכטו אין לודזש אומו אינץ"[49]; „כוליִמויד סיקיס אומע גיווען אין לודזש"; „אינץ אומע ניש גיווען היִ[1]", „אינץ אומע גיבליבם"; „אומו[50] גצין" (= „וועלען מיר גיין"); — „מימו זיצן" („מיר וועלען מיר זיצען").

פראַגע (וו. פּורשטאַט): „אינץ וווינימע אין פּראַגע". — שיל'עץ (באַ וו.): „יעצט ווילמע אינץ'"... — פּוווּנזעק (וו. פּורשט): „כ'עמאַ שאַפן". — ניעפּורענט (וו. ק.) „אינץ וווינמער". — פּיאַסעטשנע (וו. ק.): „מ'ו'נוך[51]" (=„מיר הובען נוך"!). — יעזיורנע (וו. ק.): „אינצ' עמע" (=„אונדז זעמער"). — גוווידוור (וו. ק.): „אומער"[52].

גרודזיסק (בלוינ. ק.): „אינץ ווימע, זעמע, קעמע"; „מ'ומע גאַין" (=„מיר וועלען גיין"). — נאַדאַזשין (בל. ק.): „ציאומע יו צי קויפן?"; „אינץ צאַאָלמע[52] עים ז'גורי". — אַמשינוח (בל. ק.): „אינץ עמע גיוועין ציוורפן, ציברוכן=צישטוכן".—זשעדאַרדוו: „מיר[1] פירמאַ[1], מיר[1] אומאַ[1], מיר[1] וואַיסמאַ; מיר[1] מיזמאַ; מ'אומער".

נער (גריצ. ק.): „זעמע, אינ' צעמע"; „אינץ ווימע"; „אינץ אומע; אינץ אומע ג'אַנדלט; אינץ אומ' אַראַאַנגילאַיקט". — מוגעלניצע (גריצ. ק.): „מי זעמע גיווויע גיוורן"; „מי רעכעמע זעך"; „מי זעימע"; „מי שטאַימע"; „מי וויל'מע אַרבעטן"; „מי ר'ו'מע יעצט גיעפנט אַ לוקאַל". — טשערסק (גריצ. ק.): „אינץ אומע"[52]. — טאַרטשין (גריצ. ק.): „אינץ טאַאַמע" (=„אונדז טענה'ן מיר"); „אינץ העל'פמע[52] ניש."

סוכאַטשעוו: „אינץ זעמע"; „אינץ ק'לעימע" (=„אונדז קלערען מיר").

פּולטוסק[53]: „אינץ טימע[1]". — נאַשעל'סק (פּולטוסק. ק.): „מ'ומער, מ' זעמער".

גומבין (גוסטינ. ק.): „אינץ אומע". — אילעווע (גוסט. ק.): „אינץ אומער גיטריקנט". — סאַניק (גוסט. ק.): „אומער אינץ"...

זאַקריטשין (פּלינסק. ק.): „אינץ זענעמער".

קוטנע: „אומאַר; אומור". — קראָשניעווין (קוטנ. ק.): „מיר זעמער"; „אינץ קומער ניש"...

3) לובלינער ג.:

יוזעפוו (פּילוו. ק.): „מי זעמע"; „מי קעמע"; „מ' אומע", „אומע אינץ"; „מ' עמע" (=„מיר וועלען"...). — מוזשיץ (פּילוו. ק.): „אינץ קומע ניש גיין".

טורבין (קראַסנוסט. ק.): „אינץ אומע ג'אַט", „וואָס מי אומע דאָ צי רעדן".

לעווערטוו: „מיר[1] אומאַ גיקריגן". — לענטשנע (לעווערט. ק.): „אינץ אומאַ; מי גאַיימאַ; מי לומאַ; אינץ עמאַ"... (=„מיר ווע־ען"...).

4) ראָדעמער ג.:

ראָדעם: „מיִ גיִמע“.[52]
סטאַשעוו (צוויזמ. ק.): „איִנץ וואָימע“[52].
קוזשעניִץ: „מ׳ אומע“. — גניִוויִשעוו (קוזשענ. ק.): „זענ׳מע[52] גיִקיִמע קאַ וואַרשע“. — ריִטשיִוואָל (קויזש. ק.): „מיִ אומאַ; מיִ זעמאַ; מיִ פּיִמאַ[1] אַראַאַן; איִנץ זולמאַ, מיִ זולמאַ“.
שיִדלוויִץ (קינסק. ק.): „מ׳ אומע“.
5) קעלצער ג.:
קעלץ: „מ׳ומו“; „איִנץ ייִדן[1] ... מיִ קוניִמו, מיִ וויִלמו“... — שטיִקעוויִץ (גמ. פּיעקושוו, ק. קעלץ): „איִנץ אומאַ גיִהאַט“. — כענטשיִן (קעלצ. ק.): „גאַימו“.
זאַלושיִץ (פּינטש. ק.): „איִמאַ אַוועק“ (= „זענען מיִר אַוועק“). — נייִשטאָט (פּינטש. ק.): „זעמע“[52].
6) פּעטריִקווער ג.:
טשענסטוכוו (פּעטריק. ג.): „מ׳זעמער“, „מ׳ אומער“, „מ׳עמער“ (= „מיִר ווע̇לען“...), „איִנטץ זיִטצמער, מ׳זיִטצמער[54]“.
בערזשיִן: „איִנץ אומע[52]“.
קלייִן ביאַלע (ראַדער ק.): „איִנץ אומע“. — טומאַשוו (ראַוו. ק.): „מיִ[1] זעמע טומאַשוווע“.
לודזש: „מיִ וואולמע“ (= „מיִר ווילטען מיִר“).
7) קאָליִשער ג.:
קאָליִש: „איִנץ אומע[52]“.
קלודאַווע (קײַלער. ק.): „שרײַיִמע[52] איִנץ“. — סומפּולנע (קײַל. ק.): „איִנץ גאַימע, טיִמע[1], שפּאַאַמע, שראַאַמע, ברענמע, קענמע[55], זעמע, געדענקמע, זיִנגמע, וואַיסמע, עסמע, לוזמע, זיִצמע, טאַנצמע, שוויִצמע, שטעכמע, געבמע, הובמע[56], שראַאַבמע.“
8) פּלוצקער ג.:
פּלוצק: „זאָגמ׳יִנץ, איִנץ זעמער“ — וויִשעגרוד (פּלוצק. ק.): „איִנץ אומער, מ׳ומער“; „איִנץ אַרבעטמער, האַקמער, טאַנצמער, טיִמער[1], לאַכמער, עסמער, שפּריִנגמער[1]“ „איִנץ עמער“ („מיִר ווערען“...).
פּראָשניִץ: „איִנץ זעמע“. — כורזשעל (פּראָשנ. ק.): „איִנץ אומער“..., „אומער איִנץ גיִזעין דיִ פּראָטוקאָלן“.
דוביִשיִן־וואַסעל (ליפּנ. ק.): „איִנץ אומער“.
9) לומזש. ג.: מאַקעווע: „זעמער“.

10) גאַליציע: „אינץ בלאַבמאַ“ (ראָפּטשיץ).

11) ווי מיר זעען, זענען די פֿאָרמען אין מיטעליידישען שטאַרק איינגעבירגערט און פֿאַרשפרייט. —

§ 41. — [אין מערבי־יידישען]. — 1) אין דער „פּערטער מגילה“ (זע צי״ו 109 ו 4, 6: „hemm[57] mir“ („האָבען מיר“).

2) „גוט־שבת“ (זע צי״ו 113 ו 42: „מיט זילבער האַם מער (=„האָבען מיר“) געשפּאַיזט“. —

§ 42. — [צוגאָב]. — שעניצע (קל. מינסק. ק.): „אינץ גראַניצירן[58] מע“ (=„מיר גרעניצען“, „מיר האָבען אַ גרעניץ מיט“...). — נאָוואָסעליצע: „מיר[1] מיטשען מיר[1] זיך“. — אַלזאָ, ווערבום פּיניטום אין קאָרעקטען געשטאַלט באַ איבערגעחזרטען פּערזענליכען פּירוואָרט (פאַרגלייך אָנמערקונג אין טעקסט אַף ז׳ 17). —

§ 43. — [אָנמערקונג]. — 1) מ׳האַלט אין דער דייטשישער שפּראַכוויסענשאַפֿט, אַז mir (פּערז. פּרונ. פֿון ערשט. פּערזאָן מערצאָל), וואָס איז יעצט נאָרם כמעט אין גאַנצען מיטעלדייטשישען און אויבערדייטשישען (אָנשטאָט דעם ליטעראַרישען wir), איז אַנטשטאַנען אין אַזעלכע צונויפוואוקסען, ווי gebemir, habemir (פֿון gebenwir, habenwir, אין וועלכע n האָט זיך אַסימילירט מיט׳ן w, איבערגייענדיק אין m, און דער w מיט דעמדאָזיקען m). — זע בעהאַגהעל 329 פּ.; רייז 96.

2) בעהאַגהעל 330 ווייזט־אָן, אַז פֿאַר דידאָזיקע השערה רעדט דאָס, וואָס די דייטשישע מונדאַרט אין פּערנעג האָט אין באַטאָנטער שטעלונג: wîr, און ענקליטישער: mer. — געוויסע ספקות דערוועקט, אָבער, דאָס אַלעמאַנישע, וואָס האָט גלייך mir, הגם אין דער מה״דייטשישער צייט איז די ערשטע פּערזאָן מערצאָל באַם ווערב אויסגעגאַנגען אַף ent-, פֿון וועלכען עס האָט זיך יעצט אָפּגעשטעלט et-; איידער, ווידער, ס׳איז פֿון en געוואָרען ent-, איז פֿון „geben wir“ דאָס רוב געוואָרען „gebe wir“ (ה. ה. n האָט זיך פֿולשטענדיק אַסימילירט מיט׳ן w, איבערגייענדיק אין w; אָדער, ריכטיקער, n איז פֿאַר דעם ליפּען־אַנספּיראַנט פֿאַרשוואונדען, לויט דעם כלל, וואָס וועט ווייטער באַהאַנדעלט ווערען אין עטיוד „נאַזאַל פֿאַר ספּיראַנט“).

3) בעהאַגהעל ברענגט דעריבער נאָך צוויי השערות: מעגליך, אַז mir איז אַנאַלאָגיעבילדונג צו meiner, mir (דאַטיוו סינג. פֿון פּערז. פּירוואָרט פֿון ערשט. פּערזאָן), mich. — אָדער, ווידער, mir איז אַנטשטאַנען אין דער שטעלונג נאָך wenn (פֿון „wenn wir“, זאָל דורך אַסימילאַציע ווערען: „wemmer“). —

## צווייטע פערזון פון מערצאל.

[פאַרוואַנדלונג פון פערזענליכען פירוואָרט אין פלעקסיע; צונויפוווקס; איבערחזרונג פון פּרונומען].

§ 44. — [סינטאַקסישעס]. — אַנאַלאָגיש ווי אין § 22. —

§ 45. — [צונויפוווקס]. — 1) אין די פוילישיידישע מ״מ, ווי אויך אין אַ טייל מערבדרומרוסלענדישע (אַף דער פעריפעריע פון קונגרעספוילען) האָט דאָס ענ׳ליטיש־שטייענדיקע פיר־וואָרט פון צווייטער פערזון פלוראַליס („עטץ״[59], „איטץ״[60]) אָנגעהויבען פון פּולק אַנטפּונדען צו ווערען אַלס פלעקסיע און איז צו־געוואַקסען ג׳וואָרען צום ווערבום פיניטום. —

§ 46. — [ביישפּילען אויס דרוקווערק]. — „סערקעלע״: „שטייץ אויף״ (19); „קוקץ נאָר אָן״ (28); „גיוואַלט ראַטעוועטס״ (29); „רופטס איר נאָר רעדליכען אַהער״ (42); „גוט נאַכט גוט יאָהר גייטץ וע־זונטער הייט״ (58); „זאָגטס זעך נאָר זאָגטס וואָס ווילט איר״ (65); „מאָהלטס אייך״ (69); „בעריל. בעריל. ראַטעוועטש. ראַטעוועטש״ (72); „גיטס עהם נאָר אַהער... גיטס אהער דעם דריטען אויך״... (72); „נעהמטס עהם״... (72); „פרענטס די מענטשין״ (72); „אַטשאָה האַלטס דעם גנב. אַטשאָה האַלטס עהם. האַלטס עהם״ (72); „נעמטס עהם. נעמטס עהם דעם הונט״ (72); „גיוואַלט. ראַטעוועץ״ (73); „פיל־נעוועץ עהם נאָר״ (74); „נוא גייטס שוין. פיהרטס זייא שוין אין קרי־מענאַל אַריין״ (75); „זוכטס נאָר אין קעסטיל״ (76); „נעמטס עהם אַוועק דאָס זייגעריל״ (78); „נעמטס זיך עהם״ (78); „אַצונד קומטס קינדער״ (80); „קומטס קינדערלעך קומטס עס וועט זיין אַלעס רעכט זיין״ (80); „שרייטס מזל טוב מזל טוב״ (80); א. אַ. וו. — אין עטינגערס „משלים״: „גיטס נאָר דאָ אַלליין אַ קין״..., „באַלגט מיך אונ נעמטס אויך אַללע צוגאַנ״... (9); „שיסטס, שיסטס, שפּיסטס, שפּיסטס, נאָר גאַין געשווינד״... (16); „קוקט׳ס נאָר צו דעם משוגענעם נאַרישען פלאַן״ (59); „זייטס נאָר אַביסעלע שטיל״ (91); „פרעגט׳ס נאָר נאָך ביי איטליכען ראש הקהל״ (113); „קרייעטס „קי־קע־רע־קי!״ קרייעטס „קאָ־קי־רי־קאָ!״ — ״ (119); א. אַ. וו.

„נחלת צבי חמש מגלות״ (לעמב. 1862): „ער זאָגט צוא איהם רבותי גייטס בשלום אַהיים אונ קימטס מאָרגין צוא מיר״ (י״ט b)[61].

„זיווגים״: „קינדער! היהטס ענק פאַר ליידיג גיין וויא פאַר פייער. דיא יונגע צייט איירע האַלטס גישעצט זייער טייער. לערנטס תורה. לערנטס חכמה, נאָר מיט בעגער. לערנטס אַ מלאכה ליבע קינדער. אַרביטס טאַקי שוועהר״(84).

„דער קאַרליג״ (לעמב. 1879): „קומטס אַפּור קונדור״..

„דאָס ליד פון ראַבאָניק" (לעמב. 1882): „דער מאַנטץ ענק נור" (7); „נעמטץ נור דאָס גוט אין זינען" (8); „בעטראַכטץ נאָר מענטשען דיא אומגירעכטע קראָג" (12); „נעמטץ מיך אַוועק" (19); „בעהטס צו גאָט" (49), וכו'.

„חרם דרבינו גרשון" (י. 1882): „זעהץ נאָר אַמויס האָט זיך עם פּאַר גליסט" (12); „מייראַלעך ווילין זייא זעהץ נאָר דאָס" (21); „זעהץ עם נאָר אַמויס וויל ער נאָר" (25); — „גייטץ פון הויז בהויז" (18); — „גיטץ וויין צו טרינקען" (44); — „פּאַר נאַכט זייטץ דאָ צו זאַמען גנומין" (18); — „קוקטץ נאָר דאָס אָהן" (20); — „קלערטץ" (34); — „הערטץ נאָר"... (35); „שווייגטץ זייט אַמאָל שטיל שוין" (36); „פאַר שטיפּץ ענק דיא פּיסקעס" (38).

„מגילה ישרה פון מפלת המן" (קר. 1884): „נאָר זייטץ גידולד אין זייטץ גילאַסין וועט עטץ זעהן... נאָר גיבטץ גוט אַכטונג אויף מיינע דבורים, וועט עטץ גוט וויסין"... (3); „עטץ זאָלט נאָר אָן הייבען צו נאָט צו שרייאָן, אין טוטץ תשובה"... (27); "טוטץ עפּיס איין עצה" (31); „זייאטץ נאָר אַביסעלע גידולט" (50)[62].

„טיראַג. מלמד" (וו. 1885): „אַזוי רעטס. נאָט אייך א רובעל און גייט צו אַלדע שוואַרץ יאָהר" (28); — זוגאַר: „שאַץ! שאַץ" (50)[63].

ב. שאַפּיר אוים פּרעמיסל, „מעלודיען" (קר. 1886): „מיינטס בישט"..., „דאַנקטס דעם גרויסען בורא" (37); „געדענקטס אויף עוויגע יאָהרען"[64] (42); „זייטס מיר זייטס געזונד... זייטס פון גאָט געבענטש" (57 פּ., 60 פּפּ.); „שטיל וויינטס — איהר דאַרפּט איהם גישט שטערען" (70); „וויינטס מיט מיר יידישע[65] קינדער" (67, 71); „נייגטס דאָס אָהר אונ' האָרכט"...[66], א. אַ. וו.

„דער פּאַלשער אליהו הנביא" (וו. תרס"ג) 5: „נייטץ גישווינד אונ ברענגץ פיש מיט פלייש". —

§ 47. — אין די אַלע ביישפּילען זעען מיר די צונויפוויק־סען — אין אימפּעראַטיוו. —

§ 48. — [מונדאַרטליך]. — אין די פּוילישיידישע מ"מ שטעלען זיך די פאַרהעלטענישען פור אַזוי:

1) אין אימפּעראַטיוו זענען די צונויפוויקסען — נורם, קען מען זאָגען; נור זעלטען קען מען הערען דעם קורעקטען („ליטעראַרישען") אימפּעראַטיוו.

2) אין פּרעזענס קומען פור ביידע געשטאַלטען: די קורעקטע פורם און דער צונויפוויקס (לויט ווי איך האָב באַמערקט, זעלטענער ווי די קורעקטע פורם). — פאַר'ן צונויפוויקס (אודער נאָך אים) ווערט איבערגעחזרם דאָס פּערזענליכע פּירוואָרט. —

§ 49. — אַ בּינטעל בײַשפּילען:

1) „ליבּי[20] מענטשן, אוֹטץ רחמנות! שעינקץ אוֹף אַ שטיקאַלי בּרוֹיט!" (סטערעוֹטיפּע אויסרופען פון די בעטלערקינדער אַף די וואַרשעווער גאַסען). — „געטץ מע אַוועק מאַאַ געלט!" (ראַדזימין). — „וואָאַ צ קונט, טיטץ מע!" (נאַשעלסק). — „איטץ שוואַקטץ!" (קל.=מינסק). — „מאַכטץ גישווינדע!" (סילעח, בּאַ יאַדעחע, ראַדזימ. ק.). — „שיקץ מע ס'געלט!" (שעניצע). — „ראַטיוויטץ!" (סובין). — „אוֹטץ גידילט!" (זשעלעכוו). — „פּולקטץ!"; „שיקטץ!" (פּאַרצעווע). — „גיטץ!" (קראַסנובּרוד, זאַמישטש. ק.). — „באַקימץ!" (מאַקעווע לומז. ג.). — „קימטץ!" (מאַנגישעוו). — „צ'וֹט גינימע, באַצאָאַלץ!" (סטאַשעוו). — „טיטץ[1]!" „זעיסץ!" (אוסטרוויעץ). — „ראַטיוועטץ!" (סטאַניסלוי אין נאַריציע; זע: „דער אורקוועלל" I 345 פּ.). — אַנאַלוגיש אין גריצע, קולבּנל, פּיונטעק א. אַ. וו. א. אַ. וו.

2) „וואָס אַרבּיטץ עטץ?" (גריצע). — „זאָקטע, פּאַשטאַיטץ עטץ מען, אַ ווי ניש" (קולבּעל). — „צ'ולטן ניש פּאַגעסן!" (סובין). — „וואָאָס פערלאַנקטץ עטץ?" (פּיונטעק). — „אַיניקץ ענק אוועס! מאַכץ וואָס עטץ ווילטץ!" (וולאַדיסלאַווו, קוניג. ק.).

3) אין זשעלעכוו, אין מויל פון איין פּערזון, אין איין זאַץ: „צ'ווילט?... צ'ווילטץ?"; „פּאַשטאַיץ עטץ מען... צ' פּאַשטאַיט?"... —

§ 50. — אין די מערבדרומרוסלענדישייד. מ"מ אַף דער פּעריפּעריע פון קונגרעספּוילען:

1) „אוֹטץ רחמנות!"; „געיטץ!"...; „פּאַשטעיץ מאַן!" (שעדלעץ). — „טיטץ[1] אַ מצוה" (גרויס-בּיאַלע). — „אוֹטץ רחמנות אוֹף מיר[1]" (מורד). — „גל'עיפּטסמאַ!"; „זאַיטץ גיזינט!" (סוקעלווע). — „עסטץ!" (קוריטניצע ווענגער. ק.). — „קימטסט[67] נור אַראַן!" (ריזשאַן). — „זאַיטץ אַזוי גיט, ווי[1] וואַיט איטץ קענט... אוֹטץ רחמנות!" (אוסטרווע, לומזש. ג.). — „זאַיטץ רויִק!" (זעמבּרוו, לומזש. ג. און ק.)

2) „איטץ ווילטץ?" (קוריטניצע). —

§ 51. — אין בּוקווינע: „קינדערלעך, קינדערלעך, מאַכטס מיר אוֹף" („דער אורקוועלל" I 13). —

§ 52. — אין „גוט שבּת" 65: „עטס בּראַוכטס קאַהיט. עיץ בּראַוכטס שוין האַובּען". — אין „ריוח" 68: „לעגטס אויך" (=„לייגט אייך"). —

§ 53. — [אין דײַטשישען]. — אַנאַלאָגיש אין באַיריש; צ. ב.: „esz gebts“, „lebts esz“ („איר גיט“, „לעבט איר“). — בעהאַגהעל 270, רײַז 96. —

## „אינץ אוט מען“...

§ 54. — 1) די פּוילישיידישע מ״מ הובען אַנ׳איינגענטימליכע (דערבײַ אייער פאַרשפּרייטע) פורם פאַר ערשטער פּערזון מערצאָל פון ווערבום פיניטום.

2) ס׳איז ווערבום פיניטום פון דריטער פּערזון סינגולאַריס מיט דעם אומבאַשטימטען (און אומפּערזענליכען) פּירוואָרט „מען“ ענקליטיש, באַלייט (פאַר׳ן צײַטוואָרט אודער גאָך דעם פּראָנומען אינדעפיניטום) דורך דעם פּערזענליכען פּירוואָרט פון ערשטער פּערזון פלוראַליס.

3) דאָס פּערזענליכע פּירוואָרט פון ערשטער פּערזון מערצאָל קען נישט זײַן אויך.

4) אין די ווײַטערדיקע §§ אַ בינטעל בײַשפּילען, געהערט און גענירט בשעת געשפּרעכען. —

§ 55. — [פּרעזענס]. — 1) וואַרשע: „אינץ טיט[1] מען“ (=„מיר טוען“); „אינץ פישטאַיט מען“ (=„מיר פאַרשטייען“); — און: „דאָס אוט מען“ (=„דאָס הובען מיר“); „ווויני ווינט מין אויף כמעל׳ני“ (=„ווינען ווינען מיר אַף כמעל׳נע“).

פראַגע: „אוט מין אינץ שוין מע נישט וואָס אַהעיעצי קימע צי עינק?“ (=„הובען מיר שוין“...). — אוכוטע (אונטערוואַרשע): „אינץ וויל מען“... (=„מירווילען“...). — יעזיורנע (אונטער פּיאַסעטשנע): „אינץ ווינט מין טאַקיש דורטן... אינץ אוט מין דורטן אַ גיוועל׳פ“; „אינץ דאַצאַילט מין אַאַך“... — דורף פּווש׳ין[1] (ווילאַנווער גמ.): „דאָהי[1] ווינט מין 5 יאָע... מ׳אי ניש קאַ גנבים“.

ד. לעשנע (בלוינ. ק. גמ. ראַדזיקוו): „אינץ אוט מין קאַ באַשעפּטיגינג“. — אַמשינוו (בל. ק.): „שטויסט מין אינד׳ זעך אופ׳ן“ (=„שטויסען מיר זיך אַף אים“, ד. ה. „מיר שטויסען זיך אָן, אַז ער האָט דאָס און דאָס געטון“).

איל עווע (סוכ. ק.): „יעצט אוט מען אינץ שוין גאַאַניש

וואָס צי טיען[1]". — ד. וואָליע-פּאַשעליניסקע (נם. לאַוו.): „אינץ אוט מין ניש"...; „אינץ טיט[1] מין ניש"...; „פּרעיקט מין זעך אינץ"... (=„פּרעגנען מיר זיך"...); „אינץ שראַאַפּט מין ניש"... (=„מיר שרייבען נישט"...).

סאַניק (גוסט. קר.): „אינץ וווינט מין". — קערנוזיע: „אינץ בלאַאַפּט מע גיטי פּראַאַנט"; „אינץ אוט מע אַ צאַאַגניש"; „אינץ האַנדלט מע"; „האַאַנט וווינט מע אינץ אין זשיכלין"; „קריקט מע אינץ ניש"... — גומבין: „אינץ אוט מין דים פּרוטעקאָעל".

גריצע: „אינץ ברענט מין"... (=„מיר ברענען"). — טאַרטשין (גריצ. ק.): „אינץ אוט מען"... — מוגעל'ניצע: „מי וויל' מען אַרבעטן". — טשענסטוניעוו: „אינץ טשעפּיט מין ניש מי די שקצים".

פּולטוסק: „אינץ אוט מען אַ גיוועלבו". — נאַשעל'סק: „אוט מין אינדז"...; „מי וווינט אין וואַרשע"; „גיבוירן איז מע אין נאַשעל'סק".

גער: „איט מען אינץ אַ פּאָ שטיוו[1]"; „אינץ וויל' מען גען געל'ט".

לוויוויטש: „אינץ אוט מין מוירי".

טשערווינסק (פּלינסק. ק.): „מ'איז הי[1]"... (=„מיר זענען הי").

2) ראָדעם: „אינץ אוט מין קאַ פּאָאָטע ניש"; „קאַ פּאָאָטע אוט מין אינץ ניש"; „ווען אינץ אוט מין ניש"...; „אינץ אוט מין זייער אַ גרויסן אינטערעס צי אין[1]"; „קאַן אוצאָיס קאַ גרויסי אוט מין אינץ ניש גיאַט"; „פּאַלאַנקט מין אינץ"... — סטרומניץ (ראָדעם. ק.): „אינץ אוט מין זאַך אַראַאַנגיצויגן".

אַפּט: „אוט מין אינץ דען געלט?"; „אינץ אוט מין כח צי טראָגן ווינטופּקיס?"; „אינץ גאַיט מין ניש שפּאַצירנס...[1]"; „גיהעיעט מין אינץ קאַ ראָאָדים"; „אינץ פּאַלאַנג מין ניש קאַ גרויסי זאַכן"; „אינץ שלאָאָפּט מין ניש אין דים גי-שעפּט". — ד. לאַגוּוויץ (אַפּט. ק.): „אוט מין אינץ קאַ געלט ניש". —

דרילטש: „אינץ כוועט מע"...

קוזשעניץ: „אין קוזשעניץ וווינט מ' אינץ." — מאַגנישעוו: „וואָס אוט מען אינץ צי טין[1]?".

שידלוויץ (קינצק ק.): „אינץ אוט מין דוך, אובע, עסטראַכי-שע אינטעדענטסקאַרטעס"; „פּינוואַנע וואַיסט מ'אינץ?"

3) פּעטריקוו: „אינץ אוט מין אַכט קינדע". — קאַמענסק (פּעטריק. ק.): „אינץ וואַיסט מין"...

לודזש: „אינץ אוט מין קאַ געלט ניש"; „דאָעס אוט מין אינץ ניש"..; „אינץ רעט מין"; „אינץ ווינט מין אין לודזש".

ראַווע: „אינץ אוט מין דוך די פּליכט[1]". — נײַשטעטעל (ראַוו. ק.): „אוט מען אינץ"... (=„האָבען מיר"...); „וואַס מען אינץ"...; „אינץ ראַכנט מין"...; „אינץ שטעלט מין דאָס צי[1]"; „אינץ גאַיט מין אין גיטן זועיג". — קליינ-ביאַלע: „אינץ אוט מין פעיעט".

גלוװנע (בערזש. ק.): „אוט מין אינץ גרויס נחת".

נאָװאָראַדאָמסק: „אינץ אוט מין קאַ געלט ניש" — קאָניצפאָל: „אינץ אוט מין אַידיס".

4) וװערזשוו (װלאָצל. ק.): „אינץ אַרביט מע, אוט מע, דאַנק מע, זינג[1] מע, שפּרינג[1] מע, ווינט מע, וואַינט מע, וויל מע, זאָקט מע, טאַנצט מע, טיט מע, טשעפּיט מע, יאָקט מע, כאַפּט מע, לוסט מע אָפּ, לאַיקט מע אוף, נעמט מע, זאָאָלט מע, קע מע, ריפּט[1] מע, שוויצט מע, שלאָאָפּט מע, שמיסט[1] מע זיך אוס, שפּילט[1] מע".[68]

סאָמפּאָלנע (קאָל. ק.): „אינץ בעמיט[1] מין זעך, אינץ דערלאַנקט מין, אינץ אוט מין מורא, אינץ טיט מין, אינץ שרעקט מין זעך".

לענטשיץ: „אינץ אוט מען ס'רע-ט", „אינץ וויל מען" וכו'.

5) באַיטשין (קעלצ. ק.): „אינץ ווינט מין דורטן". — דאַל'עשיץ: „אינץ פאַאָט מען".

זאַלושיץ (פּינטש. ק.): „ווי[1] אינץ פאַשטאַיט מין".

6) פּלוצק: „וויל מ'אינץ" (=„ווילען מיר"). — שעפּס: „אוט מין אינץ", „אינץ וויל מען". — ריפּין: „אינץ אוט מין".

7) סובין (גאַרוואָל. ק.): „אינץ האַנדל מען". — סובולעװ (נאַרוו. ק.): „אָט דאָאָס מעיל דאַרף מ'אינץ צי אָבם".

8) לובלין: „שבת שראַאַפּט מ'אינץ ניש" (=„שבת שרײַבען מיר נישט"). —

§ 56. — [קאָנדיציאָנאַל]. — קערנאָזיע (גאָסטינ. ק.): „עפּשע וואָלט מין אינץ גיקענט אַרוויסנעמען ס'געלט?"

בלענדאָוו (גריצ. ק.): „עפּשע וואָלט מין אינץ גינימי די פּאַפּירן[1]?" —

§ 57. — [פּערפעקט]. — 1) וואַרשע: „וואָיני וואָינט מין אוף כמעל'נע, גיגאַט אוט מי די קוילן אוף טוואַרוויגאַס".

פּוּווונזעק (וואַרש. פּאָרשט.): „אי מ'אינץ גיגאַנע". — פּיאַסעטשנע: „אינץ אוט מין גיהאַט סעידלעך אינדעהאַים". — ד. פּאָװשין: „אוט מין אינץ גיקויפּט". — יעזיורנע: „אינץ אוט מין גיגאַט אַ סך צאָרעס"; „אינץ אוט מין גיגאַט גרויסי שקאָדוואַני"; „אינץ אוט מין דורט אראַאַנגילאַיקט אַ סך גיל'ט"; „אינץ אוט מין עס

פֿאַרוֹכטן"; „אינק אוט מין גיטאַאַניט"; „אינק אוט מין ניש גיוויסט".

נאַדראַזשין (בל. ק.): „אינק אוט מין גיווינע".

איפֿעוו: „באַר'ן קצב אוט מ'אינק גיווינט"; „אינק אוט מין זעך אַראַאַגיצויגן". — וואָליע־פּאַשעלינסקע: „אוט מין אינק גיזאָקט".

גומבין: „אינק אוט מע גיווינט באַנ'עים".

גריצע: „אינק אוט מין גימאַכט אַזוי". — מוגעל'ניצע: „אוט מען אינק באַצאָלט"; „אינק אוט מען עים אָאַנגעלאָאָדן"; „אינק אט מען גימאַכט"; „הוט מען אינק גיוואָלט".

נאַשעלסק: „אוט מין אינק גאָאַניש גיוויסט".

סקערניעוויץ: „אינק אוט מין גיווינט", „אוט מין אינק ניש איבעגילוט", „אינק אוט מין גיליטן", „אוט מין אינק גיזאָקט", „אוט מ'אינק גיגעין".

קראָשניעוויץ (קוטנ. ק.): „אינק אוט מין זי גישיקט", „אינק אוט מין דערהאַלטן".

ראַדזימין: „איז מען אינק אַרוֹוס פֿין גיוועליפּ"; „איז מען אינק אַרוֹוסגילוֹפֿן", „איז מען אינק דאָ דאַוואַאַליט גיבליבם".

2) ראָדעם: „אינק אוט מין עים גיבעיטן"; „אוט מ'אינק אַוועגיגעינם".

רריל'טש: „אוט מין אינק גירעכנט".

קוזשעניץ: „אוט מין אינק גימאַינט". — ד. ווילטשקעוויץ (נמ. סוויעזשי־נורני): „אוט מין אינק גיווינט".

שידלוויץ: „אינק אוט מין זע אופֿגיגעיבם"; „אינק אוט מין ציגינימע[20] ס'געלט"; „נור אינק אוט מין אינטעגיריקט"; „אוט מין אינק גיטין" (צווייטער i לאַנג).

3) טשענסטוכוו: „אינק אוט מין אָאַנגיהויבם".

ראַווע: „אוט מין אינק גיקויפט"; „אינק אוט מין ניש גיוויסט"; „אינק אוט מין גיווינט אין שטאָאָט"; — גייטשטעטעל: „אינק אוט מין גיגעיבם געלט".

4) אין וויערושעוו און סומפּול'נע דער פּערפֿעקט אַ־אַלוגיש ווי דער פּרעזענס. — לענטשיץ: „אינק אוט מין גי־קלעיעט". — בולעסלאַוויץ (וולויג. ק.): „אינק אוט מין עים גי־פּרעיקט", „אינק אוט מין גיקויפֿט ס'געלט דריבם".

5) שטיקעוויץ (קעלצ. ק. נמ. פּיעקושזוו): „אינק אוט מין פּאַקויפּט."

6) מאַקוּוו: „אוט מען אינק גיזאָקט". — קראַסנוסעלצע: „אוט מען אינק גישיקט". — טלושטש: „אוט מין אינק נוך דים סטראַזשניק גאַאַניש גיזאַגט". —

§ 58. — [פּוּטוּר.] — וואַרשע: „דאָאָס, וואָאָס מ׳עט פּאַסקינ׳ אינץ״ (= „דאָס, וואָס מיר וועלען פּסקענען״). — אוכּוטע: „עט מין אינץ קריגן ס׳געלט״. — פּיאָסעטשנע: „עט מין אינץ שוין וויסן וואָאָס צי טיע״ (= „וועלען מיר שוין וויסען... ״). — וואָרקע (גריצ. ק.): „אינץ עט מען ניש אוּסזאָגן״ (= „מיר וועלען נישט...״). — אַפּט: „עט מין אינץ גיוויע ווערן״. — דריפּטש: „אינץ עט מע דוט זאַא״. — טאַרלע: „עט מי גאַין אַצינדעט דורכן אַהין?״ (= „וועלען מיר גיין...?״). — בערזשין: „עט מין אינץ עיקן״. — קל. ביאַלע: „וועט מ׳אינץ באַצאָלן״. —

§ 59. — [צוּנויפוּוקסען]. — 1) וואַרשע: „ווען זומען אינץ אַרופקימע?״ (= „ווען זול מען אינץ״... = „ווען זולען מיר״ ...). — אוכּוטע: „זינטיק זומין אינץ דאָ זאַא, עט מי קריגן ס׳געלט״.

2) גער: „לומין אינץ אַהאַינגאַין״ (= „לוז מען אינץ״... = „לוזען מיר״... = „לומיר״).[69]

3) וויערושוו: „אינץ קעמע גאַין״ (= „אינץ קען מען...״ = „מיר קענען״...).

4) אופּוטשנע (ראָד. ג.): „אינץ קומען צאָבם״ (= „אינץ קון מען״... = „מיר קונען״...).

5) סטוצק (ליקעוו. ק.): „דאָאָס ווומי אינץ פּאַלאַנקט״ (= „דאָס וולט מען אינץ״... = „דאָס ווולטען מיר״...).

6) ווערבום פיניטום ווערט צונויפגעוואָקסען מיט׳ן פּרונומען אינדעפיניטום אַדאַנק אַסימילאַציע פון ־ל, ־ז, ־ג, ־לט, מיט׳ן מ־.

§ 60. — עס וואַרפט זיך אין די אויגען די פולגענדיגע אייגענטימליכקייט: אין דעם גרעסטען טייל מ״מ, אַף וועלכע עס באַציען זיך די פריערדיקע §§, ווערט קונסונאַנטישער אויסלויט־ן (אין דער אומבאַטונטער ענדונג ־ען) איינגאַנצען פאַרלוירען, אודער מינדעסטענס אָפּגעשוואַכט; אין פורמען, אובער, פון די §§ בלייבט דער ־ן אין ענקליטישען „מען״ דאָס רוב אומבאַריהרט און ווערט אויסגעשפּרוכען נורמאַל (אַזוי ווי אין יענע מ״מ, אין וועלכע קונסונאַנטישער ן אין דער אומבאַטונטער ענדזילב ־ען פאַלט נישט אָפּ און ווערט נישט רעדוצירט). —

§ 61. — [אָנמערקונג]. — אין וואַרשע הוב איך געהערט (איין מאָל נור אַפילו): „אוט מין זיי גיקריגן״ (= „הובען זיי געקריגען״)! —

# מיסצעלען

§ 62. — [פֿוטורום מיט'ן הילפֿסווערב „האָבן"]. — 1) דער עתיד ווערט בײַ ייִדישע צײַטווערטער געבילדעט מיט דעם הילפֿסווערב „וועל, וועסט" א. אַ. וו.

2) אין די פּוילישייִדישע מ"מ קען מען זייער אָפֿט הערן, — דערבײַ נישט בלויז אין מויל פֿון מענטשן אויס דער מאַסע, נײַערט אויך אין מויל פֿון אינטעליגענטן, וואָס קענען גוט די ייִדישע שפּראַך, — פֿוטורום מיט דעם הילפֿסצײַטוואָרט „האָבן" (ווי אין פּערפֿעקטום!). —

§ 63. — אין וואַרשע, צ. ב.: „כ'וב אַך זאָגן" (= „כ'וועל אײַך זאָגן"), „אוב'אַך אַך ברענגען אַ לאַכט" (= „וועל איך אײַך"...), „כ'וב טין[1]"; „ר'ו' צוך צישטעלן[1]" (= „ער וועט זיך צושטעלן"), „ס'וט זאַא" (= „ס'וועט זײַן"); „אובם זאַי מוך מאַכן פֿאַר אַ גנב" (= „וועלן זיי מאַכן"...). — גער: „די צוואַי קוריעס אובם זאַי האָבם" (= ...„וועלן זיי"...). — אַמשינוו: „כ'אוב זאָגן". — ציעכאַנאָוו (פּלוצק. ג.): „אובם זאַי זאָגן". — לובלין: „כ'וב גאַין", „מ'וט גאַין". — מאַקעווע: „אוט ער געיבם". — זע גלײַך אויוון אַף ז' 22 די פֿורם, אַף וועלכע עס באַציט זיך אָנמ. 50. —

§ 64. — 1) כ'הוב נאָטירט אַ אינטערעסאַנטע פֿראַזע: „מ'וט גיראַכנט, מ'וט מאַכן"... (וואַרשע). אַן אַנדער וואַרשעווער וועט זאָגן: „מ'וט גיראַכנט, מ'עט מאַכן"...

2) מ'קען עס האַלטן פֿאַר אַ מין „אַסימילאַציע", גענויער — פֿאַר אַנאַלאָגיעבילדונג: לויט אַנאַלאָגיע מיט'ן „מ'וט" פֿון הויפּטזאַץ, איז דער „מ'עט" (= „מ'וועט") פֿון דעם בײַזאַץ פֿאַרוואַנדעלט געוואָרן אין אַ „מ'וט". —

§ 65. — 1) „כ'וב" און „ז'ובם" בײַ די עתידפֿורמען האָבן געקענט זיך באַווײַזן אָנשטאָט „כ'עב" און „ז'עבם" אין אַנאַלאָגישע זאַצן.

2) צ. ב., אין אַזאַ אויסדרוק, ווי: „כ'וב גיזאָקט, כ'עב קימע", אָדער: „ז'ובם גיזאָקט, ז'עבם קימע", — האָבן דער „עב" און דער „עבם" פֿון בײַזאַץ געקענט, לויט אַנאַלאָגיע מיט'ן „אוב" און „אובם" פֿון הויפּטזאַץ, איבערגיין אין „אוב" און „ובם".

3) וועגן „עב" און „עבם" זע ווײַטער § 69 פּפּ. —

§ 66. — [פֿוטורום מיט׳ן הילפֿסווערב „זײַן“]. — 1) אויך
קען מען אין די פּויליש־יידישע מ״מ הערען דעם עתיד מיט׳ן הילפֿס=
ווארט „זײַן“ (אויך פּונקט, ווי אין פּערפֿעקטום!).

2) איך האָב פֿאַרשריבען בײַשפּילען פֿאַר דער דריטער פּערזאָן
פֿון מערצאָל און פֿאַר דער העפֿליכקייטספֿאָרם פֿון צווייטער פּערזאָן
פּלוראַליס.

3) קעל׳ץ: „זאַי שראַאַבם, ז׳ אַי זענען צישיקען“[20] (=
„זיי שרײַבען, אַז זיי וועלען צושיקען“). — שאַדעק: „זענען זע
האַרגענען“ (= „זיי וועלען זי האַרגענען“). — קוטנע: „ז׳ ע=
נע קימע“ (= „זיי וועלען קומען“). — פּלוצק: „אַ ז׳ ענע
אווענאַין“ (= „אַז זיי וועלען“...). — סילעוו (פּעטריק. ג.): „ז ע-
נין שאַצן“ (= „זיי וועלען שאַצען“). — ד. דערוואַלעוו (גריצ. ק.):
„ז ע נ י קריקימי“ (ד. ה. „זיי וועלען צוריקקומען“). — סאָכאַטשאָוו:
„זאַי ענע קימע“. — לודשז: „וואָ זי ענען טאַאַנע“ (ד. ה.
„וואָס איר וועט טענהען“). — מיעכאָוו (קעלצ. ג.): „אַווי ווי[1] זי[1]
זענע זאָגן.“

4) אין די בײַשפּילען, וואָס קומען אָהן פּערזענליכען פּירוואָרט
פֿון דריטער פּערזאָן, האָט דער פּראָנאָמען זיך צונויפֿגעגאָסען מיט׳ן ווערבום
פֿיניטום: „זענען“, „זענין“, „זעני“, ד. ה. „ז׳ זענען“,
„ז׳ זענין“, „ז׳ זעני“ (ד. ה. „זיי זענען“, ד. ה. „זיי וועלען...).

5) דעריבער טאַקע ווערט די פֿאָרם „זענען“, „זענע“ (ד. ה.
„ז׳ זענען“) אָפֿטמאָל אַנטפּונדען פֿון פֿאָלק אַלס „ז׳ ענען“, „ז׳ ע=
נע“, — אַלזאָ, אָהן דעם פּראָנאָמען: „ענען“, „ענע“.

אַנמערקונג. — אויך אין פּרעזענס און אין פּערפֿעקטום
ווערט אין פּוילישיידישען (אין בינדיקען רעדען) פֿון „זאַי זענען“ —
„ז׳ זענען“, „ז׳ זענע“; ווייטער; „זענען“, „זענע“; ענדליך: „ז׳
ענען“, „ז׳ ענע“. — און דערפֿון, אָהן פּראָקליטישען פּראָנאָמען:
„ענען“, „ענע“. — אין סקערניעוויץ: „יידן[1] ענע דאָאָם, יידן[1]
ענע יענץ“.

ווען אַ זאַלושיצער (פּינטש. ק.) זאָגט: „ינזע מאַאַן
וואַפּס פֿאַמיליע“; אין אַ מיעכאָווער (קעלצ. ג.): „ינזע עט-
לופֿן“, — איז דער „ינזע“ דאָ: „ענע זאַי“ (ד. ה. „זענען זיי“). —

§ 67 — אַלס נישט שטאַרק וואָרשײַנליכע השערה קען מען
ברענגען אַזאַ עטימאָלאָגישע דערקלערונג פֿון דעם „זענען“, פֿון וועלכען
ס׳איז דאָ די רייד: „זיי וועלען“... ווערט אין פּוילישיידישען אַרויסגערעט:
„זאַי עלן“, „ז׳ עלן“, „זעלן“. אין דער לעצטער פֿאָרם

הוט ל׳ זיך אַסימילירט מיט׳ן אויסלויטנאַזאַל, איז געוואָרען: „זענען, זענין" (נאָך פאַרלוסט פון אויסלויטנאַזאַל: „זענע, זעני"). דידו־זיקע פורם קען צום צווייטען מאָל באַקומען דאָס פערזענליכע פירוואָרט, ווערט: „זאַי (זי[1]) זענען (זענין, זענע, זעני)"; דערנאָך: „ז׳ זענען" („ז׳ זענין, ז׳ זענע, ז׳ זעני"); ווייטער גיסען זיך ביידע „ז" צונויף, און ס׳ווערט: „זענען" (א. אַ. וו.), „ז׳ענען" (א. אַ. וו.), און, אָהן פירוואָרט: „ענען" (א. אַ. וו.). —

§ 68. — [פערפעקט מיט׳ן הילפסווערב „חעט"]. — 1) באַ מיר איז נאָטירט פאַר וואַרשע אַזאַ ווענדונג: „מ׳עט ס׳יינגל ארעטיעט"[1] (ד. ה. „מ" הוט דאָס יינגעל אַרעסטירט").

2) קען זיין, אַז פריער איז געגאַנגען אַ זאַץ: „מ׳עט גאַין..." אודער אַנ׳אַנדערער, אין וועלכען „עט" איז געווען באָם פוטורום, און דורך אַנאַלאָגיע איז אין ווייטערדיקען זאַץ פון „מ׳וט" געוואָרען „מ׳עט". — פאַרגלייך אייבען § 64. —

§ 69. — [„עב", „עבם"]. — 1) פוטורום מיט „עב" (ערשטע פערז. סינג.), „עבם" (1. און 3. פ. פל., העפליכקייטספורם פאַר 2. פ. פל.) איז זייער פאָפולעריש אין די פוילישיידישע מ"מ. אויסער די ביישפילען, וואָס זענען געבראַכט אין מיין „קונס." I § 62. פ. 2 (ז׳ 76), נאָך עטליכע: „ב׳עך זי נאַיטן" (ד. ה. „וועל איך זי נייטען"); „כ׳ עבם גיפינע" („כ׳וועל אים געפינען"); „אַ ז׳עבם וועלן"... (ד. ה. „אַז זי וועלען וועלען", ד. ה. „אַז איר וועט ווערען") [וואַרשע]. — „כ׳עב געין" (פוואָנזעק). — „יעך עב אַך זאָגן" (פיאַסעטשנע). — „יאַך עב אַוועק אָהן געל׳ט" (מוגעלניצע). — „יאַך עב אָפזיצן" (נאַדאַ־זשין). — „כ׳ עב אַך געי פינף ריביל׳" (וואָרקע). — „כ׳ עב גאַין" (זאַקריטשין). — „ז׳ עבם זעין" (איכוטע). — „זאַי עבם דעך דאָס דאָ ניש שעינקע" (מוגעלניצע). — „די אַידיס עבם טאַאַנין" (סקאַרושיסקע). — „זאַי עבם זאָגן" (בענדין).

2) די דערקלערונג, וואָס איז געבראַכט אין „קונס." I § 62 (פ. 2), אַנולירט איך.

3) וויזשע דערקלערט מען די פורמען אַנדערש? —

§ 70. — 1) א. פ. שטערן אין זיין „ווערטערבוך" 196פפ. ברענגט: „איך העבב" (פרעזענס); „איך העבב געהאַטט" (פערפעקט.). — באָם פערפעקט פאַראַלעלפורם: „איך הוב גע־האַטט".

2) אויבער ערשטע פערזון פלוראַלים: „מיר הובען", „מיר היבען[1]" (פרעזענס); „מיר היבען[1] געהאַטט", „מיר היבען געהאַטט" (פערפ.). — דריטע פ. פל.: „זי[1] היבען[1]" (פרעז.), „זי[1] היבען[1] געהאַטט" (פערפ.).

3) דער אימפעראַטיוו: „העבּב איך!“ (1־טע פּ. סינג.); „העבּב!“ (2־טע פּ. סינג.); „העבּב ער!“ (3־טע פּ. סינג.); „העבּט!“ (2־טע פּ. פּלור.).

4) אובער: „היבּען[1] מיר!“ (1־טע פּ. פּל.); „היבּען[1] זיי!“ (3־טע פּ. פּל.).

5) דער עתיד — מיט „ווער, ווערסט, ווערד; ווערן, ווערט, ווערן“. —

§ 71. — 1) אין די העסישע (דייטשישע) מ״מ און אין פוגטלאַנד קען מען הערן: „ich heb“ (ד. ה. „איך הוב“); בעהאַגהעל 134 האַלט, אַז דער e אין דער פורם איז רעזולטאַט פון אומלויט (a פון habe איז אונטער דער ווירקונג פון i אויס ich איבערגעגאַנגען אין e).

2) מז׳ל דיאייגענע דערקלערונג אָננעמען פאַר׳ן פּוילישיידישען, וואָלט דאָס הייסען, אַז דער o אין „אוּב“ („הוּבּ“), „אוּבּם“ („הוּבּם“) איז אין אַזעלכע אויסדריקען, ווי „אוּב איך“, „אוּבּם מיר (אינק)“, אונטער דער ווירקונג פון i פון די פּירווערטער („מיר“, „אינץ“), אומגעלויט געוואָרען אין e (איז אַנטשטאַנען: „עב, עבּם“). —

§ 72. — 1) דיזאָזיקע דערקלערונג, וואָס איז גוט פאַר שטערנס פורמען (§ 70), קען אובער נישט אַזוי גרינג אַקצעפּטירט ווערען פאַר די פּוילישיידישע (§ 69), וועלכע קומען פור נור באַם עתיד. אַלענפאַלס ביז יעצט הוב איך זיי באַם פּרעזענס (אודער פּערפעקט) נישט געהערט.

2) ס׳איז אַ שאלה: פאַרוואָס זול אין „אוּב, אוּבּם“ פורקומען אומלויט פון שטאַמוואָקאַל אויסשליסליך דעמאָלט, ווען די פורמען ווערען געבּרויכט מיט׳ן פוטורום, און קיינמאָל נישט, ווען זיי ווערען באַנוצט אַלס פּרעזענס אודער מיט׳ן פּערפעקט? —

§ 73. — 1) זול מען אָננעמען אַזאַ השערה: „עב, עבּם“ זענען מישפורמען, דערשיינונגען פון קונטאַמינאַציע? — דהיינו: „ווּעל, ווּעלן“ ווערט אין פּוילישען יידיש אַרויסגערעט: „על, עלן“. נאָך דעם, ווי ס׳איז אין די פּוילישיידישע מ״מ אַריין אין געבּרויך דער עתיד מיט „אוּב, אוּבּם“ (§ 63), הובען זיך געקענט אויסבּילדען מישפורמען: דער וואָקאַל פון „על, עלן“ (e) מיט די קונסונאַנטען פון „אוּב, אוּבּם“ (־ב, ־בּם), אַלזו: „עב, עבּם“.

2) אובער נעמט מען אָן די השערה, פאַלט אַוועק די דערקלערונג, וואָס איז אויבען (§ 65) געבּראַכט פאַר׳ן עתיד מיט „אוּב, אוּבּם“.

3) „ווּעבּם“ („קונם“. 1 ז׳ 76) איז זיכער בּיישפּיל פון קונטאַ-

מינז צ.ע: דאָ זענען אויסגעמישט געוואָרען די פאָרמען „ו ע ל ן" און „א ו ב ם": די ערשטע זילב פון דער ערשטער פאָרם (ווע=) מיט דער צווייטער זילב פון דער צווייטער פאָרם (=בם) האָבען געבילדעט אַ נייע פאָרם. —

§ 74. — ס'איז מעגליך אויך אַזאַ היפּאָטעזע: אין „ע ל ן" (ד. ה. „יע ל ע ן") איז l דורך דיסימילאַציע (אַרויסגעשטיפּט פון n) איבערגעגאַנגען אין b (איז געוואָרען „ע ב ם"), דערנאָך איז דער b לויט אַנאַלאָגיע איבערגעטראָגען געוואָרען אויך אין די פאָרט פון ערשטער פערזאָן סינג. (איז געוואָרען „ע ב"). —

§ 75. — 1) ענדליך, נאָך אַ השערה. די סינגולאַר-פּאַראַדיגמע פון הילפסווערב „האָבען" (ווען ער ווערט געברויכט מיט'ן פּערפעקט) איז (אין פּוילישיידישער טראַנסקריפּציע): „כ'וב, ד'וסט, ר'וט"; די סינגולאַרפּאַראַדיגמע פון הילפסווערב, מיט וועלכען ס'ווערט געבילדעט (אין פּוילישיידישען) דער עתיד, איז: „כ'ל, ד'עסט, ר'עט". אַלזאָ, ביידע פּאַראַדיגמעס טרעפען זיך אין דעם קאָנסאָנאַנטיזם פון דער צווייטער און דריטער פערזאָן (-סט, =ט). לויט אַנאַלאָגיע, האָט געקענט פאָרקומען אַן אויסגלייכונג פון דעם קאָנסאָנאַנטבאַשטאַנד אויך אין די פאָרמען פון ערשטער פערזאָן: =ב איז איבערגעטראָגען געוואָרען אין די צווייטע פּאַראַדיגמע אַפּ'ן אָרט פון l (איז געוואָרען: „ע ב"). — דערנאָך, אַזוי ווי אַקייגען „זוב" שטייט „אובם", איז אַקייגען „ע ב" אַוועקגעשטעלט געוואָרען (אַנשטאַט דעם „ע ל ן"): „ע ב ם".

2) פון אַלע ביז יעצט געבראַכטע השערות, איז די לעצטע, דאַכט זיך מיר, אַמנאָנטסטען צו דער ווירקליכקייט. די דאָזיקע השערה רירט אויך אָן גאַרניט אָן די דערקלערונג, וואָס איוועז געבראַכט פאַר דעם עתיד מיט'ן הילפסווערב „האָבען" (§ 65). ס'איז מעגליך אַזאַ וועג: נאָך דעם, ווי ס'איז געשעען דער פּראָצעס, פון וועלכען ס'איז די רייד אין ערשטען פּונקט פון איצטיקען §, איז פאָרגעקומען דאָס, וואָס ווערט כאַראַקטעריזירט אין § 65.[70] —

§ 76. — מ'קען דאָס, וואָס אין פאָריקען § (פּ. 1) געשילדערט, פּאַראייניפאַכיקען, אַזוי: אין אַזעלכע זאַצען, ווי: „כ'וב („כ'הוב") גיזאָקט, כ'ל גאַין", „ז'ובם גיזאָקט, ז'עלן גאַין", האָט זיך l (אויס „כ'ל", „ז'עלן") אַסימילירט מיט'ן b (אויס „כ'וב", „ז'ובם"), איז געוואָרען: „כ'וב גיזאָקט, כ'עב גאַין", „ז ו ב ם גיזאָקט, ז'עבם גאַין". — דערנאָך האָט מען „ע ב" און „ע ב ם" אָנגעהויבען געברויכען אין אַנדערע ווענדונגען („עבם" — אויך פאַר ערשטער פערזאָן פּל.[72]). —

§ 77. — [„אומען"]. — זייער אַ פּאָפּולערישע פאָרם אין די פּוילישיידישע מ"מ. —

§ 78. — 1) אַלס פאָרם פון ערשטער פּערזאָן מערצאָל פּרעזענטיס האָב איך דאָס געשטאַלט לעת עתה ווייניק געהערט. באַ מיר זענען רעגיסטרירט סך הכל 3 פאַלען: „אינץ אומין אַ גישעפּט צים האַרן" (ראַדזימין); — „אינץ הומין אַ דאָרף" (גער); — „אינץ אומין קאַ געלט ניש" (לאָוויטש).

2) צום ווערב „האָבּן" אַלס טראַנזיטיוו און אַלס הילפסווערב. —

§ 79. — זייער אָפט איז דאָס געשטאַלט פאַר דער פאָרם פון דריטער פּערזאָן מערצאָל פּרעזענטיס.

1) אַלס טראַנזיטיווער ווערב: „ז'אומע ניש וואָס ציטיע"[1]; „זאַי אומע ניש קאַ געלט"; „די עלטורן אומין געלט" (וואַרשע). — „זאַי אומי ניש קאַ גראָשן געלט"; „זאַי אומי ניש קאַ שים עצה" (קאָרטשעוו ק.-מינסק. ק.). — „ז'אומין אַ סך געלט" (אָטוואָצק). — „ז'אומי כח די אָפּיעקי אַציוואַרפן?"; „ז'אומין ניש קאַ געל'ט" (ריקי גאַרוואָל. ק.). — „ז'אומין מל'עטשאַרנ'יס" (פּאָריסאָוו גאַרוואָל. ק.). — „ז'אומי מוירי" (סאָבין גאַרוואָל. ק.). — „ז'אומין ענערגיע" (מאַטשעווין גאַרוואָל. ק.). — „זאַי אומין אַ באַפּיע"[1] (קשיווד ע דיקעוו. ק.). — „די קינדע אומיניש קאַ טאַטן אין אומיניש קאַ מאַמע" (פּיליוו לובל. ג.). — „צ'עסן אומין זאַי" (אָפּאָלע, לובל. ג.). — „זאַי אומין אַ סך געלט" (סטענזשין גאַרוואָל. ק.).

2) אַלס הילפסווערב: „ז'אומין אינץ ניש גיפינע" (וואַרשע). — „די קינדע אומי מוירי גיהאַט" (ראַדזימין). — „גיפינע אומי זאַי גאַניש"; „ז'ומי גירעט, וואָ ז'ומי נאָ גיוואָלט"; „זאַי אומי ג'אַט"... (גער). — „ז'ומע ניש פאַשטאַנע" (וואָרקע וואַרש. ג.). — „זאַי אומי מעך גיפּרעיקט"; „זאַי אומין גיפּרעיקט" (קאָרטשעוו). — „אומין זאַי גיזאָקט"; „אומין די קינדע גיזאָקט"; „אומין די קינדע גיטאַאַניט"; „ז'אומי גיפינע גיוועיע" (גאַרוואָלין). — „זאַי אומין גיטאַאַניט" (זשעליכוּוו). — „זאַי אומי פּריע[1] גיזאָקט" (ריקי). — „ז'אומי מיקאַ[1] וואָכיט גיזיכט" (פּאָריסאָוו). — „זאַי אומי דים קוויט[1] גיהאַלטן באַ זעך" (סאָבין). — „ז'ומי מיע[1] גיזאָקט" (קוזשעניץ). — „אומין זאַי גיקימין" (קאַליש). —

§ 80. — אויך פאַר די העפליכקייטספאָרם פון צווייטער פּערזאָן מערצאָל פּרעזענטיס און אימפּעראַטיווי.

1) זי אומען קאַ שים עצה" (וואַרשע).

2) „אומין זי רחמנות!" (גאַרוואָלין). —

§ 81. — אין ווארשע: „אומען זאי", (ד. ה. „וועלען זיי גיין"); „אומי זאי קימע". — פארגלייך § 63 און § 40 (פּ. 2). —

§ 82. — אין די אלע מ"מ פאלט קונסונאנטישער n אין דער אומבאטונטער ענדונג „ע" (-ין) געווייגטליך אפ. אין דער פורם „אומען" („אומין"), דאגעגען, ווערט ער דאס רוב ארויסגערעט. פון די 42 מאל, וואס דאס געשטאלט קומט פור אין די §§ 79 — 81, בלייבט אין 21 פאלען דער אויסלויטנאזאל אומבארירט. אין 13 פאלען פעלט ער פאר אנלויט-n אדער -m פון פולגענדיקען ווקאבעל, אלזו, מעגליך, צוליב אסימילאציע. ס"ה אין 8 פאלען פעלט ער פאר אנדערע קונסונאנטען. —

§ 83. — ווי דערקלערט מען דעם -מ- אין דער פורם? — ס'זענען מעגליך עטליכע השערות. —

§ 84. — 1) ס'קומט אפ'ן געדאנק די דערקלערונג, וועלכע בעהאגהעל 186 גיט פאר דער אלטער דייטשישער פורם „silmen" („זילבען"): -b- אסימילירט זיך מיט'ן n-, בלייבט אובער בא דער בילאביאלער ארטיקולאציעשטעלע, הובען מיר -m-.

2) אויך אין „הובען" („אובען") נישט סונאנטישער n הוט זיך אסימילירט מיט'ן -ב-, ווי דער מנהג איז אין יידישען, נור -ב- מיט'ן סונ. n, בלייבענדיק דערביי בא דער בילאביאלער ארטיקולאציע.

3) ס'קען אפשר זיין, אז דער פראצעס איז צום ערשטען מאל פורגעקומען פאר דער נעגאציע „נישט" (אין אזעלכע אויסדריקען, ווי: „זיי הובען נישט"...). אנלויט-נ פון דער נעגאציע הוט, קען זיין, געשטערט דעם אויסלויט-n (פון „הובען") איבערצוגיין אין סונאנטישען -ם און באגינסטיקט דאס דערנענטערען זיך פון -ב- צום נאזאל פון אויסלויט.

3) די פורם „הומען" („אומען") הוט געקענט דערשיינען נור פאר דריטער[7] פערזון מערצאל (§ 79). ערשט דערנאך ווענט מען זי דא און דורט אן אויך פאר ערשטער פערזון מערצאל (§ 78) — לויט אנאלוגיע. —

§ 85. — מער וואַרשיינליך איז די צווייטע השערה: אין דער נורמאלישער („ליטעראַרישער") פאראדיגמע איז אין פלוראל די פורם פון דריטער פערזון גלייך דער פורם פון ערשטער: „מיר הובען — זיי הובען". — אין די פוילישידישע מ"מ איז די ערשטע פערזון פלוראליס: „אינץ (מ') אומו" („אומא, אומע, אוכער" וכ'). הוט אויך די פורם פון דריטער פערזון, לויט אנאלוגיע באקומען -מ- („זאי אומען").

אנמערקונג. — ווען „אומען" ווארפט זיך דורך אויך

אַלס פאָרם פון ערשטער פּ. פּל. (§ 78), איז דאָס שוין סעקונדערע דערשיינונג: תּחילת איז די פאָרם, קען מען אַף זיכער זאָגן, געווען פאַרבונדען מיט דער דריטער פּ. פּל.; ערשט שפּעטער הוט זי, לויט אַנאַלאָגיע (אובער זעלטען), אנגעהויבן געברויכט צו ווערן אויך פאַר ערשטער פּ. פּל. —

§ 86. — [„עמין“, „וועמין“]. — 1) אָנשטאָט „וועלען“ קען מען אין די פּוילישיידישע מ״מ אופּט הערען: „עמין“, אין מ״יל פון די אייגענע פערזונען, וואָס געברויכען „אומען“ (§§ 78 — 85).

2) צ. ב.: „עמין זאַי קימע“; „כ׳ וואָיס ניש, צי ז׳ עמי וועלן גאַין“; „אַ ז׳עמע ניש טין [1] ?“ (וואַרשע). — „ז׳עמי נ׳ים דאַקענע“ (גער). — „ז׳עמי קימע“ (קאָרטשעוו). — „זאַי זאָגן, ז׳עמי אַלץ אָוואַרפן“ (ריקי). — „ז׳עמי וויסן“ (מאַטשעוויץ). — „זאַי עמין ציַלאַיגן [1]“ (ריטשיוואָל, קוזש. ק.).

3) אין פּיאַסעטשנע: „זאַאַני עדות אימי ניש שווערין“.

4) די פאָרמען קומען-פאָר נור פאַר דריטער פּ. פּל.

5) אויך פאַר דער העפלעכקייטספאָרם פון צווייטער פּ. פּל. — וואַרשע: „זי [1] עמין קימע“. —

§ 87. — 1) „עמין“ קען שטאַמען פון „עבין“ („וועלען“): זע „קונס“. I § 62 (פּ. 2).

2) די דערקלערונג פון דער עטימאָלאָגיע וואָלט געקענט זיין די אייגענע, ווי אויוועך אין § 84 באַשריבען: נישט אויסלויטנאַזאַל זיך אַסימילירט מיט׳ן ־ב־, נור דער ־ב־ מיט׳ן אויסלויטנאַזאַל, דאָס ערשטע מאָל, קען זיין, פאַר דער נעגאַציע „נישט“. –

§ 88. — 1) אודער ס׳איז מעגליך אַנ׳אַנדערע דערקלערונג, ווען מ׳זול אַרויסגיין נישט פון „עבם“, נור פון „עלן“ („וועלען“).

2) אין דער „קורעקטער“ פּאַראַדיגמע: „מיר וועלען — זיי וועלען“. — אין די פּוילישיידישע מ״מ, לויט אַנאַלאָגיע מיט „אינץ (מ׳) עמו“ („עמאַ, עמע, עמער“ וכ׳): „זאַי עמין“, — ד. ה. ־מ־ אויס דער פאָרם פון ערשט. פּ. פּל. איבערגעגאַנגען אין די פאָרם פון דער דריטער פּ. פּל. (פאַרגלייך § 85). —

§ 89. איינמאָל איז באַ מיר נוטירט: „ווּעמין“ (ד. ה. „עמין“ ד. ה. „וועלען“): „די קינדע ווּעמין טאַאַנע, אַזוי ווי [1] ז׳אומין גיטאַאַניט“ (נאַרוולין). —

§ 90. — [זעמין]. — 1) אין די פּוילישיידישע מ״מ קען

מען אופּט הערן אויך „זעמען" („זעמין"), אַלס ערשטע פּערזון פון מערצאָל פּרעזענטיס (צום ווערב „זײַן").

2) „מיר זעמין עטלעכענע יורשים"; „אינץ זעמען זאַיר אָארעם" (וואַרשע). — „אינץ זעמען אָארעמעלאַט"; „אינץ זעמען פון וויעס' וואָליע" (וואָליע, וואַרש. פּורשטאַט). — „אינץ זעמין דעך ניש קילדיק" (יעזווירנע). — „מי זעמין אַרבעטע" (מוגעלניצע). — „אינץ זעמין אָארים"; „אַנ'אַגענט זעמין אינץ" (פּורזש). — „אינץ זעמע זאַיער ראַאַך" (וויערושוו). — „אינ' צעמין אָוכים אָארים"; „...זעמינץ גיגאַנע" (פּאָריסוו). — „אינץ זעמין ניש גיט מיט עים" (פּשיסכע, ראַד. ג.). — „מי זעמין גרויסי אביונים (קאָזמער).

3) אין 11 פֿאַלן ווערט אויסלויטנאַזאַל אין דער פֿורם פון וועלכער ס'איז די רייד, יו אויסגעשפּרוכן. בלויז אין צוויין פֿאַלן נישט. —

§ 91. — 1) „זעמין" וואָלט געקענט באַטראַכט ווערן אַלס אַנאַלאָגיעבילדונג נאָך „זעמיר[7]". — אין טומאַשוו (פּעמ ריק. ג. ראַוו. ק.) הוב איך געהערט אַזאַ זאַץ: „מי[1] זעמע טומאַשוווע מי[1] זעמין אַף איין ליסטע[1]". — ס'איז אובער דאָ אַ בעסערע דערקלערונג.

2) „זעמיר" ווערט אין גרעסטען טייל פּוילישיידישע מ"מ אַרויס גערעט אָהן דעם אויסלויט-ר (ענדזילבוואָקאַל פאַרשידען לויט דער מונדאַרט נאָך)[?]. ווען די פֿורם ווערט באַלייט פון ענקליטישען „נישט" (און דאָס געשעט גענוג אָפט), רעדט מען אַרויס: „זעמעניש" (מיטעלזילב וואָקאַל פאַרשידען לויט דער מונדאַרט נאָך). מעגליך, אז אַדאַנק אַזאַ אויס-שפּראַך איז אָנלויטנאַזאַל פון דער נעגאַציע צוגעוואַקסען צום ווערבום פיניטום, און עס איז אַרײַן אין געברויך (אפילו אָהן נאָכשטייענדיקער נעגאַציע): „זעמען" („זעמין").

3) אודער, ווידער, אַזויווי דער אָפּפאַל פון אויסלויט-ר (אין דער אומבאַטונטער ענדזילב -ער) איז אין די מ"מ, פון וועלכע ס'איז די רייד, העכסט ראַדיקאַליש, קען זײַן, אַז דער אויסלויט-נ, וואָס דערשייַנט אין „זעמען" („זעמין"), איז פשוט היאַטוספאַרמײַדער, ווען „זעמע" קומט-אויס צו שטיין פאַר וואָקאַלישען אָנלויט פון נאָכפולגענדי-קען וואָקאַבעל. — אין 7 פון די 13 ביישפּילען, וואָס זענען געבראַכט אין § 06 (פ. 2), שטייט טאַקע די פֿורם, וועלכע מיר באַהאַנדלען דאָ, פאַר ווערטער מיט וואָקאַלישען אָנלויט.

4) דער פאַקט גופא, וואָס דער קונסונאַנטישער אויסלויט-נ (וואָס אין גרעסטען טייל פּוילישיידישע מ"מ פאַלט ער אין דער אומבאַטונטער ענדזילב

אָפּ) ווערט אין אונדזער וואָקאַבעל דאָס רוב יו אַרויסגערעט דײַטליך, שטיצט אונטער די השערות פֿון די פּונקטען 2 און 3. —

§ 92. — [„וומין, וובין“]. — אַ לודזשער הוט עפּעס דער־ציילט, הוט ער געזאָגט: „וומין זע גיוועין“ (ד. ה. „וואָלטען זיי געווען“), און אין אַ סעקונדע אַרום: „ווּבם זע גיוועין“ (ד. ה. „וואָלטען זיי געווען“).

1) „וומין“ לוזט זיך דערקלערען נור אַלס „וואָלט מען“ ־לט זיך אַסימילירט מיט׳ן מ=). אַלזו: „וואָלט מען זיי געווען“ (ד. ה. „וואָלטען זיי געווען“). — פֿאַרגלייַך אויוועז § 61.

2) „ווּבם“ שטאַמט אפשר א׳יס „וומין“ דורך דיסימילאַציע (אויסלויטנאַזאַל אַרויסגעשטופּט דעם ־מ־, וועלכער איז איבערגע־גאַנגען אין אַנ׳אַנדער בילאַביאַלען לויט)? —

§ 93. — [„לובם“]. — אין מויל פֿון אַ פּראַגער הוב איך געהערט: „לובם זאַי גאַין“ (ד. ה. „לוזען זיי גיין“). — דאָס דערשיינען פֿון ־ב־ איז אפשר פּרודוקט פֿון דיסימילאַציע (ז־ פֿון פּרונ׳מען הוט אַרויסגעשטופּט דעם ־ז־ פֿון ווערב)? —

§ 94. — [צונאָב]. — אין שנעלען רעדען קען מען הערען צונויפגעפּרעסטע פֿורמען, מיט פֿאַרלוסט פֿון געוויסע קונסונאַנטען. — אין מיעכוּוו (קעלצ. ג.): „זיד[1] גאַין“ (ד. ה. „זי[1] על ן גאַין“, ד. ה. „איר וועט גיין“). — אין דובזשין (אַף דער ווייסעל): „ז׳ען גאַאָניש מאַכן“ (ד. ה. „ז׳עלן“..., ד. ה. „זיי וועלען“...). — פּולטאַווע: „מין קימי“ (ד. ה „מיר עלן“, ד. ה. „מיר וועלען“ ...). — סלונים: „ווען זעין זוגן“... („ווען זיי וועלען“...). — אין די 4 מיט גרוי־סע אותיות געדרוקטע פֿורמען איז אַרויסגעשטופּט געוואָרען ־ל־, אַלס מיטעלדיקער קונסונאַנט צווישען דריי (זלן, מלן). — מ׳קען דאָס אויך האַלטען פֿאַר דערשיינונגען פֿון אַסימילאַציע (־ל־ זיך אַסימילירט מיט איינעם פֿון די צוויי קונסונאַנטען, צווישען וועלכע געשטאַנען). פֿאַרגלייך בעהאַנהעל 196. —

---

## אָנמערקונגען.

1) i לאַנג. —
2) = „וועלען מיר“. — 3) „זענען מיר“. — 4) „פֿלעגען מיר“. —
5) „זולען מיר“. — 6) „פֿאַרען מיר“. — 7) „שטעלען מיר“. —
8) איך אַף ז״ז iii 19 (4 מאָל). 22 (3 מ׳); iv 19 (2 מ׳). —

9) = „הובען מיר". — 10) „מיר הובען מיר". —
11) = „מיר זולען מיר". — „מען" איז דרוקגרייז (שטאַט „מער" = „מיר"). —
12) דרוקגרייז (זע די פוריקע אַנמ.). — 13) „מיר קומען מיר". —
14) אויך אַף ז' 77. — 15) אויך אַף ז"ז 21, 43. —
16) אויך אַף ז"ז ii 16, iii 56. — 17) אויך ii 15, iii 15. —
18) דרוקגרייז, שטאַט „מור" (= „מיר"). —
19) לויט'ן כלל, וואָס איז אין „קונס." I 343 פורמולירט.—
20) i אין דער ערשטער זילב לאַנג. —
21) = „אונדז געיען מיר, דרעיען מיר" א. אַ. וו. —
22) = „אונדז נעמען מיר, קומען מיר, קעמען מיר זיך, שעמען מיר זיך". —
23) = „אונדז ווינען מיר, חוינען מיר, קענען מיר, קונען מיר". —
24) נאָך אַרויספאַל פון i, אויך שטאַמזילב-n אַסימילירט זיך מיט'ן m (אַלזו פאַרלוסט פון צוויי n!). —
25) קיין פאַראַלעלישע פורם מיט געבליבענעם n פון שטאַמזילב און i פון ענדזילב — נישט געברויכט (מחמת „אונדז זענען מיר", אַלס פורם פון הילפסווערב, ווערט זייער פיל באַנוצט, און שטייט דערביי דאָס רוב פּראָקליטיש, פאַר'ן הויפטווערב, וואָס ווערט לוגיש שטאַרקער באַטונט). —
26) = „אונדז נאַרען מיר, שפּאַרען מיר זיך". — פאַרשווינדונג פון r הוט גאָרנישט צו טון מיט אַסימילאַציע (זע „קונס." I § 18); a פאַר'ן פאַרשווונדענעם r לאַנג. —
27) אויסגעשפּרוכען (אָפּהענגיק פון טעמפּו, מיט וועלכען ס'ווערט גערעדט): „שוועמאַ, שעמאַ-זאַך (e לאַנג; שוועיאַמאַ, שעיאַמאַ-זאַך; שוועאַמאַ, שעאַמאַ-זאַך; שוועמאַ, שעמאַ" (פאַרגלייך „קונס" I §§ 20, 24), = „שווערען מיר, שערען מיר זיך". —
28) ד. ה. „פירען מיר, פרירען מיר" (i לאַנג). — אויסגעשפּרוכען אויך: „פיאַמאַ, פריאַמאַ", מיט לאַנגען i (פאַרגלייך „קונס." I §21, 24). —
29) ד. ה. „פאָרען מיר, פאַרשפּאָרען מיר" (u לאַנג). — אויסגעשפּרוכען אויך: „פאָאַמאַ, פאַשפּאָאַמאַ" (פאַרגלייך „קונס." I §§ 22, 24). —
30) ערשטער a אין ווערב לאַנג. —
31) ד. ה. „אינדז אײַלען מיר זיך, ווילען מיר, שפּילען מיר". — מ'הערט אין קרעמענ:ץ אויך: „אינץ ווימאַ" (ד. ה. „ווילען מיר"): הייסט נס, אויך l אַסימילירט מיט m.

וועגען פאַרלוסט פון l אין דעמרוזיקען ווקאַל — פאַרגלייך „קונס." I § 61 פ' 1 און אָנמערקונג אין טעקסט. — אין וואַרשע קען מען הערען: „דאָאַכ וויסטי (ד. ה. ווילסטו) נישׁ?" (הויפטטון אַפ'ן פּראָנומען). —

32) „אִינץ אִימאַ געין" (ד. ה. „מִיר וועלען גייִן").

אִין בִּינדיִקען רעדען: „·נצ'מאַ"... מִיט סונאַנטִישען n (ד. ה. „אונדז וועלען מִיר"..., ד. ה. „מִיר וועלען"), „·צ'מאַ"...; צ. ב.: „צ' מאַ שן געין!"... (ד. ה. „מִיר וועלען שוין גייִן").

„עפשאַ 'מאַם ניש דאַפן" (ד. ה. „אפשר וועלען מִיר אִים נִישט דאַרפען").

„אִימאַ פאָרן!" (ד. ה. „פאָרען מִיר"!, „לומִיר פאָרען!"). אַנאַלוגִיש אִין מורד, שעדלעצ. ג. און ק. —

33) קיין פאַראַלעלפורם (אַפִּילו באַ גאָר אַ לאַנגזאַמען טעמפּ פון רעדען) נִישט פאַראַן (אפשר ווייל דער אויסלויט·ת פון ווערב קומט אויס אִין דריטער זילב נאָך הויכטון). —

34) u לאַנג. — פאַראַלעלפורם (באַ גאָר לאַנגזאַמען טעמפּ פון רעדען): „אִינץ בראָטנמאַ" (סונאַנטִישער ·נ· שטאַרק אָפּגעשוואַכט, האַלב איבערגעגאַנגען אִין אומדייטליכען סונאַנטִישען ·מ·). —

35) פאַראַלעלִישע פורמען (אַפִּילו גאָר זעלטען) — אַף דעמאייגענעם שטייגער ווי אִין דער פורִיקער אָנם. —

36) u לאַנג. —

37) די אִינפִינִיטִיווען זע: „קונס." I 314פּפּ. —

38) פּעטִיט·n גִיט־איבער נאַזאַלירונג פון וואָקאַל. —

39) ד. ה. „אונדז שאַרען מִיר, שפאַרען מִיר זִיך"; „אונדז שווערען מִיר זִיך" (אִין דרִילטש אויך: „אִינץ שווערנמע", מִיט סונ. n); — „אונדז שערען מִיר זִיך"; — „אונדז פאַרלירען מִיר, פרירען מִיר" (אִין דרִילטש אויך: „אִינץ פאַלִיעמע, פריִעמע", מִיט לאַנגען i); — „אונדז פאַרען מִיר". —

40) אויך: „אִינץ אַאַלן זעד", „מ' אַאַלן זעך נִיש" (מ' = „מִיר"). —

41) זעלטענער: „אִינץ האַילן זעד" (n באַם ווערב סונ.). —

42) זעלטענער: „אִינין אַרבעטן" (די פורם אַרייַנגעדרונגען אִין דער נייער צייַט). —

43) זעלטענער: „מִי וואַרטמע", „מ' וואַרטמע" (מִי, מ' = „מִיר"). —

44) זעלטענער: „מִי עסמע", „מ' עסמע". —

45) זעלטענער: „מִי שלאָגמע, מ' שלאָגמע". —

46) אויך: „אִינץ כאַפּם מע" (·ם סונאַנטִיש). —

47) ד. ה. „הובען מִיר". — אִין דעם איינעם פאַל מאַכט אויך דער ·b· מִיט די אַסִימִילאַציִע. —

48) ערשטער ·מ· דאָ סונאַנטִיש. —

49) צוויי וואַרשעווערגעבוירטִיקע יִידען זענען געקומען פרעגען באַ מִיר אַן עצה, שִיסען זיי בייִדע אויס מִיט איין קול: „... נצוויִמאַ וויסן, וואָס

מ׳אומאַ ד אָ צ ִי ט ִי ע!" (i לאַנג), זאָגט אײנער, און דער צווייטער: „...װ אָ ס אינץ אומאַ ד אָ צ ִי ט ִי ע" (i לאַנג)... —

50) פאַרגלײַך § 62פפ. —

51) ד. ה. „מ ִיר ה וּ ב ע ן נ וּ ך". — פון „מ׳ וּ מ ע נ וּ ך" איז געװאָרן „מ׳ וּ מ׳ נ וּ ך"; דערנאָך: „מ׳ וּ׳ נ וּ ך". —

52) ענדזילבװוקאַל זײער אופֿען (ä, כמעט a). —

53) דורט אױך: „א ִי נ ץ א וּ ב ם געלט", „א ִי נ ץ ט אַ נ צ ן", „א ִי נ ץ אַ ר ב ִי ט ן", „א ִי נ ץ ק ע נ ע ן שראַאַבם", „א ִי נ ץ ע ס ן", „א ִי נ ץ ש ל אָ ג ן עס"; — „מ׳ ִי ט ג אַ י ן! מ׳ ִי ט ע ס ן" (ד. ה. „לומיר גײן, לומיר עסען"!). —

54) עטליכע פערזון זיצען, פרעגט איר זײ: „װאָס טוט איר דאָ?", װעלען זײ ענטפֿערן: „א ִי נ ט ץ ז ִיטצ ִיער". — אובער אין אַ דערצײלונג װעגען אַ פאַרנאַנ־גענער זאַך: „מ׳ ז ִי ט צ מ ע ר אַזױ"... —

55) זעלטען: „ק ע מ ע". —

56) ק ִי נ ד ע ר (זײער קלײנע) געברױכען: „א ִי נ ץ ה וּ מ ע". —

57) װעגען e זע § 71 —

58) הױפּטטון אַף ־צ ִי־ (i לאַנג). —

59) „ע ט ץ, ע ץ" איז נורם אין גרעסטען טײל מיטלײדישע ס"מ (צ. ב. אין װאַרשע, גריצע, גער, גרודזיסק, װאָרקע, סאָכאַטשעװ, זאַקראָטשין, קאָלבעל׳, לודוש, ראַװע, קל. ביאַלע, כּורזשעל, ליקעװע, ריקי, כמעל׳ניק א. אַ. װ. א. אַ. װ. א. אַ. װ.); קומט־פֿיר אין דרוקזאַכען (עלטערע און נײַערע). — פּאַראַלע־ליש װערען געברױכט: „א ִי ר" (מיט לאַנגען i), „ז ִי" (װוקאַל לאַנג) [אַלס העפ־ליכקײטספֿורם].

אין לעמבערג „ע ץ", אובער „ע נ ק" — ניִשט.

אױך אין אַ גרױסען טײל פון די ב ײַ ר ִי ש ע (דײַטשישע) ס"מ איז נומי־נאַטיװ פון פערז. פּרונ. פון צװײטער פּ. פּל.: ez (דאַטיװ־אַקוזאַטיװ: enk; אין מיטעלדײַטשען: „עינק", „ענק"). — אַמאָל (אין ב ײַ ר ִי ש ען פון סוף 13־טען יאָרהונדערט) זענען דאָס (enk, ez) געװען קאַזוס פון דואַל; מיט דער צײַט האָבען זײ אַרױסגעשטופּט די פורמען פון פּלוראַל אין פאַרנומען זײער אורט (בעהאַגהעל 328; רײַז 96). —

60) „א ִי ט ץ" — אין פ ר אָ ש נ ִי ץ, מ אַ ק ע װ ע (אױך „ע ץ"), װ ע ל ִי־ ש ע װ ע (5 װערסט פון ניעפּורענט), ס ִי ל ע װ (הינטער יאַדעװע), ק ל. ־מ ִי נ ס ק, ק אַ ל וּ ש ִי ן, א וּ ט װ וּ צ ק, ז ש ע ל ע כ וּ װ, ר ִי ז ש אַ ן, װ ִי ש ק ע װ ע, ק וּ ר ִי ט נ ִי צ ע (װענגערױו. ק.), ס וּ ק ע ל וּ װ ע (שעדל. ג.), ש ע ד ל ע ץ.

אין א וּ ס ט ר וּ װ ע (לומז. ג.) האָב איך געהערט: „װאָ זאָקט ע ט ץ צ ִי דע ספּראַװע?... א ִי ט ץ מעיקט מאַ גלעיבם... װי װײַט א ִי ט ץ קענט"...

אין װ ע נ ג ע ר ו װ ע, אין דורף ס׳ציונקאַ (גמ. בּרונשטשיק, אוסטר. ק. לומז. ג.): „א ִי ט ץ" מיט לאַנגען װוקאַל. —

61) י"ט: „קונדער ע ט ץ ז אָ ל ט װיסין"... —

62) ז׳ 8: „אױב ע ט ץ װ ִי ל ט ענק יאָ פּשעקינירען". —

63) זע: „קוגסוג.“ I 329. — זשעלטכאָוו: „אַרווסץ כּי מאַן שטיבּ“ (i לאַנג). —

64) אַף דעמאײַגענעם זײַטעל: „געדענקט (!) אויך לטובה“... —

65) איך מאַך אויפמערקזאַם אַף די אויסלײַגונג פון דער ערשטער זילב. —

66) דער צווײַטער אימפּעראַטיוו — אין קאָרעקטער ליטעראַרישער פאָרם (אין דעמאײַגענעם זאַץ!). —

67) מיט עפּיטעזע־ט. —

68) „מע„ נאָכ'ן ווערבום פינטום אין די אַלע בײַשפּילן איז „מען“. — אײַגענטליך, וואָלט מען דאַרפן אַנדערש טראַנסקריבירן. דער וויערושו־ווער n אין דער אומבאַטאָנטער ענדונג ־ען (נאָך m) ווערט רעדוצירט, פאַר־לירט קאָנסאָנאַנטישע נאַטור און בילדט דוך מיט'ן ־מ־ אַ זילב אָהן דער הילף פון אַ וואָקאַל! —

69) וואַרשע, לובלין: „לומע לויפן“, אַלס אומפּערזענליכע פאָרם (ד. ה. „לוז מען לויפן“). — פּעטריקאָוו: „ל'ומין זעין“. — „געשיכטע פון זעלם. ברית“ II 18: „לאָמין ירעגין דעם רבין“. [„אַלט און נײַ“ 29: „לאָז מען גרײַטען צום טיש“...]. — פאַרגלײַך אויוון אָנם. 47 אַף ז' 11.

ענליכע צונויפוואוקסען: „זומאַך קוסטן“ (פּאָריסאָוו), ד. ה. „זול מיך קוסטען“; „כ' פּאַלומאַך“ (באַטוגאָוו, כאַקעוו. ק.), ד. ה. „איך פּאַרלוז מיך“; „יעך פּאַלומאַך ניש“ (דרילטש), ד. ה. „איך פּאַרלוז מיך נישט.“

צו § 59 (פּ. 1): „צי (מיט i) זומין גאַין?“ (אַלס אומפּערזענליכע פאָרם, ד. ה. „צי זול מען גײן?“). —

70) „ד'וסט גיזאָקט, ד'עסט גאַין“; „ר'וט גיזאָקט, ר'עט גאַין“. — לויט אַנאַלאָגיע מיט אַזעלכע ווענדונגען, איז אויך פון אַזאַ ווענדונג, ווי: „כ'וב גיזאָקט, כ'ל גאַין“, געוואָרן: „כ'וב גיזאָקט, כ'עב גאַין“.

שפּעטער שוין איז פון „כ'וב גיזאָקט, כ'עב גאַין“ געוואָרן: „כ'וב גיזאָקט, כ'וב גאַין“; און אויך: „ד'וסט גיזאָקט, ד'וסט גאַין“; „ר'וט גיזאָקט, ר'וט גאַין“. —

71) אַזאַ אַסימילאַציע אַף דיסטאַנץ איז אַ מעגליכע דער־שײַנונג. —

72) פאַר וועלכען אין פּוילישיידישען ווערען געוויינטליך געברויכט: „אינץ אומיר, מ'ומיר“ (§ 40) אודער „אינץ אום מען“ (§ 54 פּ.). —

73) מחמת פאַר ערשטער ווערען אין פּוילישיידישען געברויכט (כמעט אַלס כלל) די פאָרמען אוים דער פאָריקער אָנמערקונג. —

74) אויפפּאַסען „זעמין“ אַלס פּראָדוקט פון דיסימילאַציע (דער אויס־לייגינג אין „זענען“ האָט אַרויסגעשטופּט דער אָנלויט ־נ פון דער ענדזילב, וועלכער איז איבערגעגאַנגען אין ־מ־), איז שווערליך. —

75) זע „קינס.“ I §§ 4—7. —

# ניִשטזיִלבענביִלדענדיִקע נאַזאַלען איִן אויסלויט פון הויפּטטוניִקער זיִלב* פאַר ספּיִראַנטען.

§ 95. — 1) איִן דיִ ייִדיִשע מ"מ (ציִ איִן אַלע דאַרף ערשט פעם געשטעלט ווערען) קען ניִשטזיִלביִשער נאָזלויט (m אודער n) דאָס רוב ניִשט שטייִן פאַר ס פּ יִ ר אַ נ ט.

2) גענוג צו פאַרגלייַכען דיִ אויסשפּראַך פון אַזעלכע ווערטער, וויִ:

„קאַם — קאַמף, אַרום — אַרומפיִען";

„גאַנעף, כוינעף; מניִכץ[1]; שייִנער, קלייִנער, גריִנער[1]; — גאַנווע־גען, כאַנפענען; אָנפייַפן, אָנפליִקן, אָנווייִקן, אָנווייִ־נען; אָנכאַפּס. אָניִאָגן[2]; דיִנסטיִק[1], שייִנס, קלייִנס, גריִנס[1], אָנזאַמלען, אָנזייִגן, אָנזעצן, אָנשיִקן, אָנשמעקן, אָנשרעקן[2]" —

כדי זיִך צו איִבערצייַגען, אַז דער נאַזאַל פאַר ספּיִראַנט (איִן דיִ שפּאַציִרטע ווערטער) איִז לחלוטיִן ניִשט דעראייִגענער, וואָס פאַר ווקאַל (איִן דיִ ניִשטשפּאַציִרטע ווקאַבלען).

3) זול מען דאָס האַלטען פאַר דערשייַנונג פון אַסיִמיִלאַציִע? —

§ 96. — [איִן פּויליִשען]. — אַנאַלוגיִש איִן פּוילִיִשען: פאַר ספּיִראַנט קען דורט שטייִן נור נאָזווקאַל.

1) דער כלל געפיִנט זיִך אַן' אויסדרוק, צ. ב. איִן דעם, אַז ą (נאַזאַליִרטער o) און ę (נאַזאַליִרטער e) ווערען אויסגעשפּרוכען אַלס נאָזווקאַלען — נור פאַר ספּיִראַנטען[3].

2) איִן פרעמדע ווערטער ווערען an- (am-), on-, (om-), un- (um-), en-, in- און yn- פאַר ספּיִראַנט אויסגעשפּרוכען וויִ נאָזווקאַל[4].

3) איִן זאַך ווערט אויסלויט-n פון איין וורט פאַר (נייִטראַלע אודער פּאַלאַטאַליִזיִרטע) f און w פון צווייִטען וורטס אָנלויט אויסגעשפּרוכען וויִ (נייִטראַלער אודער פּאַלאַטאַליִזיִרער) m, וואָס ווערט אַרטיִקוליִרט לאַביִאָ־דענטאַליִש[5]; אויך אויסלויט-m איִן זאַך פאַר (אייִנפאַכען אודער פּאַלאַטאַ־

*) שטענדיִק נאָך ווקאַל. —

יִוּרטען) f אודער w פֿון צווייטען וויורטס אָנלויט ווערט אַרטיקולירט לאַבּיודענטאַליש[6]. —

§ 97. — [אין דייטשישען]. — וועגען דייטשישען ליינען מיר בּאַ בּעהאַגהעל 207: „נאָזאַל פּאַר ספּיראַנטען הוט נישט קיין פעסטען בּאַשטאַנד” (אויספירליכער אין די ווייטערדיקע §§). —

## n פּאַר לאַבּיודענטאַלע ספּיראַנטען.

§ 98. — 1) בּאַ דער אַרטיקולאַציע פֿון דענטאַלען (ווערט גע-רופען אויך „אַלוועאָלאַרער”) נאַזאַל לייגט זיך דער פֿעדערשטער טייל פֿון דער צונג אַף די אינוועניקסטע פלעך פֿון די אייבערשטע ציין דורט וווּ זיי טרעפֿען זיך מיט'ן צאָנפלייש (אַזוי, אַף די „אַלוועאָלען”); אודער זוגאַר העכער, אַף דעמדוזיקען צאָנפלייש טאַקע (זע „קונס.” 1 91, אויך זיבס 61, בּרעמער 51).

2) בּאַ די לאַבּיודענטאַלע ספּיראַנטען (f, w) ווערט דער שפּאַלט, דורך וועלכען עס גייט דער לופֿט-טרום, געבּילדעט דורך די אייבערשטע ציין (גענויער: דורך דער שאַרף פֿון די אייבערשטע שניידציין) און דער אונטערשטער ליפּ (גוטמאַנן 106; זיבס 64פֿ.; בּעיער 14; בּרעמער 44, 88). די צונג געפינט זיך דערבּיי אין איר נורמאַלישער רולאַגע, אויספֿילענדיק דאָס וויגעל צווישען די אונטערשטע ציין.

3) אובּער נור דער איזולירטער לויט הוט זיין פעסטבּאַשטימטע לויטווערט און שטיצט זיך אַף אַ פֿעסטבּאַשטימטער אַר-טיקולאַציע. אין געבּונדענעם רעדען ווירקט דאָס בּאַדערפֿעניש, צוויי שכנתדיקע אַרטיקולאַציעס זולען גיין נאָכאַנאַנד אָהן דער מינ־סטער שווועריקייט; דערפֿון נעמט זיך, אין מומענט פֿון זייער טרעפֿען-זיך, אַ געוויסע ענדערונג פֿון איין אַרטיקולאַציע, אודער פֿון דער אַנדערער אודער פֿון בּיידע צוזאַמען (די דערשיינונג רופֿט מען סאַנדהי; אויס-פירליכער וועגען דעם בּאַ בּעיער 161 פפֿ.).

4) בּאַם אַרטיקולירען די לויטגרופּעס ·נפֿ·, ·נוו·, נעמט אָן די צונג, תיכף נאָך דעם אַרטיקולירען דעם פֿריערגייענדיקען וווקאַל, נישט יענע פּוזיציע, וואָס איז נייטיק צו אַרטיקולירען אַלוועאָלאַרען n (זע פּ. 1), נור בּאַלד יענע, וואָס מיר זעען זי בּאַם אַרטיקולירען דעם לאַבּיודענטאַלען ספּיראַנט (זע פּ. 2).

5) דענטאַלער n איז פאַרשלוסלויט. באַ זײַן אַרטיקו־לאַציע ווערט דער מוילקאַנאַל אָפּגעשלאָסען דורך דער צונג, אַזױ ווי אויוועזן אין פ. 1 כאַראַקטעריזירט. נעמט, אובער, די צונג פּריציַיטיק אָן די פּאָזיציע, וואָס אין פ. 2 באַשריבען, איז דער מוילקאַנאַל אָפען; קאָנ־סאָנאַנטישער n קען שוין נישט אַרטיקולירט ווערען. געשעט איינס פון די צוויי:

a) אודער דאָס גומענפאָראַנגעל (זע „קונס." § 83 פ. 1) בלײַבט אַראָפּגעלאָזט[7], איבערלאָזענדיק פאַר אַ טייל פון לופטשטראָם דעם וועג אין די נאָז אַרײַן, — ווערט דער וואָקאַל פאַר דעם געוועזענעם n נאַזאַלירט (אַ זכר נאָכ'ן פאַרשוואונדענעם n).

b) אודער דאָס גומענפאָראַנגעל הייבט זיך אויף[8], שליסט־אָפּ די נאָזוועגען, — פאַרשווינדט דער n לגמרי אָהן אַ זכר. —

§ 99. — באַ סימפּליציאַ באַגעגענען מיר אין יידישען די פאַרבינדונגען ־נפ־, ־נוו־ דאָס רוב גלויז אין העברעישע און פרעמדע וואָקאַבלען. צ. ב.: „כאַנפינין, גאַנווינין"[9]; „כאַנפענע, גאַנוועגע"[10]; „אַרבאַקאַנפיס"[11]; „פונפי"[12], „פונפין"[13], „פונפּאַטש"[14], „פונפיוואַטי"[15]; — אין דער אויסשפּראַך פאַרלירט n (פאַר'ן f אודער w) קאָנסאָנאַנטישע נאַטור, נאַזאַלירענדיק דעם וואָקאַל פאַר זיך (דער פעטיט־נ נאָכ'ן וואָקאַל באַצייכענט דאָ די נאַזאַלירונג). —

§ 100. — אין יידישע קומפּאָזיטאַ באַגעגענט זיך n אופט מיט f אודער w; צ. ב. (אין קרעמענעצער אויסשפּראַך): „שפּיגוועיפּס, גרינוואַרק[1], קל'עינוואַרק[6]; אָנ־פירן, אַנפירן[17], אַראַנפירן[18]; אָנוואָרפן, אַנוואָרפן[19], אַראַנוואָרפן"[20] וכ': — אין דער אויסשפּראַך ווערט־אָן n (פאַר f און w) קאָנסאָנאַנטישע נאַטור, נאַזאַלירענדיק דעם וואָקאַל פאַר זיך (פעטיט־n נאָכ'ן וואָקאַל גיט דאָ איבער זײַן נאַזאַלירונג). —

§ 101. — 1) דאָסאײַגענע געשעט מיט'ן n אין אויסלויט פון פור־הויפּטטוניקער זילב פאַר אָנלויט־f (אודער w) פון נאָכפּאָלגענדיקען וואָרט.

2) גענוג אויפמערקזאַם זיך אײַנצוהערען אין די אויסשפּראַך פון אַזעל־כע וואָקאַבלען, ווי „קונפּיסקירן" (דריטע זילב מיט ī; ליפשיץ 183, חורוויץ 83); „קונפעקט" (ליפ. 183, הורוו. 83, האַרק. 296, דרייזין 206); „קונפּיטור", „קונפערענץ" (האַרק. 296); „קונוואָלי־ציע" (ליפ. 182), „קאָנוולסיע" (הורוו. 82, האַרק. 358, דרייזין 205); „קונווערט" (ליפ. 183, האַרק. 358), „קאַנווערט" (הורוו 83, דרייזין 205), וכ'.

3) ווען אַ קינציפּוילער יונגערמאַן לייגט־אויס אין אַ בריף: „קאמפּסקירטע", גיט ער מיט דעם m אומבאַדינגט איבער לאַבּיאָדענטאַלע פֿאַרפֿאַרבונג פֿון נאַזאַלטעמבר אַפֿ'ן ווקאַל פֿאַר'ן אויפֿגעלייזטען n. —

§ 102. — אַנאַלאָגיש געשעט מיט'ן n אין דער פּרעפּאָזיציע „אָהן" ווען מיר רעדען זי אַרויס באַטאָנט און אַזעלכע אויסדריקען, ווי: „אָהן פֿעיגל", „אָהן פֿאַבריקן"; „אָהן ווענט", „אָהן וואַרמיס" וכ' (אין קרעמעניצער אויסשפּראַך). —

§ 103. — אויך מיט'ן אויסלויט־n פֿון איינזילביקע פּראָקליטישע ווערטער פֿאַר'ן אַנלויט־f (אודער w) פֿון נאָכפֿאָלגענדיקען וואָרט. — צ. ב. (אין קרעמעניצער אויסשפּראַך): „אין פֿאַבריק, אין פֿעלד; אין וואַרשע, אין ווין[1]" יכ'; — „אין (ד. ה. און) פֿאַוויש ווי גיש", „אין (ד. ה. און) פֿרעידי ווי ניש"; „אין וועלוו ווי ניש", „אין וועלף לויפֿן נאָך" וכ'; — „פֿין פֿאַבריק, פֿין פֿעלד; פֿין וואַרשע, פֿין ווין[1]" וכ'. —

§ 104. — [פֿולשטענדיקע פֿאַרשווינדונג פֿון n]. — n פֿאַר f איז פֿאַרשווונדען אין ה"וו „רעיפֿטל[21]". —

§ 105. — 1) אין יידישען „פֿינף[22]" איז דאָס שכנותשאַפֿט פֿון די צוויי לויטען, וואָס קענען נישט הויזען מיטאַנאַנד, באַזייטיקט געוואָרען דורכ'ן סוואַראַבּהאַקטיוואַקאַל, וואָס האָט זיך אַנטוויקעלט צווישען זיי.

2) באַווייזענהויזען: „פֿינף", נורם, אַלס איבערזעצונג פֿון „חמש המשה[23]"; באַבליצען: „פֿינף[24]", „פֿינוף[25]", „פֿיניף[26]"; „סיפורי הפלאות" ח' b, „ספר היראה" 44, „מצח אהרן" (וויל. 1836) 45: „פֿינף".

3) אין אַ טייל יידישע מ"מ הוט זיך אַזאַ סוואַראַבּהאַקטיוואַקאַל נישט אויסגעבילדט. הוט דער n פֿאַר f טאַקע אָנגעווירען קונסונאַנטישע נאַטור, שטאַרק נאַזאַלירענדיק דעם לאַנגען שטאַמוואַקאַל פֿאַר זיך. דער נאַזאַלטעמבר הוט לאַבּיאָדענטאַלע פֿאַרב; אין אַ טייל מ"מ שפּירט זיך אין איר שטאַרקער דער m־מומענט (געגנוויער: דער לאַביאַלער מומענט)[27]; אין אַנדערע דער n־מאָמענט (ד. ה. דער דענטאַלער)[28].

אָנמערקונג. — אויך צו די פֿורמען אויס די §§ 99 — 103 באַציט זיך די באַמערקונג: דער נאַזאַלטעמבר פֿון ווקאַל פֿאַר'ן אויפֿגעלייזטען n הוט לאַבּיאָדענטאַלע פֿאַרב, און וועלכער עס שפּירט



TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

זיך אין הערט זיך דאָ שטאַרקער דער ליפּמומענט, דאָ שטאַרקער דער צאָנמומענט (לויט דער מונדאַרט נאָך). — נישט אָהן ווירקונג אַף די אויסשפּראַך בלייבט אויך דאָס גראַפֿישע בילד פֿון די וואָקאַבלען אין דער שריפֿטשפּראַך. —

4) דעם סוואַראַבהאַקטיוואָקאַל זעען מיר אויך אין אַזעלכע פֿורמען, ווי „פֿיניוון" („קונס." 1 § 102); „פֿיניווע, פֿיניווי" וכ׳ (l. c.); פֿיניוורו" (אַ פֿינעפֿרובעדשטיק) [ווישעגראָד]; „פֿיניוואַלעי" (קרעמעניץ), „פֿיניוועלאַי" (וואַרשע, דריל׳טש). —

§ 106. — 1) אין „פֿיפֿט"[29], פֿיפֿצן"[30], פֿיפֿציט"[31], פֿיפֿציק"[32], פֿיפֿציקסט"[33], פֿיפֿטל"[34] (קרעמעניצער ט־אַנס־קריפּציע) הוט זיך צווישען ־נ־ און צווייטען ־פֿ־ נישט געקענט אַנטוויקלען קיין סוואַראַבהאַקטיוואָקאַל, איז דער נאַזאַל פֿאַר׳ן f לגמרי פֿאַרשוואונדען.

2) אין אַנדערע יידישע מ"מ פֿאַרשווינט נישט דער n, פֿאַרלירט אָבער, קונסונאַנטישע נאַטור, נאַזאַלירענדיק דעם וואָקאַל פֿאַר זיך (פֿאַרגלייך פּונקט 3 פֿון פֿוריקען §)[35].

3) ס׳איז מיר אויסגעקומען צו הערען אויך אויסדריקליך־קונסונאַנטישען n פֿאַר׳ן f[36]. —

§ 107. — 1) ווינצענהויזען: „דאַש פֿינפֿטי קאַפּיטול"[37]; „חמישי" אַלס נורם איבערזעצט מיט „פֿינפֿט"[38]. — באַ בליצען: „דאַס פֿינפֿטי קאַפּיטל"[39], און 4 מאָל „דאַש פֿיפֿטי קאַפּיטל"[40]; „חמישי" איבערגעזעצט מיט „פֿינפֿט"[41], „פֿיניפֿט"[42], און 4 מאָל מיט „פֿיפֿט"[43].

2) ווינצענהויזען: „פֿונפֿצעהן"[44], „פֿונפֿצעהין"[45], „פֿוצפֿצעהן"[46]. — אַנאַלאָגיש באַ בליצען[47]; באַם לעצטען אויטאָר געפֿינען מיר, אָבער, אויך: „פֿופֿצעהן"[48].

3) ווינצענהויזען: „דאַש פֿונפֿצעהנדי קאַפּיטול"[49]; „אין דעם פֿונפֿצעהנדן יאר"[50]. — בליץ: „דאַש פֿונפֿציעהנטי קאַפּיטל"[51]; „אין דעם פֿונפֿצעהינדי יאר"[52]; און: „דאַש פֿופֿצעהנטי קאַפּיטל"[53].

4) ווינצענהויזען: „פֿונפֿציג" נורם אַלס איבערזעצונג פֿון „חמישים"[54]; „פֿופֿציג"[55]. — בליץ האַלט זיך דאָס רוב באַ פֿונפֿציג"[56]; געברויכט, אָבער, אויך „פֿופֿציג"[57].

5) ווינצענהויזען: „ביז אין דאַש פֿונפֿציגשטי"..., „ביז אינז פֿונפֿציגשט יאר אלט", „ביז אינש פֿונפֿציגשטי", „ביז

אין דאש פֿונפֿציגשט“[58]; „אין דעם פֿונפֿציגשטן יאר“[59], „אין צוויי אונ' פֿונפֿציגשטן יאר“[60], „צו דעם צוויי אונ' פֿונפֿציגשטן טאג“[61]; „דאס פֿונפֿציגשטי קאפּיטל“[62], „דער פֿונפֿציגשטי מזמור“[63]; און: „די פֿופֿציגשטי יאר“[64]. — בליץ[65]: „דאש פֿופֿציגשטי קאפּיטל“[66].

6) דאָס העברעיִשע „חמישית“ ווערט איבערגעזעצט: באַ וויצענהויזען: „אזא זעלט איר דאש פֿינפֿטי טייל צו (פּרעה) געבן“[67]; „אונט דאש פֿינפֿטי טייל ניך דריבר געבין“[68]; „אונט דרצו דש פֿינפֿטי טייל נוך דריבר געבין“[69]; „דער זאל דען פֿינפֿטן[70] אובר דיא שעצונג געבין“[71]. - באַ בליצען איין מאָל[72]: „זאלט איר דען פֿיפֿטן[73] אן פרעה געבן' פֿיאר טייל זאלין אייאר זיין“. —

§ 108 — 1) אין פּראָגער „המגיד“ (1675) איז נורם: „פֿר נופֿט“[74], „פֿר נופֿטקייט“[75], „פֿר נופֿטיגר“[76].

2) בעהאַגהעל 192 ברענגט די פֿורם vernuft (=vernunft), וואָס קומט זייער אופֿט פֿור פֿון דער מה"דײַטשישער צײַט אָן. ער האַלט, אַז דער צווייטער n אין דעם וואָקאַבעל איז אַרויסגעפֿאַלען דורך דיסימילאַציִע (אַרויסגעשטופּט געוואָרן פֿון ערשטען n). מ'קען, אָבער, גיכער רעכענען, אַז דער n איז פֿאַרשוואונדען צוליב דער שטעלונג פֿאַר f. —

§ 109. אין „ליַוונט“ (זע „קונס.“ ו 239) איז פֿאַרשוואונדען n פֿאַר w[77]. —

§ 110 — n פֿאַר w איז פֿאַרשוואונדען אויך אין יידישען אַוועק[78]. — אָבער דאָ האָבען מיר שוין צו טון מיט נאַזאַל אין אויסלויט פֿון פֿורהויפּטטוניקער זילב. —

§ 111. — [אין דײַטשישען]. — 1) ווי בעהאַגהעל 207 ווייזט-אָן, ליידט ניִשט אין ניִדערדײַטשישען f פֿאַר זיך ניִשט קיין n און ניִשט קיין m.

2) שוין אַלטזעקסיש הוט fîf[79], sâft[80], לגמרי אָהן נאַזאַל.

3) פֿלאַמדײַטשיש: (גרימע 76, 56): feîf[18], fîf[82].

4) אין אַ גרויסען טייל שווייץ: Hâf (=Hanf), sâft (=sanft); זע בעהאַגהעל 208.

5) אין אויבערהעסישען (אַלזו, אַף מיטעלדײַטשישען געביט) און אויבערדײַטשישען: **sanft** (n ווערט-אָן קונסונאַנטישע נאַטור, באַזאַלירענדיק דעם וואָקאַל); זע רײַז 56. —

**§ 112.** — אין אייניקע יידישע מ"מ — איך קען דאָס פֿאָרלויפֿיק פֿעסטשטעלען, נאַטירלין, נור פֿאַר די, וועלכע כ'האָב געהאַט די מעגליכקייט געני אין דער הינזיכט צו באַאָבאַכטען, — טיילט m פֿאַר f-, w- דעם גורל פֿון n- פֿאַר דיאייגענע ספּיראַנטען.

1) באַ דער אַרטיקולאַציע פֿון בילאַביאַלען נאַזאַל ווערען די ליפּען פֿאַרמאַכט („קונס." ו 77; זיבּס 61; ברעמער 51). אובער באַם אַרטיקולירען די ליטגרופּצס -מפֿ-, -מוו-, נעמען-אָן די ליפּען, תּיכף נאָך אַרטיקולירען דעם פֿריערגייענדיקען לויט (וואָקאַל), נישט יענע פּאָזיציע, וואָס איז נייטיק צו אַרטיקולירען דעם -מ- (ד. ה, פֿאַרמאַכען זיך נישט), נור באַל יענע, וואָס מיר זעען באַם אַרטיקולירען דעם לאַבּיאָדענטאַלען ספּיראַנט (§ 98 פּ. 2).

2) בילאַביאַלער נאַזאַל איז פֿאַרשלאָסלויט. באַ זיין אַרטיקולאַציע ווערט דער מוילקאַנאַל אָפּגעשלאָסען דורך דעם, וואָס די ליפּען ווערען צוגעדריקט איינע צו דער אַנדערער. נעמען, אובער, די ליפּען אָן די פּאָזיציע, וואָס אין § 98 פּ. 2 באַשריבען, איז דער מוילקאַנאַל אופֿען; קאָנסאָנאַנטישער m קען שוין נישט אַרטיקולירט ווערען. געשעט אַיינס פֿון די צוויי, פּונקט ווי מיט n (זע § 98 פּ. 5, סיגנעס a און b).

3) וועגען דער פֿאַרפֿאַרבונג פֿון דעם נאַזאַלען טעמבר, וואָס דער וואָקאַל פֿאַר'ן אויפֿגעלייזטען m באַקומט, לויט זיך זאָגען דאָס-אייגענע, וואָס אין „קונס." l 347 (פֿאַרגלייך אויך אויווען ז' 51 אַנמ. אין טעקסט). —

**§ 113.** — ביישפּילען:

1) אין וואַ-שע: **טראָמף** (אין קאָרטען)[83], **קאַמף**, **קעמפּם**[84] (פּעטיט-m ווייזט דאָ אָן אַף לאַבּיאָדענטאַלע נאַזאַלירונג פֿון שטאַמוואָקאַל).

2) אין קרעמעניץ: **קאַמפּיני**[85] (הויפּטטאָן אַף מיטעלזילב מיט לאַנגען i), **קאַמפּאַבּוימל**[86] (הויפּטטאָן אַף ערשטער זילב), **קאַמפּוליט**[87] (הויפּטטאָן אַף צווייטער זילב). — פּעטיט-m ניט דאָ איבער לאַבּיאָדענטאַלע נאַזאַלירונג פֿון וואָקאַל פֿאַר אויפֿגעלייזטען בילאַביאַלען נאַזאַל.[88]

3) ווען ליפּשיץ (105, 183) לייגט-אויס: „טרינף, קאַנפּוליע, קאַנפּער, קאַנפּער-שפּירטעס," גיט ער, זעט אויס, מיט דעם -נ- איבער די נאַזאַלירונג פֿון פֿריערגייענדיקען וואָקאַל. — הורוויץ: קאַנ-פּאָליע, קאַנפּער" (83). — האַרקאַווי 295, דרייזין 189: „קאַמפּער" („camphire"). — דרייזין 190: „קאַניפּאָליע". —

**§ 114.** — 1) אין קרעמעניץ[89]: **באַמוול** (סינג. און

פל.: „צווער, פּאָדעם"; שטאַמוואָקאַל לאַנג; אַנאַלאָגיש אין גאַליציע, ספּעציעל אין לעמבערג: ווילער 407); **באַמוואַלי** (דימינוטיוו; שטאַמוואָקאַל, ווייל אין דרייזילביק וואָרט, קורץ), **באַמוואַלאַך; באַמוולען** (אַדיעקט: „וואָס איז פון באַמוועלצייג"; שטאַמוואָקאַל לאַנג). — אין קריוויזיר: **באַמול, באַמווליך**[89] (ביידע פאָרמען מיט קורצען שטאַמוואָקאַל). — אין וואַרשע: **באַאַנוו באַאַנוולע**[90] (אַדיעקט). — אין אופּאַלע: **באַאַנוו**[91] (═ „גרובע פאַדעם"), **באַאַנוולע**[92]. — אין סומפּילנע: **באַאַנוו**[91]. — אויך אין באַירישען: **banwel** (שמעלער I 240; זע פּעליקס פּערלעס 301).

2) דעם שטאַרקען ליפּמומענט אין דער נאַזאַלירונג פון שטאַמוואָקאַל געבען עס, אַפּנים, איבער די מחברים, וואָס לייגען-אויס די וואָקאַלען מיט ·מ·. „שטערינטיכל" 7: „אין זאַקין ביז אין דער העלפט פאַדים ווייטער אַראָפּ פון באַמויל"; „ערשטער יודישער רעקרוט" 6: „אַקליידיל אַמאָהל איזס אַמאָל גיוועזין אַרויט אַטלאַסינם גישטעפּט אויף באַמויל"; „דיא גענאַרטע וועלט" 9: „אין אַ ווייסער יאַרמיקע אַ באַמוולענע"; „קבצן עושר שפּיל" 8: „ווייסע באַמווילינע זאָקין"; ליפּשיץ 58: „ביימוויל[93], ביימוולען[94], ביימווילצייג[95]"; הורוויץ 28: „ביימוויל"; דרייזין 41, 794: „בוימוועל[93], בוימוואל[96], בוימוולען[94], ביימוועל[93], דער ביימוועני ביימיל"[97]. — די אויסלייגונג מיט ·מ· איז, נאַטירליך, אויך אַפּשטאַמונגכאַפּקלאַנג, מחמת די וואָקאַלען שטייען אין צוזאַמענהאַנג מיט די דייטשישע baumwollen, Baumwolle[98] (טיאַנדער 162). — אומבאַדינגט איבערגאַב פון וואָקאַלנאַזאַלירונג נאָך פאַרשווינדונג פון ·מ· איז די אויסלייגונג מיט ·נ·[99]. „אַלט אונ נייא" (אַדעס 1867) 6: „זיא לייזט דאָרט פאַר סטענגעלעך, ביינוועלעך"...; „רחלע דיא זינגערין" (זש. 1868) 14: „אַ ווייסע באַנוולינע יאַרמילקע... באַנוועלינע זאָקין"; „דער ווערעם אין כריין" 74: „באַנוועל"; „דער קאָמיססיאָנער" (ווילנע 1880) 87: „עס איז אָנגעקומען אויפען יריד אַ סוחר מיט ביינוואָל".

3) אין אייניקע מ"מ שטעלט זיך נישט צו אַפילו דער נאַזאַל-טעמבר אפ'ן שטאַמוואָקאַל, ·מ· פאַרשווינדט אָהן אַ שפּור. נעסוויזש: **באַוול**; קול'נע: **באַווו**; לויצק: **בייווילאַך**; טורטשין: **בייוול בייוועליך**. — אויך אין די סלאַווישע שפּראַכען האָט דער וואָקאַל ראַדיקאַליש אַנגעווירען דעם נאַזאַל.[100] —

§ 115. — אין וואַרשע: **טרומוואַי**[101]. —

§ 116. — אַנאַלאָגיש געשעעט מיט m אין אויסלויט פון פאָרהויפּט-טאָניקער זילב פאַר אַנלויט-f (אָדער w) פון נאָכפאָלגענדיקען וואָרט. צוויי ביישפּילען אין § 113 (פּ. 2). —

§ 117.— אויך מיט'ן m אין אויסלויט פֿון (באַטונטע) אײַנזילביקע װערטער פֿאַר'ן אָנלויט-f (אָדער w) פֿון נאָכפֿאָלגענדיקן װאָרט (װאָס קען טראָגן דעם הױפּטטאָן אַף דער ערשטער זילב), אין אַזעלכע אויסדריקן, װי (אין קרעמ. אויסשפּר.): „קים, פֿעיגי"; „קים, װעלװל" וכ'.—

§ 118.— אויך מיט'ן אויסלויט-m פֿון אײַנזילביקע פּראָקליטישע װערטער פֿאַר'ן אָנלויט-f (אָדער w) פֿון נאָכפֿאָלגענדיקן װאָרט,— אין אַזעלכע אויסדריקן, װי (אין קרעמ. אויסשפּר.): „צים פֿױגל'", „צים פֿעטאַ", „צים װינט", „צים װאַסאַ" וכ'.—

§ 119.— [אין אַנדערע שפּראַכן].— 1) װי מיר האָבן אויװען אין § 111 שוין געקענט באַמערקן, האָט דאָס אַה"דײַטשישע פֿאַר f: -n- — אַקעגן גערמאַנישן -m-; דאָס מה"דײַטשישע: -n- — אַקעגן אַה"ד -m-. דאָס איז די ערשטע סטאַדיע פֿון m-אָפּשװאַכונג פֿאַר לאַביאָדענטאַלן ספּיראַנט (מ'קען האַלטן, אַז דער n האָט דאָ נאָר גראַפֿישע פֿונקציע, באַצײכנענדיק נאַזאַלירונג פֿון װאָקאַל).

2) װעבסטערן 21 שרײַבט װעגן ענגליש: „פֿאַר f און w (צ.ב. אין comfort, triumph, triumvir) װערט דער m אויפֿט אַרטיקולירט לאַביאָדענטאַליש."

3) אויך אין פֿראַנצײזיש װירקט דאָס סאַנדהי-געזעץ בײַ די לויטגרופּעס mf, mv (בעיער 164).

4) זיבס 61 װאַרענט, מ'זאָל אין דײַטשיש פֿאַר f נישט זאָגן m אַנשטאָט n (ד. ה. Semf, samft, שטאָט Senf, sauft). מונדאַרטליך, קומט אין דײַטשישן אַזאַ אויסשפּראַך, װירקליך, פֿור (רײַז 55: Jumfer=Jungfrau, Hamfel=Hanpvoll; Semf).[102] — ס'איז, אָבער, נישט דער בילאַביאַלער m (נישט פֿאַרשלוסלויט). ס'איז לאַביאָדענטאַלער נאַזאַ-ספּיראַנט, פֿאַר װעלכן דער אלף-בית האָט נישט קיין באַזונדערן צײכן. אײניקע פּאַסן בעסער אויף זײַן ליפּמומענט, אַנדערע זײַן צאָנמומענט[103], און לויט דעם ריכט זיך בײַ זײ די אויסלײגונג.—

## n און m פֿאַר פּאַלאַטאַלע ספּיראַנטן.

§ 120.— [-נכ-, -מכ-]. — 1) אין שטאַמזילב קומען די פֿאַרבינדונגען -נכ-, -מכ- פֿאָר נאָר אין העברעיִשע און פֿרעמדע װערטער.

2) צ. ב., אין קרעמעניץ: „מינכע, פּינכעס; סימכע, טוימכע אַניִים"[1] [104].— n בלײַבט אַלװעאָלאַריש, m בילאַביאַל; פֿאַרלירן,

אובער, ביידע די שטים, אַסימילירענדיק זיך אין דער הינזיכֿט מיט דעם נאָך זיי שטייענדיקען שטימלאָזיקען ספּיראַנט.—

§ 121.— n און m טרעפֿען זיך מיט ‑כֿ‑ אין נישטעכֿטע קאָמפּאָזיטיס.— צ. ב. (אין קרעמענייצער אויסשפּראַך):

1) אָנכֿאַפּם, אַראָנכֿאַפּם וכ׳: n פֿאַרלירט קאָנסאָנאַנטישע נאַטור, נאַזאַלירענדיק דעם (לאַנגען) וואָקאַל פֿאַר זיך (דער פּעטיט‑נ איז דאָ טאַקע נאַזאַלירונגסצייכֿען).

2) אַרימכֿאַפּם, אַרימכֿאַקרינין,— m בלייבט בילאַביאַל; פֿאַרלירט בלויז אַמאָל די שטים —

§ 122.— אין גרויספּוילען טרעפֿען זיך m און n מיט ‑כֿ‑ אין דעם דימינוטיוו־סופֿיקס ‑כֿע[105].

1) אין ווישעגרוד: „מאַננכֿע, זינכֿע[1], שפּינכֿע“ (אויסלויט‑e איבעראַל נאַזאַלירט); אין סומפּולנע: „טינכֿע, מענכֿע, זינכֿע[1], הענכֿע, שלאַינכֿע“.— ווען כ׳האָב געפֿאָרשט די מ״מ פֿון דידזיקע שטעט האָב איך נישט געלייגט קיין אַכֿט אַף די אויסשפּראַך פֿון דעם n פֿאַר׳ן אולטראַפּאַלאַטאַל׳ן ch. נאָר אַף וויפֿעל מיין אויער געדענקט נאָך, ווערט דער אַלוועאָלאַרער נאַזאַל אויפֿגעלייזט, און דער וואָקאַל פֿאַר אים נאַזאַלירט. ווען ווישעגרוד האָט „הענטכֿע, שפּענטכֿע“ (אויסלויטוואָקאַל נאַזאַלירט), קען דאָס דערשיינען פֿון נישטאָרגאַנישען ‑ט‑ צווישען n און ch דערקלערט ווערען נאָר דערמיט, וואָס אין דער דאָרטיקער מונדאַרט קען n דירעקט פֿאַר׳ן ch פֿון׳ם דימינוטיוו־סופֿיקס נישט איינהאַלטען זיין אַלוועאָלאַרישע אַרטיקולאַציע.— פֿאַר קוטנע האָב איך קאַטעגאָריש פֿעסטגעשטעלט זינכֿע: n פֿאַר׳ן אולטראַפּאַלאַטאַלען ch ווערט אַף אַזויפֿיל אויפֿגעלייזט, אַז ער פֿאַרשווינדט כמעט אינגאַנצען, איבערלאָזענדיק אַפּ׳ן וואָקאַל בלויז אַ לייכֿטען הויך פֿון נאַזאַלירונג. [צווישען סינאַנטישען n און דעם דימינוטיוו־סופֿיקס דערשיינט אין קוטנע נישטאָרגאַנישער ‑ט‑: „רעינגנטיע, קאַסטנטיע, כֿאָאַסנטיע“ (צו „חתן“) ].

2) אין ווישעגרוד: „קעמכֿע“ (אויסלויטוואָקאַל נאַזאַלירט); אין קאָליש: „באַימכֿע“; אין סומפּולנע: „פּלוימכֿע, קעמכֿע, ברעימכֿע“; אין קוטנע: „בוימכֿע“ (‑כֿ‑ ווי אין שעפּם).— בילאַביאַלער נאַזאַל ווערט אָן די שטים.

3) אין בעלסק (גרודנ. ג.): „פֿעל׳יעטונכֿל“ (הויפּטטאָן אַף O).—

§ 123. — ווען מיר רעדען־אַרויס (אין קרעמ. אויסשפּראַך): „אָהן כֿעשבם“ („...חשבון“), „אָהן כֿניפּי[1]“ („...חניפה“), „אָהן כֿיסרוינים“ („...חסרונות“) וכ׳, באַטאָנענדיק די פּרעפּאָזיציע, ווערט איר אויסלויטנאַזאַל אויסגעשפּראָכֿען, ווי אין § 121 (פּ. 1) כֿאַראַקטעריזירט.—

**§ 124.**— 1) ווי אין § 121 (פ. 1) אָנגעוויזען, ווערט אויסגעשפּראָ־כען אויסלויט-n פון איינזילביקע פּרוקליטישע ווערטער פאַר אַנלויט-כ פון נאָכפולגענדיקען וואָרט, — אין אַזעלכע אויסדריקען, ווי (אין קרעמ. אויסשפּראַך): „אין כאַרקיף“, „אין כאַרבין[1]“ וכ׳; „אין (— און) כאַפּקי אויס גיזאָקט“...; „אין (= און) כאַפּמדיק די פיש פאַ דאַ נעץ, אוצי גיזאָקט“...; — „פין כאַרקיף“, „פין כאַפּינעש קימט קין גיץ נישט אַרויס“ וכ׳.

2) אויסלויט-m אין אַזאַ שטעלונג [צ. ב. אין קרעמעניץ: „צים כאַזאַ“ („חזיר“), „צים כעווערימאַן“ („חברהמאַן“)] ווערט אַמאָל אויסגעשפּראָכען שטימלאָזיק (פאַרגלייך § 121 פ. 2).—

**§ 125.**— [אין דייטשישען]. — 1) פאַר h[106] ווערט n שוין אין די עלטסטע קוועלען פון אַלע דײַטשישע מ״מ נישט געשריבען; אלזו, גערמאַניש *branhta = אַלטזעקסיש-אַלטהויכדייטשיש brâhta (בעהאַגהעל 207).

2) אין אייניקע דײַטשישע מ״מ פון דער געגענוואַרט פאַרשווינט n פאַר ch, נאַזאַלירענדיק דעם ווּקאַל פאַר זיך; צ. ב. אין אויבערהעסישען און ווּ-נים-ווּ אין אויבערדײַטשישען: **manch**, **manche** (פעטיט-n דאָ נאַזאַלירונגסצייכען; רייז 56 פ. ). — אין דרוממערב שווייץ ווערט דער ווּקאַל אַפילו נישט נאַזאַלירט: trîche, tûchel (= trinken, tunkel; בעהאַגעל 208, 51; רייז 57).—

**§ 126.**— [צופאָג].— די יידישע אַדווערבען „אַהיים“[107] און „אַהער“[108] הובען אַקייגען זיך אין בײַרישען: anheim און anher (שמעלער l 81; פערלעס l. c.).— בײַ לעקסערען: inheimisch (אַדוו.: „אַהיים“); ënhër (אַדוו.; צייטליך: „פון יענער צייט אַהער, ביזאַהער“; רוימליך: „פון דורטען אַהער“).— אין „ספר החיים“ (פירט 1767): „אַז ער איין היים גיט“ (קי״א b), „מיר קומן איין הער“ (קכ״ח).

2) אין יידישען הוט דער n געמוזט אַרויספאַלען זייער פרי, ווען ה (h) פלעגט נוך אַרויסגערעט ווערען ווי כ (ch). מיטהעלפען הוט געקענט די אומ־באַטונטקייט פון דער ערשטער זילב (וואָס n איז איר אויסלויט).[109] —

**§ 127.**— ווען די פוילישע יידען הובען אַזעלכע נעמען, ווי **כעמיע** (צ. ב. אין וואַרשע, אוכוטע וכ׳) [— „נהמיה“]; **כאָמי** (צ. ב. אין וואַרשע) [= „נחמיה“], לוזט זיך דאָס פאַרשווינדען פון אַנלויטנאַזאַל אַפשר דערקלערען מיט דער שטעלונג פאַר ch (שוין נישט רעדענדיק ווע־גען דעם, אַז דעם יידישען איז פרעמד אַזאַ לויטענקאָמבינאַציע אין ווּרטאַנלויט, ווי נכ׳).—

**§ 128.**— [-mj-, -nj-].— 1) אין יידישער שטאַמזילב קומט די פאַרבינדונג -ני- פור נור אין העברעישע ווערטער.

2) אין קרעמעניץ: „בינ׳יין, מינ׳יין, קינ׳יין“ („בנין, מנין, קנין“): מ ווערט שטאַרק פּאַלאַטאַליזירט („מוילירט“) [בײַ זײַן אַרטיקולאַציע ליגט

דער שפּיץ פֿון דער צונג הינטער די אונטערשטע שנײדצײן; פֿאַרגלײך מײן „קונס". I § 87 פּ. 3; אויך בעיער ז׳ 62].—

§ 129.— ·mj· אין שטאַמזילב קומט פֿור אין יידישען נ״ר אין העברעישע ווערטער; צ. ב. (אין קרעמעניין): „עוילים-אַדימין" („עולם הדמיון"): m בלײַבט אומפֿאַרענדערט אין דער אַרטיקולאַציע.—

§ 130.— n און m טרעפֿען זיך מיט j אין נישטעכטע קומפּוזיטיס. צ. ב. (אין קרעמעניצער אויספּראַך):

1) אָניאָגן, אָניאַדין-זאַך (ערשטער u לאַנג); אַראַניאָגן (צווייטער a לאַנג).— מיט׳ן n געשעט דאָסאײגענע וואָס פֿאַר ch (זע § 115 פּ. 1)

2) „אַרימיאָגן": m בלײַבט אומפֿאַרענדערט.—

§ 131.— ווען מיר רעדען אַרויס: „אָהן יוסיפן, אָהן יאַנקיוון" וכ׳ (אין קרעמעניצער אויספּראַך), באַטונענדיק די פּרעפּוזיציע, ווערט איר אויסלויט-n פֿאַר׳ן אָנלויט-j פֿון נאָכפֿולגענדיקען וווֹרט, רעדוצירט, פֿאַרלירט קונסונאַנטישע נאַטור, נאַזאַלירענדיק דעם לאַנגען u. —

§ 132.— דאָסאײגענע געשעט מיט׳ן אויסלויט-n פֿון אײנזילביקע פּרוקליטישע ווערטער פֿאַר׳ן אָנלויט-j פֿון נאָכפֿולגענדיקען ווֹרט.— צ. ב.:

1) „בין יאַך גיגאַנע", „אין יאַד בין גיגאַנע" (וואַרשע); „בין יעד לוֹפן", „אין יעד בין גיוועין" (סוכאַטשעוו).

2) „אין יוסיף אוט גיזאָקט", „אין יענטי ווי נישט" (קרעמעניין).

3) „בען יוסיף, „בען ייסראָיל" וכ׳ (קרעמעניצער אויס-שפּראַך פֿון: „בן-יוסף, בן-ישראל"). —

§ 133.— 1) אין „ביניאָמין" (קרעמעניצער אויספּראַך פֿון אײגעננאָמען „בנימין") ווערט n אין אויסלויט פֿון דער פֿורהויפּטטוניקער זילב רעדוצירט, נאַזאַלירענדיק דעם קורצען ווֹקאַל פֿאַר זיך. די נאַזאַלירונג איז זײער שוואַך (אפשר ווײל דער ווֹקאַל איז קורץ?), אַזוי אַז ס׳איז זי אופּטמאָל שווער צו פֿאַרנעמען מיט׳ן אויער. אַמאָל ווערט טאַקע אַרויסגערעט: „ביאָמין" (אויסלויטנאַזאַל פֿון דער ערשטער זילב פֿאַרשווינט אינגאַנצען).

2) אין ווארשוי: ביניאָמע (דער פּעטיט-n איז ראָ, ווי אין נאַנצען עמיוד, נאַזאַלירונגסצײכען; וועגען ענדזילבי-ע זע אויוען אַנמ. 68 אַף ז׳ 47).

3) אין פוילישי־דישען קען מען הערען אויך: „ביאמע" (דער נאמען אין דעם געשטאלט קומץ־פור אויך אין אופיציעלישע מעטריקעס).—

§ 134.— ווען מיר רעדען־ארוים אזעלכע פרעמדע ווערטער, ווי „קאניוגאציע" (הויפטטון אף דריטער זילב), „קאניונקטור" (באטאנט די ענדזילב), ווערט אויסלויטנאזאל פון דער ערשטער זילב אויפגעלייזט, שוואך נאזאלירענדיק דעם קורצען וואקאל פאר זיך.—

## m פאר ־ס, ־ש.

§ 135.— m פאר ־ס, ־ש ווערט אמאל אן די שטים (ס'הענגט אפ פון טעמפו, מיט וועלכען מ'רעדט). פארגלייך די אויסשפראך פון בילאביאלען נאזאל אין „קום" און „קומסט" אודער „קום שוין"; אין „ארום" און „ארומשיקן"; אין „ראם" און „ראמש".—

## n פאר דענטאלע (עוו. דענטאל־פאלאטאלע) ספיראנטען.

§ 136.— 1) אין דייטשישען ווערען t און d ארטיקולירט אזוי (גוטמאן 107, 108 ע.; בעיער 52, 53 ע.; ברעמער 77, 61): די זייטען פון דער צונג ליינען זיך אף די אייבערשטע באקציין, דער שפיץ אירער ווערט צוגעדריקט צו די ווארצלען [110] פון די אייבערשטע פודערציין; דער מוילקאנאל איז אזויארום אינגאנצען אפגעשלאסען; אוועקנעמענדיק פלוצים די צונג פון די אייבערשטע ציין, לאזט מען די לופט אויסשיסען.

2) בא ס און ז איז די מוילפאזיציע דיאייגענע, ווי ערשט באשריבען, מיט דעם איינעם חילוק, אז דער שפיץ פון דער צונג ווערט נישט צוגעדריקט צו די ווארצלען פון די אייבערשטע שניידציין, און די לופט לאזט מען גאנץ לינד דורכגיין צווישען זיי [111].

3) בא דער בילדונג פון t אודער d איז די לאגע פון דער צונג אסיסעל קאנוועקס (אויסגעוועלבט, אויסגעבויגען ארויפצו); בא דער ארטיקולאציע פון ס אודער ז כמעט קאנקאוו (איינגעקנייטשט, „איינגעמולטערט"), ד. ה. די צונג, באזונדערס די פעדערשטע העלפט אירע, נעמט אן די פורם פון א רינוועל דורך וועלכען עס גייט ווייך דער לופטשטרום (גוטמאן 108).—

§ 137.— בא דער ארטיקולאציע פון ס און ז אין יידישען איז די פאזיציע פון דעם שפיץ צונג און פון גאנצען פעדערשטען טייל אירען אביסעל אנ'אנדערע, — דיאייגענע, קען מען זאגען, ווי אין

פראַנצײזישען (בײַער 53): דער שפּיץ פון דער צונג לענט זיך אָן אַף די אינעווײניקסטע זײַט פון די אונטערשטע פודערציין, נאָנט צו די אַלוועאָלען, — כמעט אַף ז.י., מעג מען זאָגן; דער אייבערשטער צונגענבלאַט שטײַפט זיך אויס אַרויפצוצו צו די אייבערשטע פודערציין און זייערע אַלוועאָלען; דער לופטשטרום קומט־אַראָפּ פון אויווען, ווערט צוקלאַפּט אַף דער שאַרף (גענויער: אַף דעם קאַנט) פון די אונטערשטע פודערציין און רופט־אַרויס אַ גענוג־שטאַרק גערויש אין דעם ווינקעל צווישען דעם פרייען, נישטצוגעדעקטען טייל פון דער אינעווײניקסטער זײַט זייערער און דעם פאַרהעלטניסמעסיק גלײַך אויפגעשטעלטען פעדערשטען צונגענבלאַט.[112] —

§ 138.—1) ש און זש זענען אײנפאַכיקע לויטען מיט קאָמבינירטער אַרטיקולאַציע. די פּאָזיציע, בײַ וועלכער זיי ווערען אַרויסגעבראַכט, פאַראייניקט אין זיך די אַרטיקולאַציעשטעלע פון כ׳ און די אַרטיקולאַציעשטעלע פון ס אָדער ז. מיט אַנדערע ווערטער: בײַ זייער בילדונג נעמען די מיטעלע גלייכצייטיק אָן די שטעלונג אַף צו אַרטיקולירען כ׳ און די שטעלונג, בײַ וועלכער עס ווערט אַרטיקולירט ס אָדער ז (גוטמאַן 114 פ.).

2) ש און זש ווערען אין יידישען אַרטיקולירט ווי אין דײַטשישען (אין געגענזאַץ צו ס, ז), ד. ה. נישט אַף די אונטערשטע (זע § 137) נור אַף די אייבערשטע שנײַדציין (זע § 136). —

§ 139.—1) בײַם אַרטיקולירען די לויטגרופּעס: n מיט דענטאַלען (אָדער דענטאַל־פּאַלאַטאַלען) ספּיראַנט, קומען פאָר ענדערונגען אין דער אַרטיקולאַציע פון ביידע גלידער (פאַרגלײַך אויווען § 98), דערהויפּט, אָבער, פון דעם נאַזאַל. —

§ 140.— 1) בײַם אַרטיקולירען די לויטגרופּעס ־נס, ־נז, ־נש, ־נזש, נעמט־אָן די צונג, תיכף נאָך אַרטיקולירען דעם פריערגײַענדיקען וואָקאַל, נישט די פּאָזיציע, וואָס איז נײַטיק צו בילדען אַלוועאָלאַרען n (אויווען § 98), נור באַלד יענע, וואָס מיר זעען בײַם אַרויסרעדען די דענטאַלע, („אַלוועאָלאַרע“) אָדער דענטאַל־פּאַלאַטאַלע (אַלוועאָלאַר־פּאַלאַטאַלע) ספּיראַנטען (§ 137 פ). מוילקאַנאַל בלײַבט אָפען (ווי ער איז געווען בײַם אַרויסברענגען דעם וואָקאַל): n, אַלס פאַרשלוסלויט (§ 98), קען שוין נישט אַנטשטיין; דאָס גומענפאָרהאַנגעל הויבט זיך אָבער אַראָפּגעלוזט (אַף צו אַרטיקולירען דעם n), עפּנענדיק פאַר אַ טייל פון לופטשטרום דעם וועג אין די כאָאַנען (די הינטערשטע נאָזלעכער) אַרײַן: זילבוואָקאַל ווערט נאַזאַלירט.

2) די אינדיווידואַליטעט פון דעם נאַזאַלען טעמבר אַף דעם וואָקאַל פאַר ־ס, ־ז, ־ש, ־זש (n אַלס קאָנסאָנאַנט איז שוין ניטאָ!), איז דערבײַ אַן אַנדערע, ווי פאַר f, w (אויווען ז׳ 51). זי איז דײַטליך באַאײַנפלוסט

פֿון די אַלוועאָלאַרע (אין אַלוועאָלאַר-פּאַלאַטאַלע) ספּיראַנטען, פֿאַר וועלכע דער וואָקאַל שטייט. מ'קען פֿאָרמולירן: נאַזאַלירטער וואָקאַל ווערט אויסגעשפּראָכן בײַ אַזאַ לאַגע פֿון די מוילאָרגאַנען, בײַ וועלכער עס ווערן אַרטיקולירט ס (ז), ש (זש).

3) די דעפֿיניציע וועט אָבער זײַן נישט אינגאַנצען גענוי. בײַ אויפֿמערקזאַמען אײַנהערען זיך אין די אויסשפּראַך פֿון -נס, -נז, -נש, -נזש, לאָזט זיך פֿעסטשטעלען:

a) דער אײַנקלאַנג (ד. ה. די התחלה, „דער אײַנזאַץ", ווי ס'רופֿט עס אַף דײַטשיש) פֿון וואָקאַל ווערט אַרטיקולירט בײַ דער לאַגע פֿון די מוילטיילען, וועלכע איז פֿאַר דעמדאָזיקען וואָקאַל כאַראַקטעריסטיש (ד.ה. בײַ וועלכער דער וואָקאַל ווערט געוויינלעך אַרטיקולירט);

b) דער אײַנקלאַנג פֿון דעם וואָקאַל איז ריין; די נאַזאַלירונג טרעפֿט בלויז דעם אויסקלאַנג (ד. ה. דעם אויסגאַנג) זײַנעם און האַקט זיך נישט אָפּ צוזאַמען מיט אים, נאָר בילדט אַ מין איבערגאַנג צום ספּיראַנט,[113] אָנרירענדיק אויך דעם לעצטענס אײַנקלאַנג[114];

c) די מוילטיילען נעמען אָן די פּאָזיציע, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די אַלוועאָלאַרע (אָדער אַלוועאָלאַר-פּאַלאַטאַלע) ספּיראַנטען, נאָך איידער דער וואָקאַל ווערט אינגאַנצען אָפּגעשלאָסען; דער אויסקלאַנג פֿון וואָקאַל ווערט, אַלזאָ, אַרטיקולירט בײַ דער מוילשטעלונג פֿון ס (ז), אָדער ש (זש);

d) בײַ דערדאָזיקער מוילשטעלונג קומט-פֿאָר אויך די נאַזאַלירונג[115].

4) אַמריכטיקסטען וואָלט אפֿשר געווען צו פֿאָרמולירן: צווישען וואָקאַל און -ס (-ז) שטייט אַלוועאָלאַרער, צווישען וואָקאַל און -ש (-זש) אַלוועאָלאַר-פּאַלאַטאַלער נאַזאָספּיראַנט.—

§ 141.— די דערשײַנונגען פֿון פֿאָריקען § האָב איך קאָנסטאַטירט פֿאַר קרעמעניץ, זעמבראָווע (לאָמז. ג.), וואַרשע, מאָגעל'ניצע,ווישעגראָד און אַנדערע שטעט. נ"ר, ווי מיר וועלען ווייטער זען, דאַרף מען האַלטען פֿאַר אַ באַשטימטען פֿאַקט, אַז דידאָזיקע דערשײַנונגען זענען אין דער יידישער שפּראַך אַלט און הערשען אַפֿ'ן גאַנצען יידישען שפּראַכגעביט.—

§ 142.— צ'לס שטאַבילען טייל אין סימפּליציאַ באַגעגענען מיר אין יידישען די לויטפֿאַרבינדונג: n מיט אַלוועאָלאַרען (אָדער אַלוועאָלאַר-פּאַלאַטאַלען) ספּיראַנט, זייער זעלטען.

1) אין קרעמעניץ: דינסט[116] (i לאַנג), וואַנשל[117] (a לאַנג). אָנמערקונג.— דינסטיק[118] (i לאַנג), איז קאָמפּאָזיטום[119], פֿון וועלכען דאָס ערשטע גליד קומט נישט פֿאָר זעלבסטשטענדיק.—

2) אין די גענעטיווען אין קרעמעניצער אויסשפּראַך: מאַנס, זינס[1], אָנס, אינס[1] וכ' טרעפֿט זיך דער אויסלויטנאַזאַל פֿון

הויפטוואָרט (ליטער. אויסגעלייגט: „מאַן, זון, האָן, הון" וכ') מיט דער פלעקסיע ־ס.

3) אין די נעווטראַ (אין קרעמ. אויסשפּראַך): גרינס[1], פאַנס (מיט â), קלעינס, רעינס, שעינס וכ' טרעפט זיך דער אויסלויטנאַזאַל פון ביווואָרט (ליטער. אויסגעלייגט: „גרין, פיין, קליין, ריין, שיין" וכ') מיט דער פלעקסיע ־ס.

4) אַנאַלאָגיש אין די פּראָנאָמינאַלע נעווטראַ (אין קרעמ. אויסשפּראַך): מאַנס, דאַנס, זאַנס 120 (a איבעראַל לאַנג).

5) איך אין צאָלוואָרט עינס (אין מרחידישער אויסשפּראַך). — עינסטל (זיפ. 11: „איינסט" = „טויז") איז אַנאַלאָגיעבילדונג צו „דריטל, פערטל" וכ' (אויך „צווייטל", ד. ה. „די 2 אין קאָרטען", איז אַנאַלאָגיעבילדונג).

6) דער פּעטיט־נ אין אַלע מיט גרעסערען שריפט געזעצטע ביישפּילען אין דעם § און אין די ווייטערדיקע גיט איבער נאַזאַלירונג פון וואָקאַל פאַר אים. —

§ 143. — 1) זיין די קאָמפּאָזיטאַ, וועלכע מיר געפינען בא ליפשיצען: „שטיינסחורה, ווינזויף, ווינשענק, וויינשענקער, גרינשפּאָן, רינשטיק, שטיינשניידער, שטיינשלייפער, קרוינשטאָט" (73, 90, 200, 205, 211), טרעפט זיך אויסלויטנאַזאַל פון ערשטען גליד מיט'ן אָנלויטספּיראַנט פון צווייטען און (אין דער לעבעדיקער אויסשפּראַך) פאַרשווינט, נאַזאַלירענדיק דעם וואָקאַל פאַר זיך

2) אין די נישטעכטע קאָמפּאָזיטאַ (אין קרעמ. אויסשפּראַך): אָנסמאַרקין, אָנזעצן, אָנשרעקן, אָנזשימין (u לאַנג); אַנזאַלצן, אַנשטיין, (a לאַנג); אַראַנסמאַרקין, אַראַנזעצן, אַראַנשטעקן, אַראַנזשימין (צווייטער a לאַנג) וכ' טרעפט זיך אויסלויטנאַזאַל פון פּרעפיקס מיט די אָנלויטספּיראַנטען פון די ווערבען. —

§ 144. — ווען מיר רעדען אַרויס אַזעלכע אויסדריקען, ווי (אין קרעמעניצער אויסשפּראַך): „אָהן סוק", „אָהן סימכין", „אָהן שטיוול"[1], „אָהן שקאַרפּיטקיס", „אָהן זוקן", „אָהן זינד", „אָהן זשוואַ", „אָהן זשאַביס", באַטאָנענדיק די פּרעפּאָזיציע, געשעט מיט איר אויסלויטנאַזאַל דאָס, וואָס אין §§ 140—143 אָנגעוויזען. —

§ 145. — [אין דייטשישען]. — 1) אַנאַלאָגיש אין די דייטשישע מ"מ. — אין העסישען (מערבמיטעלדייטשיש געביט) און שוועבישען (מזרחאַלעמאַניש געביט): Geins, uns, Fenster (= „פענצטער, אונדז, געגנדז") [רייז 56].

2) נוך ווײַטער גײט דער פּראָצעס אין נידערדײַטשישען: דאָרט פאַלט n (אָדער m) פאַר s לגמרי אַרויס (בעהאַגהעל 207), ד.ה. אַסימילירט זיך מיט אים פולשטענדיק (רײַז 56). צ. ב., אין נידערזעקסישען (הויפּטצווײַג פון נידערדײַטשישען): Gaus („גאַנדז"), Göschen („געגנדזעל"), stillekes [121].— אַנאַלאָגיש אין טעקלענבורגישען און פּאָמערשען (אונטעראָפּטײלונגען אין מזרח־נידערדײַטשישען). [122]— אין זיבענבירגישען (מערב־פרענקישע, אַלזו מערבמיטעלדײַטשישע קאָלאָניע אין זיבענבירגען): Gaise („גאַנדז"), bloutröstig („בלוטיק, פאַרבלוטיקט").—

§ 146.— [צופאַנג].— אין קוניצפּאָל' (פּעטריק. ג., נאָוואָראַדאָמסק. ק.): „טשעסטאָכיוו" (מיט יידישער באַטאָנונג),— דעם פּוילישען שטאָט־נאָמען Częstochowa, — אַלזו פאַר ·ס· פאַרשװינדונג פון דער וואָקאַלנאַזאַליזירונג.—

§ 147.— [אין פאָרהויפּטטאָניקער זילב].— 1) אין אַזעלכע אויסדריקען ווי (אין קר.־מ. אויסשפּראַך): „אין סקערניעוויץ", „אין סובין [1]", „אין שעינק", „אין שלאָף", „אין זאמד", „אין זוויל", „אין זשמערינקי", „אין זשמעניי" וכו'; „אין (=און) סענדאַ זאָקט"..., „אין (=און) סוניי זאָקט"..., „אין (=און) שימין ווי נישט", „אין (=און) שלוימי נעיט"..., „אין (=און) זאַנוול (a לאַנג) פרעיצאַך", „אין (און) זיקן קוסמן טאַיאַ", „אין (=און) זשאָקים פּלי'ין [1]", „אין (=און) זשאָר־נאָלן פעילן נישט" וכו'; „פין סוסנוויץ", „פין סימכי"... („...שמחה"), „פין שוואַרצי קאָרשן", פין „שוואַכקעיט וועיגן", „פין זאַליץ", „פין זוואַמילאַך", „פין זשליוקין"..., „פין זשימין"... וכ',— ווערט אויסלויטנאַזאַל פין פּראָקליטישען וואָרט אויסגעשפּראָכען אַזוי ווי אין § 144 אָנגעוויזען.

2) אַנאַלאָגיש ווערט אַרויסגערעדט דער אויסלויטנאַזאַל אין דער ערשטער זילב בײַ אַזעלכע פרעמדע ווערטער, ווי „קאָנסילעם" (באַטאָנט די מיטעלזילב; ליפ. 183); „קאָנסאָנאַנט, קאָנסולאַט" (באַטאָנט די ענדזילב), „קאָנסו־לום" (באַטאָנט מיטעלזילב), „קאָנסיסטאָריום" (באַטאָנט דריטע זילב), „קאָנסערוואַטיוו" (באַטאָנט ענדזילב) [האַרקאַווי 295 פ.];— „קינ־זשאַל" (באַטאָנט ענדזילב; ליפ. 187, הורוו. 85, האַרק. 304, דרויז. 196), „גרינזשאַל" (=„קינזשאַל"; ליפ. 73) וכ'.—

## אַפריקאַטיזירונג פון אַלוועאָלאַרען (און אַלוועאָלאַר־פּאַלאַטאַלען) ספּיראַנט נאָך n.

§ 148.— אין אַ געוויסער גרופּע יידישע וואָקאַבלען—

דערעיקרשט אַזעלכע, וואָס ווערן באַזונדערס אופט געברויכט (אויף אין וועלכע דאָס שכנותשאַפט פון n מיט ־ס, ־ז, ־ש, ־זש איז שטאַביל). — ווערט די „קונסונאַנטישע" גילטונג פון אַלוועאָלאַרען נאַזאַל פאַר אַלוועאָלאַרע (און אַלוועאָלאַר־פּאַלאַטאַלע) ספּיראַנטען פאַרפעסטיקט דורך דעם, וואָס צווישען אים און זיי אַנטוויקעלט זיך אַלוועאָלאַרער עקספּלאָזיוולויט. אָדער, מיט אַנדערע ווערטער, דורך דעם, וואָס די ספּיראַנטען ווערען „אַפריקאַטיזירט" (אויב ס'איז דערלויבט צו געברויכען אַזאַ טערמין): פון ־נס, ־נש, ווערט ־נטס (־נצ), ־נטש; פון ־נז, ־נזש: ־נדז, ־נדזש.

2) ס'גייט־צו אַזוי: n איז פאַרשלוסלויט (§ 98 פּ. 5); באַ זיין אַרטיקולאַציע ווערט דער מוילקאַנאַל פאַרמאַכט אַף דעמאייגענעם אופן, ווי באַ דער אַרטיקולאַציע פון די פאַרשלוסלויטען t, d (בּרעמער 51). — נאָך דעם, ווי דער n ווערט נאָרמאַל (אַלוועאָלאַר, „קונסונאַנטיש") אַרטיקולירט, דאַרף דער מוילקאַנאַל געעפענט ווערען, כדי צו בילדען די שפּאַרע, דורך וועלכער עס זול אַרויסגעגעבען ווערען דער רייבלויט ס (עווענטועל ־ש, ־ז, ־זש). דאָס עפענען געשעט דורך דעם, וואָס די צונג ווערט אָוועקגענומען פון די אַלוועאָלען אַף די אייבערשטע ציין; דאָס פּלוצלינגדיקע עפענען, באַם איבערגאַנג צו באַשטימטע אַנדערע נאָכפאָלגענדיקע לויטען (צווישען זיי אויך צו ־ס, ־ש), קומט־פאָר מיט אַ גערויש (בּרעמער 71 פּ.); דערדוזיקער איבערגאַנגסעפנונגסגערויש איז (אויך נאָך ־ס, ־ש): t. — ווען דער נאָכפאָלגענדיקער לויט איז ־ז, ־זש, איז דער איבערגאַנגסעפנונגסגערויש שוואַכער, אָבער שטימהאַפטיק: d! (פאַרגלייך בּרעמער 56 פּ.). —

§ 149. — 1) אין קרעמעניץ: „פּענצטאַ[123], מאַנצבל[124] (עווענטועל „מאַנדזביל"), מאַנצפאַשוין[125], וואָנ'צי[126]. קינק[127], קינציק[128], קינצלאַך, פינצטאַ[129], פינצטאַניש[130], פינצטאַקעיט[130], קל'ענצטאַ, שענצטאַ[131], יענק[32]; מענטש[133], בענטשן[134], ווינטשן[135]; גאַנץ[136], גענץ[137], אינץ[138]; גענדזל, גענדזן[139], גענדונס[140], אינדזאַ[141]".

2) לויט מיינע באָבאַכטונגען, אַנאַלאָגיש אין אַלע מיטעליידישע[142] און מזרחיידישע[143] מ"מ. דערויף ווייזט אויך צו די געוואַלטיקע פאַרשפּרייטונג פון די פאָרמען אויס פּ. 1 אין יידישע־דרוקווערק.

3) פּאָפּולעריש זענען אין יידישען: דענצמאָל[144] (אין דער ליטעראַטור אָכטמאָל אויסגעלייגט מיט אַ ־ה־ פאַר'ן אויסלויטלעקוויד[145]), דענצטמאָל[146]; דענצמאָלט[147] (אין דער ליטעראַטור אויך מיט h נאָכ'ן ־אָ־[148]). די פאָרמען שטאַמען פון דענסמאָל[149], דענסטמאָל[150], דענסמאָלט[151].

4) אין וואַרשע, סאָכאַטשעוו, פּיליוו, שעדלעץ, ווִיסאָקאָמאַזאָוועצק א. אַ. וו.: „גינציק"[152]. — אין זמשינוו: „גיווינק"[153]. — אין

וואַרשע: „ק ר ע ד ע נ ק"[154], „פּ י ט ע נ צ י ע"[155], „בּ י ל אַ נ ק"[156].—
אין זשעלעכּוו: „בּ ר אַ נ ד ז ש י"[157].— אין וויערושוו: „בּ ר ו נ ד ז ע־,
בּ ר ו נ ק"[158] („זאַם". II 331).— „סגרקעלע" 10: „כּראַנדזעלע־
קעס", „בּ ר אַ נ ד ז ע ל ע ט י ן"[159].— ליפשיץ 104: „ט ר אַ נ צ־
פּ ו ר ט"[160], „ט ר אַ נ צ פּ אַ ר אַ נ ט"[161].— „טיר. מלמד": „אַ נ־
ט ש י ל"[162] (12, 49בּ. א. אַ. וו.), „בּייא אַ נ ט ש ל ע ן" (4); „י אַ נ צ־
בּ ו ר ג" [163] (72).— „דער פּערפוּרטער שידוך" 4: „דער ס ע נ ד ז",
(=„דער ז י ן")[164].— די שטאָט Końskie (דאָר. נ.) הייסט בּאַ אירע
יידישע איינוווינער (אויך אין וו אַ ר ש ע און אַנדערע פּוילישע שטעט):
„ק י נ' צ ק".— די שטאָט Płońsk קלינגט אופטמאָל אין מויל פון די
פּוילישע יידען: „פּ ל י נ צ ק".— די שטאָט מ י נ ס ק־מאַזוויעצקי
(נזווּמינסק, קליי־מינסק), אין דער שטאָט גופא, ווי אויך אין דער אומ־
געגענד (צ. ב. אין ק אַ ל ו ש י ן וכ'): „מ י נ' צ ק".—

5) דאָס גוטישע הוט געהאַט minniza (קומפּאַראַטיו), min-
nists (סופּערלאַטיו); אַה"ד: minniro, minnist (קומפּ. און
סופּערל. צו luzzyl, „ווייניק, קליין"); מה"ד: minner (און minre),
minnest.— נה"ד איז דער קומפּאַראַטיו: minder (רויט דעקסער
136, שוין מה"ד): צווישען ־n־ און ־r־ הוט זיך אַנטוויקעלט אַ ־d־; דער d
איז איבּערגעגאַנגען אויך אין סופּערלאַטיו: mindest (קלוגע 310).—
אין י י ד י ש ע ן איז דער קומפּאַראַטיו געבּליבּן אָהן d: „מ י נ ע ר"[165]
דאַגעגען דער ס ו פּ ע ר ל אַ ט י ו הוט יו בּאַקומען אַ t (צווישען ־נ־
און ־ס־!): „מ י נ ט ס ט ע ר" („מינצטער")[166].

6) אין די ל י ט ו י שיידישע מ"מ, וואָס רעדען אַרויס ש ווי ס
און טש ווי צ: „מ ע נ ץ, בּ ע נ צ ן" וכ' (צ. ב. אין רעזשיצע, דווינסק וכ').

7) אין די ל י ט ו י שיידישע מ"מ, וואָס רעדען אַרויס ז ווי זש:
„א ו נ ד ז ש" (צ. ב. אין פּולוצק).

8) נאַטירליך, די אודער יענע יידישע מונדאַרט קען פורשטעלען
אַנ' אויסנאַם, אין כּלל אַריין, אודער בּנוגע צו איינצעלנע וואָקאַבּלען.—
צ. ב., אין ק ו ל'נ ע: וווּנסי (פ"נ), וווּנסיס.— פון אַ ט ש י ז ש ע וו ע ר
הוב איך דייטליך געהערט: „א י נ ז ע ר ע".— ק'ל. אַ בּ ר אַ מ ו וו י
(נם. מיטרוחיץ, בּאַ בּריסק): „בּאַ א י נ ז".

9) דער d צווישען ־נ־ און ־ז־ איז זייער־זייער מילד און לייכט
אין אַטייל מונדאַרטען, אודער אין אַטייל מייל,ר ווערט ער אַ ו י שוואַך
אַרטיקולירט, אַז ס'איז אים אופטמאָל שווער צו פאַרנעמען מיט'ן אויער.
דערמיט לוזט זיך געוויס דערקלע־ען, וואָס אַ סך מחברים, בּאַ
וועלכע ־ם און ־ש נאָך n ווערען (אין דער איסלייגונג) אַפריקאַטיזירט,
שרייבּען נישט דעם d צווישען ־נ־ און ־ז־, אַזוי אַז מ'בּאַגעגענט בּאַ
זיי פּאַראַלעליש: „א ו נ ק" אודער „א י נ ק" („אינז") און „א ו נ ז ע ר"
אודער „א י נ ז ע ר".—

§ 150. — 1) די אַפּריקאַטיזירונג קומט פֿון כּלל צו פֿאַל פֿור אויך אין זאַץ, ווען איין וואָרט (געוויינטליך אַ פּרוקליטיש) גייט אויס אַף אַלוועאָלאַרען נאַזאַל און דאָס נאָכפֿאָלגענדיקע הייבט זיך אָן מיט אַלוועאָלאַרען ספּיראַנט. — צ. ב. הוב איך געהערט אין מויל פֿון אַ ס ע מ י אַ ט י ט ש ע ר (גרודנ. ג. בעלסק. ק.): „אין דזי[1] אוט גיזאָקט“ (= „און זי האָט געזאָגט“). — אין מויל פֿון אַ פּ ש י ס כ ע ר (ראַד. ג.): „... אין צעזון“ (= „... אין סעזון“).

2) אין פּוילישען יידיש (אין מויל פֿון פֿאָלקסמענטשען, נאַטירליך) קען מען אופֿט הערען צי שטאָט ס‑ (אודער ז‑); צ. ב. אין ווישעגרוד: „ציט אָאַנגיויבם“... (= „ס'וט אָנגעהויבען“...), „צ'עמערו'“ („ס'העמערל“); אין לודזש: „צ'וואָארז“ [= „ז'וואָר?“ („איז וואָר?“), אדער „ס'וואָר?“ („איז עס וואָר?“)]. — דער צי הוט צום ערשטען מאָל געקענט דער־שיינען נור אין אַזעלכע אויסדרוקען, אין וועלכע פֿאַר'ן אַנטשפּרעכענדיקען וואָרט איז געשטאַנען דאָס בינדוואָרט „א י ן“ („און“). —

§ 151. — 1) אַזוי דערקלער איך מיר אויך דעס אָנלויט‑טש אין „ט ש אָ ל ע נ ט“[167], וואָס הוט אין די עלטערע געשטאַלטען אויך ש אין אָנלויט[168].

2) דאָס הויפּטוואָרט קומט זייער אופֿט פֿור אין פֿאַרבינדונג מיט דער פּרעפּאָזיציע „א י ן“. צ. ב., „ד ר ך ה י ש ר ל ע ו ל ם ה ב א“ 178: „דרום האָבין אונז דיא חכמים גיבאָטין דאָס מען קיין נייען טאָפּ דאָס ערשטין מאָל וואול אָן שבת שטעלין א י ן צ אָ ל י נ ט אויבין“ (= „...אין טשאָלענטאויווען“); ל י נ ע צ ק י „דאָס חסידישע יינגעל“ 109: „היינט ריקט מען איהם א י ן ט ש ו ל ע נ ט“...

3) בײַ גליקעל האַמעל 298: „ח ת ן ש א ל י ט ב י“; „ס ד ר ת ח י נ ו ת“ (פֿראַנקפֿורט אַפּ'ן מיין 1714) קצ"ה b: „נעמן... ד ע ן ש א ל ט“; אין נוּ־וידוורער „עץ חיים“ (1797): „זיך נוהג זיין מיט ד ע ן ש א ל י ט“; „אַ ק י צ י ז נ י ק“ 15: „קאָהן שוין ניט עשין ק י ן ט ש אָ ל י נ ט“. — אין די אַלע פֿאַלען קומט פֿאַר אונדזער ה"ו אויסלויטנאַזאַל פֿון אַ פֿריערש־ייענדיקען הוקאַבעל. —

§ 152. — פֿורמען מיט אַפֿריקאַטיזאַציע פֿון ספּיראַנט נאָך n אויס ד ר ו ק ו ו ע ר ק — אין פֿולגענדיקען עטיוד. —

§ 153. — [אין ענגלישען]. — ו ע ס ט ע ר ן 27: „אין אַמעריקאַנישען ווערט אופֿט צווישען נאַזאַל און ספּיראַנט אַריינגעשטעלט אַ פֿאַרשלוסלויט“. — science ווערט אַרויסגערעדט s a i ə n t s; experience: i k s p i ə r i ə n t s; pronounce: p r ə n a u n t s; hence: h e n t s; difference: d i f r ə n t s; instance: i n s t ə n t s וכו'. —

§ 154.— [צו־אָ:]. — איין בייִשפּיל, ווו ־ס־ ווערט אַפריקאַטי־
זירט נאָך נאָכהויפּטטאָניקען זילבּישען ח: „עירנץ" (= ערענסט")
[וואַרשע].[169] —

§ 155.— 1) אין דער פֿורהויפּטטאָניקער פֿורזילבּ אַנט־ ווערט
אין יידישען, מונדאַרטליך, ־ט־ פֿאַר ־ש־ פֿאַרשווונדען, אַזוי אַז דער
־נ־ פֿאַרליִרט קאָנסאָנאַנטישע נאַטור און ווערט אויסגעשפּראָכען אַזוי, ווי
אויוועו אין § 140 פּ. 1 כאַראַקטעריזירט. — צ.ב., אין קרעמעניץ:
„אַנשוויגן ווערן", „אַנשלאָפן ווערן". — „שבחי בעש"ט": „אַנשווינען";
„מעשה צדקה": „אנשלאפן"; „נחלת צבי חמש מגלות" י"ב, „צענטארע ווענ־
טאָרע" 7, „מאַגאַזין פֿון יידישע לידער" 17, „דער ייִד. פֿאַרפּסת" 134; „אַנ־
שלאָפין"; „דאָס קל. מענטשלע" 97 פּ. און 104, „דינציא ר' פייוושעס"
6 און 20: „אַנשווינען, אנשלאָפען"; „דער מעדאַליאָהן": „אַנשלאָ־
פען" (4, 8, 11), „אַנשלאָפין" (5, 19); „חייציקעל אַליין" 42, „דער
צווייטער איזין באַנד" 53: „אַנשלאָפען".[170]

2) מקין האַלטען, אַז t הוט זיך אַסימילירט מיט איינעם פֿון
די קונסונאַנטען, צווישען וועלכע ער איז געשטאַנען, אודער, אַז פֿון
וועגען דער אַנהויפֿונג פֿון 4 קונסונאַנטען, איז איינער פֿון זיי
אַרויסגעשטופּט געוואָרען (פֿאַרגלייך באַהאַנדעל 196). —

§ 156.— [סידואים]. — 1) אין קרעמעניץ הוט אַ טיש־
טוך, אַ קלייד, אַ טיכעל, אַ פאַטשיילע: פֿראַנדזן („באַברעמעכץ פֿון
גוכהענגענדיקע פעדעם אודער שנירלעך"). — ליפשיץ II, 5, 157, זעצט־
איבער דאָס רוסישע bachroma מיט „פֿראַנדז" (ל"נ), דאָס רוסישע
mochor מיט „פֿראַנדזען" (ליפשיץ 166: „פֿראַנז", איבערגעזעצט
מיט די ערשטגעבראַכטע צוויי רוסישע וואָקאַבלען; אויך באַ הורוויצען 77:
„פֿראַנז", איבערזעצט מיט „ציצה, גדיל, מלל, אמרא"). באַ דרייזינען 12,
278: „פֿראַנדז" (= bachroma), „פֿראַנדזין" (= mochor). —
האַרקאַווי 278 פּ.: „פֿרענז" (סינג. און פּל.), איבערגעזעצט מיט'ן ענגלישען
fringe (ד. ה. „פֿראַנדז; ראַנד, ברעג, זוים פֿון צייג").

2) מה"ד: franse (לעקסער 352), franze (קלוגע 145)
[„פֿראַנדז, שמוק", פֿון פֿראַנצייזישען frange]. — נה"ד: Franse (קלוגע 145,
טיאַנדער 441) און Franze (טיאַנדער 441).

3) אויך די פּוילישע שפּראַך הוט דעם וואָקאַבעל: framza (אַלטפּויליש)
frenzel (ווייניק געברויכט); fręzla; frandza (אַלטפּויליש); fredzia;
frandzla און frandzelka (ווייניק געברויכט); frędzla;
frendzla; frędzel מונדאַרטליך), — אַלע מיט דער טייטש:
„באַברעמעכץ פֿון נאָכהענגענדיקע פעדעם אודער שנירלעך" (קאַרל. I
177 פּ.), — פֿון דייטשישען Franse, Fransel.

4) אויך דאָס פּוילישע הוט, אַלזו, פֿורמען מיט אַפריקאַטיזירטען

ספּירַאַנט.— צי איז דער יידישער וואָקאַבעל געגומען גלייך פון דייט־שישען, אודער דורך די פאַרמיטלונג פון פּוילישען?

5) מ. י. בערדיטשעווסקי, „אַ מעשה פון איינעם, וואָס האָט פערסמט זיין ווייב (וו. 1902) 8: „האָב איך מיר געקויפט ביי דער שענקער־קע אַ פּרענדזעל און אַגלעזעלע בראַנפען".

„דער מעדאַליאָהן" (אַד. 1875) 61 פּ.:

„פויף צו דיא וואָס עסין אים פסח

„ניט קיין מצות נאָר אַ פראַנזעליכין,

„אונ טרינקין דעם ווישטען נסח,

„אונ שפּילין זיך מיט אַמאַמזעליכין".

„פּרענדזעל", „פראַנזעליכין"[171] — אַ מין געבעקס.— באַ דאַל'ען IV 554: franzolja (z = ז), fransolja (s = ס), fran-colja (c = צ); הויפּטטון אין אַלע דריי פאָרמען אַף מיטעלזילב. דרומרוס־לענדיש (נייַרוסלענדיש), אַדעסער ווארט: „פראַנצייזיש ברויט, פון בעסטען, ווייסען און דינסטען ווייצענמעל, אויס אַ קונדיטוריי, דייטשיש" (אַזוי פאַרטייטשט דאַל' l. c.).—

## נאָכוואָקאַלישער n פון פורהויפּטטוניקער זילב פאַר ספּיראַנט.

§ 157.— 1) ווי מיר הובן געזען אין די §§ 101, 103, 110, 116, 124, 125, 132 פּפּ., 147, פּאָלשטענדיקע אַנאַלאָגיע מיט נאָכוואָקאַלישען n אין הויפּטטוניקער זילב פאַר ספּיראַנט.

2) אַנ'אָפּווייכונג לוזט זיך קונסטאַטירען, ווען מיר פאַרגלייכען די §§ 120 און 124 (איבער § 121 פּ. 1).—

## אָנמערקונגען.

1) דער איינציקער i אין דעם וואָקאַבעל (עיוענטועל דער i אין דער צווייטער זילב) — לאַנג.—

2) אין די ביישפּילען מיט אַנ־ באַטונט דער פּרעפיקס.—

3) אין ווערטער ווי: wąs, sąsiad, wiązać, wąż, wiążesz;--

fąfeł, wąwóz; — wąchać; — — kęs, mięsić węszyć, więzy, więzić, węża; — węch [טיטום בענגי 244פ.].

פאַר אַנדערע קאָנסאָנאַנטען ווערען ą און ę אויסגעשפּראָכען פאַרשידען (אָדער אַלס ריינע וואָקאַלען; אָדער אַלס ריינע וואָקאַלען מיט קאָנסאָנאַנטישען נאַזאַל נאָך זיי) [בענגי 257]. —

4) אין ווערטער, ווי: awans, mezaljans, danser א. אַ. וו.; translokacja; oranżerja; — bronz, konsekwentny, Konstanty א. אַ. וו.; bronzowy; — munsztuk; — intensywny, kondensator, kontyngens א. אַ. וו.; benzyna, cenzor, recenzja א. אַ. וו.; — instynkt, winszować; — rynsztok (אין די אַלע ביישפּילען פאַרשווינדט n פאַר אַלוועאָלאַרען ספּיראַנט, נאַזאַלירענדיק דעם וואָקאַל פאַר זיך); — — tramway; — konflikt, Konfucjusz; konwalja, konwenans, konwulsja, konwikt, konwent, komfort; — tryumf, tryumfalny (m און n פאַרשווינדען פאַר לאַביאָדענטאַלען ספּיראַנט, נאַזאַלירענדיק וואָקאַל פאַר זיך); — — banhof (אויסגעשפּראָכען מיט ch); — koncha (n פאַרשווינדט פאַר פּאַלאַטאַלען ספּיראַנט; וואָקאַל פאַר אים ווערט נאַזאַלירט) [בענגי 244 פ.]. —

5) אין אַזעלכע אויסדריקען ווי: „bo on wciąż“, „przecież, on wiedział“, „tamten wprost“ [בענגי 263, 234]. —

6) אין אַזאַ אויסדרוק, ווי: „pamiętam w styczniu“ [בענגי l. c.]. —

7) נאָך דער אַרטיקולאַציע פון דעם זילבוואָקאַל האָט עס זיך אַראָפּגע-לאָזט, ווי ס'איז נייטיק פאַר דער אַרטיקולאַציע פון n. —

8) ריכטיקער געזאָגט: האָט זיך נאָך דעם, ווי דער זילבוואָקאַל איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן, גאָר נישט אַראָפּגעלאָזט אַפילו, געבליבן אויפגע-הויבן. —

9) אין קרעמעניץ (זע „קונס“. I 270פ.). — אַנאַלאָגיש אין חוהין, טשיזשעוו, קאָלאָמייע (גאַליציע). —

10) אין וואַרשע (זע „קונס“. I 271), מונעגניצע, סיכאַטשעוו-פּולטוסק; אין גומבין: „גאַנווינין“; אין פּלאָצק, וולאַדיסלאַוואָוו (קוגנ. ק.): „גאַנווערן“ (= „גנבענען“). —

11) הארק. 75, ספּיוואַק-יהואש 16: „אַרבע כּנפות“; זע איך „עץ חיים“ (ווילנ. 1863) 88, 113; „דיא געגאַרטע ווערט“ 66: „בערייל יתום נאָר אינעם ביסטרינגים ארבע כנפות“.

אין פּוילען הייסט עס: „ציציקאַנפּים“ (באַטאָנט די ערשטע זילב); ש. אַש, „מערב“ (פּעטערב. 1913) 67: „זי נעהמט אַרויס וועש פון קאָמאָד און לייגט פאַר יעדען יונג אַנידער אַ בעזונדער פּעקעל: אַ העמד, אַ פּאָר גאַטקעס, אַ פּאָר שקאַרפּעטקעס און אַ ציצה-כּנפות. יאַ, אַ ציצה-כּנפות איך.

רער טאָטע האָט נאָכגעקוקט, צו די יונגען טראָגען ציצית־כּנפֿות'ן"...; ספּ. יהואש 277, הארק. 291: „ציצית־כּנפֿות" (= „ארבע־כּנפֿות").

מ'געברויכט אויך קורץ: „ציצית", אין טײַטש „ארבע־כּנפֿות" (ספּ. יהואש 227); קרעמעניץ: „לומאַ נו זעין, צו אַ טראָקט ציצית!"

אין קרעמעניץ הײסט עס: „לאַפּצידעקל" (באַטאָנט די ערשטע זילב). ס'איז פֿאָלקסעטימאָלאָגיע, אויס *„לײַבסערדאַקעל" (דאָס צווייטע גליד: פֿון פּויליִשען serdak).— דערפֿון שטאַמט דאָס פּויליִשע (קאַרל. ll 796): łapserdak: „אַ ייִדישער כאַלאַט, אַ ייִדישע קאַפּאָטע"; (דערעיקרשט ווענען ייִדען) „שלעפּער, אָפּגעריסענער־אָפּגעשליסענער מענטש, קריעה־בּליהדיקער מענטש, הולוראַניעץ, לובעדראַנעץ, לוכמאַן, שמאַטאַלאַניק, באַשקיר, לאַפּעטוט, נאַסעניונג, פּאַרשיווטשניק, פּאַסקידניק, לובוס, באַדיונג, פּעבעלמענטש וכו'"; „ייִדיש בחורעל, ייִדעל".— באַ דאַל'ען אין פּיסקוינוויען נישט רעגיסטרירט.— הארק. 182, 186: „לאַפּסערדאַק, לײַפּסערדאַק" („tattered garment", ד. ה. „צוריסען מלבוש").— קאַרל. l. c. מיינט נישט ריכטיק, אַז דער וואָקאַבעל איז צונויפגעזעצט פֿון łapać און serdak.—

12) אין וואַרשע: „אַ צונויפגעדרייט שטיקעל פּאַפּיר, וואָס מ'שטופּט־אַרײַן אין די נאָז אַרײַן אײנעם, וואָס שלאָפֿט" (אַ קונדסיש שטיקעל).

„דאָס קל. מענטשעלע" (ווּיל. 1879) 38: „אַז מען האָט בעדאַרף עמיצען מאַכען אַ פֿאָנפֿע פלעגט מען דערצו נעמען קליאָטשע בײַא מיר פֿון דער קאַפּאָטע"...

בילדלעך: „מאַכן עימיצן אַ פֿונפֿי", = „אָפּטון עמיצען אַ שפּיצעל; אונטערדוקען עמיצען אַ שפּיצעל; צושטעלען עמיצען אַ בענקעלע; אָפּטון עמיצן אַף טערקיש; אַרײַנפֿירען עמיצען אין אַ ניטאָנגענעמע לאַגע" וכו'.

ליפּשיץ 144: „פֿונפֿע"; זעצט עס איבער מיט'ן רוסישען pimfa; דאָס לעצטע, ווידער, זעצט ליפּשיץ ll 238 איבער: „דיא פֿונפֿע, אַן אָנגעצינדענער שקאַרמין אויף אַרײַן צו לוזען דעם רויך אין אײנעמס נאָז אַרײַן (אויף געלעכטער)".

באַ דאַל'ען הוב איך דעם רוסישען וואָקאַבעל נישט געפֿונען; באַ פּיסק. 185: pynchwa (אין אויסדרוק „pynchwu daty" = „אין פֿאַרלעגענהייט ברענגען, אָנלערנען").

דרייזין 437 זעצט דאָס רוסישע pîmfa איבער: „א פֿאַמפֿע, איין אָנגעצינדענע לענגליכע פֿארדרייטע שטיקיל פּאַפּיר אריין צו לאזין דעם רויך אין נאז".

קאַרל. l 727, 744פּ.: fąfa (מונדאַרטליך), „פּיק, שנול (אין די נאָז)"; finfa, fimfa, „רויך, דורך אַ פּאַפּירען רערעל אַרײַנגעלוזט אין די נאָז אַרײַן"; (בילדליך) „שטאָך, פֿורוורף, אָנצוהערעניש, ביטערע פּיל, אַפֿרונט, באַליידינונג".— דער טחבר צוט־צו צום פֿאַרגלײַך דאָס טשעכישע fifka („פּיק, שנול").

איך רעכען, די סלאַווישע וואָקאַבלען לוזען זיך צוריקפֿירען צום מה"ד phîfe, phîf („בלאָזאינסטרומענט, פּײַפֿער") [לעק. 186], pfîfe [קלוגע 341] — פֿון מיטעללאַטײַנישען pipa.— אַנגעלזעקסיש: pipe; ענגליש:

pipe; אַלטנאָרדיש: pipa; נידערלענדיש: pijp [קלוגע l. c.]; — פלאַט-דײַטשיש: peîpe, pîp [גרימע 158]; — איטאַליעניש: piva; פראַנצײזיש: pipe [קלוגע l. c.]; — יידיש: „פײַפל".—

13) קרעמעניץ, וואַרשע: „יעדען אונטער דער נאָז".— האַרקאַווי 348 (=to speak trough the nose).— שטאַמט, וואָרשײַנליך, פון „פונפי".—

14) ה"ו (אין קרעמעניץ): „דער, וואָס פונפעט; דער, וואָס האָט דעם פעלער צו רעדען אונטער דער נאָז".— ליפשיץ 144, הורוויץ 70.—

15) קרעמעניץ, וואַרשע.— אַדיעקט: „דער, וואָס רעדט אונטער דער נאָז"; אַדווערב: „אונטער דער נאָז".— ליפשיץ 144, האַרקאַווי 248, דרײַזין 85 (אין אַלע דרײַ קוועלען אויסגעלייגט מיט אַ -נ-).— „קבצן-עושר-שפּיל" 22: „ער רעט פאָנפיוואַטע אַביסיל"; „דער כל בוניק" 33: „דיא פאָנפע-וואַטע טיקערין עליו השלום האָט מיר אַליין דער ציילט"...—

16) דאָס ערשטע גליד פון די 3 (און פון ענליכע) קאָמפּאָזיטאַ, אין זעלבסטשטענדיקער גילטונג, האָט אין אויסלויט אַ לוועאָלאַרען נאַזאַל.—

17) אַנלויטוואָקאַל אין ביידע וואָקאַבלען לאַנג און טראָגט דעם הויפּטטאָן; i לאַנג.—

18) הויפּטטאָן אויף דעם (לאַנגען) וואָקאַל פון דער צווייטער זילבן; i לאַנג.—

19) אין די צוויי וואָקאַבלען הויפּטטאָן אויף דעם לאַנגען אַנלויטוואָקאַל.—

20) די לעצטע 6 בײַשפּילן זענען אַזויגערופענע ניט־עכטע צונויפּ-זעצונגען: מיט הויכטאָן אויף דער פּרעפּאָזיציע.

זיי לאָזן זיך צוריק צוטיילן: „כ'פּיאַ=אָן, כ'פּיאַ=אַן, כ'פּיאַ-אַראַן (i אין ווערב לאַנג; וואָקאַל פאַר נאַזאַל אין די אַדווערבן לאַנג); כ'וואָרף-אָן, כ'וואָרף=אַן, כ'וואָרף-אַראַן" וכו' (וואָקאַל פאַר נאַזאַל אין די אַדווערבן לאַנג).— n באַקומט דאַן צוריק זײַן אַלוועאָלאַרע אַרטיקולאַציע.

n בלײַבט אַלוועאָלאַריש, ווען צווישן פּרעפּאָזיציע און ווערב קומט-אַרײַן דער אויגמענט „צו"; צ. ב.: „אָנצופּירן, אַנצופּירן, אַראַנצופּירן (וואָקאַל פאַר נאַזאַל לאַנג; צווייטער i לאַנג); אָנצוּוואָרפן, אַנצוּוואָרפן, אַראַנצוּוואָרפן" (וואָק. פאַר נאַז. לאַנג);— ער פאַרלירט נור די שטים (פאַר שטימלאָזיקען אַפריקאַט).

פאַר'ן אויגמענט „גע"- ווערט דער אויסלויט-נ פון די פּרעפּאָזיציעס וועלאַריש: „אָנגיפּיאַט, אַנגיפּיאַט, אַראַנגיפּיאַט" (וואָק. פאַר נאַז. לאַנג; צווייטער i לאַנג) א. אַ. וו.—

21) אין קרעמעניץ (ווי איך אַליין געדענק עס) און אין נאָוואָראָ-דאָמסק (ווי ה. ד. נאָמבערג האָט מיך אינפאָרמירט), האָט דער סובסטאַנטיוו די טײַטש: „איטליכס אָפּגעשניטען שטיקעל ברויט".— אין וואַרשע, סאָכאַטשעוו, קוטנע, לודזש, אָפּאַליע, סטאַניסלאַווּוו (גאַליציע): „דאָס ערשטע שטיק ברויט, וואָס מ'שנײַדט-אָפּ (אָדער ברעכט-אָפּ) פון אַ גאַנצען לאַבען"; „דאָס לעצטע פון לאַבען ברויט" (ווי ס'האָט מיר

דערקלערט אַ סאָבאַטשעווער); „דאָס שטיקל פון לעבעל ברויט אין עק (ווי ס'האָט מיר פאַרטייטשט אַ קיטנער), == דעם פּוילישן przylepka (זע די צווייטע טייטש פון דעם וואָקאַבעל באַ קאַרל. V 314).

אַ פּיאָסקער האָט מיר פאַרטייטשט: „דאָס עק פון ברויט, דאָס קיילעכדיקע הייסט אַ ר ע י פ ט ל... אַז מ'הייסט זיך געבען אַ פּינט ברויט, בעט מען: פ ו ן ר ע י פ ט ל“...

מערקווירדיק, אַז דער יידישער וואָקאַבעל איז נישט רעגיסטרירט נישט אין ל י פ ש י צ ע ס צוויי ווערטערביכער, נישט באַ ה ו ר ו ו י צ ע ן, אויך נישט באַ האַרקאַווין און ד ר ע ז נ י נ ע ן. — „דאָס קליינע מענטשעלע“ (ווילנ. 1879): „דער האָהן מיט דיא היהנער... פּיקען געשמאַק אַ ר י פ ט ע ל ברויט אויפין טיש“ (81); „איך אַליין געה וואַשנע אין דערמיט, אַנגעלאָדען אין דיא קעשענעס, אין דעם בוזעם, אין אַ קוישיל אויפין אָרעם כלעמעצליך מיט פּוטער, ברויט בעשמירט מיט שמאַלץ, ר י פ ט ל י ך ברויט מיט אַ ווייַדעל פון אַ הערינג“.. (25).

אַה״ר: ramft; מה״ר: ramft און r a n f t (== „איינפאַסונג ראַנד; שטיקל ברויט“); — נה״ד: Ranft, (a == „דאָס האַרטע פון ברויט, דאָס ערשטע שטיקל ברויט, אָפּגעשניטן פון גאַנצן לאַבן; שטיקל ברויט“; — b) „ראַנד; שמאָלער (אַרומגעאַרבעט, מיט איינשניטן) ראַנד פון אַ מטבע“. — זע: ליעק. 192, קלוגע 358, טיאַנדער 997.

אין ש מ י ד ט ס „שוועביש ווערטערבוך“ 424: r ä n f t l e (== Brotrand). — אויך דער י י ד י ש ע ר וואָקאַבעל איז ד י מ י נ ו ט י װ. —

22) אין קרעמעניץ, פּולטוסק, סאָבאַטשעוו, אָפּאַלע, וויערושוו.

אין ווישקעווע מיט לאַנגגען i אין דער ערשטער זילב.

אין גאָוואָראָווע, אין ב ר ו ק מיט „ליטווישען“ קורצען i.

אין שעדלעץ, דרילטש: „פּ י נ ע ף“.

אין אישמער, ווענגעריווע (אין דער עי־מונדאַרט), ריזשאַן, קוליגע מיט לאַנגגען i. אין גרויס־ביאַלע מיט „ליטווישען“ לאַנגגען i.

מ. מאַרקוזע ט' b, „דער כל־בוניק“ 30, 49; „דינציא ר' פּיזווישעס“ 17, 21; „געש. פון זעלט. ברית“ 11 13; „אבקת רוכל“ 23; „צענטאָרע ווענטאָרע“ 11, 13; „דער צווייטער אייזן באַנד“ 32 עטצ.; „מעשה משני שותפים“ (וו. 1881) 5, 37; „סיפּורים מרבינו נסים“ 40: „פּ י נ ע ף“; „נחלת צבי חמש מגלות“ י״ז: „פּ י נ ו ף“; „שטערענטיכעל“ 7: „פּ י נ י ף“.

„דער צווייטער אייזן באַנד“ 90: „אַ פּ י נ ע ר פּ י ר י ל“ („5 רובל, פּינפרובעלשטיק“). —

23) אין די שטעלען, וואָס אין די ווייטערדיקע 3 אָנמערקונגען רעגיסטרירט. —

24) ב ר א ש י ת ה׳ו׳ [י״א, ט״ו, י״ז, כ״א, כ״ג, ל׳ (2 מ.), ל״ב], י״א י״א (…, ל״ב), י״ב ד׳, י״ד ט׳, י״ח כ״ח (3 מ.), כ״ח ז׳, ל״ח כ״ו, מ״ג ל״ה, מ״ה ו׳ (י״א, כ״ב), מ״ז ב׳; ש מ ו ת כ״א ל״ז, כ״ו ג׳ (2 מ.) [כ״ו, ל״ו], כ״ז י״ח, ל״ו י׳ (2 מ.) [ט״ז, ל״א, ל״ב (2 מ.), ל״ח (2 מ.)], ל״ח א׳ (י״ח, כ״ה, כ״ו, כ״ח); ו י ק ר א כ״ו ח׳, כ״ז ה׳ און ו׳ (2 מ.); ב מ ד ב ר

א׳ כ״א (כ״ה, ל״ג, ל״ז, מ״א), ב׳ י״א (ט״ו, י״ט, כ״ג, כ״ח), ג׳ ג׳ (כ״ב, מ״,) ז ד׳ מ״ח, ז׳ י״ז (3 מ.) [אויך כ״ג, כ״ט, ל״ו, מ״א, מ״ז, נ״ג, נ״ט, ס״ה, ע״א, ע״ז, פ״ג (צו 3 מ. אין איטליכן פסוק)], ח׳ כ״ה, י״א י״ט, י״ח ט״ז, כ״ו י״ח (כ״ב, כ״ז, ל״ז, מ״א, נ״), ל״א ח׳ (כ״ח, ל״ב, ל״ו, ל״ו, ל״ט, מ״ג); יהושע ח׳ י״ב, י׳ ה׳ (ט״ז, י״ז, כ״ב, כ״ג, כ״ו), י״ג ג׳, י״ד י׳ (2 מ.); שופטים ג׳ ג׳, י״ח ב׳. (ז׳, י״ד, י״ז), כ׳ ל״ה (מ״ה, מ״ו); שמואל א. ו׳ ד׳ (2 מ.) [ט״ז, י״ח], י״ז ה׳ און מ׳, כ״א ד׳, כ״ב י״ה, כ״ה י״ח (2 מ.) און מ״ב; שמואל ב. ד׳ ד׳, כ״א ח׳, כ״ד ט׳; מלכים א. ה׳ י״ב, ו׳ ו׳ [י׳, כ״ד (2 מ.)], ז׳ ג׳ [ט״ו, ט״ז, כ״ג, ל״ט (2 מ.), מ״ט (2 מ.)], י״ט כ״ג; מלכים ב. ז׳ י״ג, ח׳ ט״ז, י״ג י״ט, כ״ג ל״ו; דברי-הימים א. ב׳ ד׳, ז׳ ג׳, כ״ט ז׳; דברי-הימים ב. ג׳ ט״ו, ד׳ ח׳ (2 מ.), י״ג י״ז, כ״ה א׳, כ״ו י״ג, כ״ז א׳ און ח׳, כ״ט א׳, ל״ג א׳, ל״ה ט׳ (2 מ.), ל״ו ה׳; אסתר ט׳ ו׳ (י״ב, ט״ז); איוב א׳ ג׳.— אַרום-און-אַרום 183 מאָל.—

25) ·ו- אָנשטאָט ·י· -דרוקגרייז: שמות כ״ו ט׳ און כ״ז און ל״ז, ל׳ כ״ג און כ״ד.—

26) שמות כ״ז א׳ (2 מ.); מלכים א. כ״ב מ״ב; מלכים ב. ו׳ כ״ה, י״ד ב׳, ט״ו ל״ג, י״ח ב׳, י״ט ל״ה, כ״א א׳, כ״ה ט׳; איוב א׳ ג׳; ישעיהו י״ז ו׳, י״ט י״ח, ל׳ י״ז, ל״ז ל״ו; ירמיהו נ״ב כ״ב (ל׳, ל״א); יחזקאל ח׳ ט״ז, י״א א׳, מ׳ א׳ [ז׳, י״ג, כ״א, כ״ה, כ״ט, ל׳, ל״ג, ל״ו, מ״ה (2 מ.)], מ״א ב׳ (2 מ.) [ט׳, י״א, י״ב], מ״ב ט״ז [י״ז, י״ח, י״ט, כ׳ (2 מ.)], מ״ה א׳ [ב׳ (2 מ.), ה׳, ו׳ (2 מ.), י״ב (2 מ.)], מ״ח ח׳ [ט׳, י׳ (2 מ.), י״ג (2 מ.), ט״ו (2 מ.), ט״ז, כ׳ (2 מ.), כ״א, ל׳, ל״ב, ל״ג, ל״ד]; דניאל י״ב י״ב; עזרא א׳ י״א, ב׳ ה׳ [ה׳, כ׳, ל״ג, ל״ד, ס״ו, ס״ז, ס״ט]; נחמיה ו׳ ט״ו, ז׳ י״ג [כ׳, כ״ה, ל״ו, ס״ו, ס״ח, ס״ט, ע׳]; דברי-הימים א. ב׳ ו׳, ג׳ כ׳, ד׳ ל״ב און מ״ב, ז׳ ז׳, י״א כ״ג; דברי-הימים ב. ג׳ י״א (2 מ.) [י״ב (2 מ.), ט״ו], ד׳ ב׳ [ו׳ (2 מ.), ז׳ (2 מ.), ח׳], ו׳ י״ג, כ׳ ל״א (2 מ.), כ״ה א׳, כ״ז א׳ און ה׳, כ״ט א׳, ל״ג א׳, ל״ו ה׳.— 111 מאָל.—

27) צ. ב. אין סקידעל: **פּימף** (i לאַנג; דער פּעטיט-iii באַצייכנט דאָ מער לאַביאַל ווי לאַביאָדענטאַל פאַרפאַרבטע נאַזאַלירונג פון דעם וואָקאַל).— אַנאַלאָגיש אין קראַסנאָפּאָליע (מאָליוו. ג.), מיטעבסק, בריאַנסק (ביעלסק, ק., גראָדנ. ג.).

אין באָבראָויסק: „אַרויסגילאָזן **פּימפן**” (i לאַנג), ד.ה. „5 פּערזאָן”.—

28) וויסאָקאָליטאָווסק: **פּינף** (i לאַנג; פּעטיט-ii באַצייכנט דאָ מער דענטאַל ווי לאַביאָדענטאַל פאַרפאַרבטע נאַזאַלירונג פון וואָקאַל).—

29) לעק. 359: vünfte (אויך funfte, vümfte, vumfte, viunfte, viumfte, vinfte, v i u f t e).— זע „קינם”. I § 101.

„פינפט”, „פינפט”-: וואַרשע, פּולטוסק, דראָהיטשין, קרעמעניץ וכ׳.

„שארית ישראל" (פירט תקי"ז): „פיפטר"; „שטערינטיכל" 77: „פיפ-טע"; „אבקת רוכל" (כמש"נ בטשערנאוויץ): „פיפטער" (7), „פיפטי" (14, 21).

„שבחי בעש"ט": „דעם פופטין; „תרגום שני": „פופטער" (2), „פופטי" (22).

דרייזין 572: „פינפטער"; „חייציקעל אליין" (וויל. 1887) 18: „פינפטע"; „דיא אורחים אין דוראצעסאק" 34.E: „פינפטע, פינפטן"; „דער גליק" (וויל. 1893) 20: „פינפטען".

די פירמען מיט ·נ· קומען פור אין זייער פיל ווערק פון ליטווישיידי-שע מחברים. איך הוב מיך געקענט אין דעם איבערצייגען, דורכקוקענדיק די ביכער, וואס זענען ציטירט א'דער דערמאנט אין דעם פולגענדיקען עטיוד. איך ברענג דא נישט מער ציטאטען פון וועגען עקונומיע אין פלאץ. אינטערעסאנט, אז פינפט· ווערט געברויכט אויך אין אזעלכע ליטווישיידישע דרוקווערק, אין וועלכע ס'איז גורם „פופציג". הייסט עס, אז יעדער פון די צוויי ווקאבלען („פינפט"· און „פופציק") הוט אין ליטווישיידישען דורכגעמאכט זיין באזונדערע אנטוויקלונג.

„קיצור ילקוט" 43: „פינעפטי".— „תחנה אמרי שפר" (לוב. 1876), שער; „תחנה מודה אני" (לוב. 1877) 5: „פונעפטי".— e איז דא סווארבהאקטיווקאל.—

30) דורטען: vünfzëhën, vünfzên (מיט אנטשפרעכענדיקע פאראלעל-פורמען, ווי אין דער פריערדיקער אנמ.; אזוי, אויך: viufzëhën).

קול'נע, סעמיאטיטש: „פופצן".

קרעמעניץ, טורטשין, דרילטש, פולטוסק, לעווערטוו עטצ. (זע אויך „קונס I § 100): „פיפצן"; אין גרויסביאלע מיט î אין דער ערשטער זילב.

„ספר תחינות" קנ"ג b; „בן המלך והנזיר" ל"ו; „תרגום שני" 22; „עמיגדב" (וו. 1855) 17; זבא"מ, „דיא צוואה" (וויל. 1873) 10; שמעון וואל-צענוק, „דיא גיהיימע האכצייט" (וו. 1884) 12; הארקאווי 252: „פופצעהן" (בא הארקאווי אויך „פופצעהנטעל").

„דער גליק" 17: „פופצעהען".

„צענטארע ווענטארע" 9, 13; „דיא אומוועקסלונג" (וויל. 1877) 6; „דיא גיהיימע האכצייט" (וו. 1884) 10; „דיא יוד. קאזאקין" (אר. 1886) 10: „פופצען" „גדולת משה" (אורט, יאר פון דרוק?) ג', „צענטארע ווענטארע": „פופצין". „שטערינטיכל" 8, 136: „פיפצעהן".—

31) דורט: vünfzëhende.— „פיפציט" (קרעמעניץ, שנדלעץ, ווארשע, פולטוסק, דרילטש); „פועצענטער" (סעמיאטיטש).

דרייזין 572: „פופצטער; הארקאווי 252: „פופצעהנטער".—

32) דורט: vünfzëc, vünfzic.

דרילטש, אוסיעצק: „פיפציק" (אויך: „ערשט. יוד. רעקר". 3; „שטע-

רינטיכעל" 15, 111). אין טערעספאל מיט i אין דער ערשט. זילב. — ליפשיץ 160, „דעקטוך" 3: „פיפציג".

אינגולינו (ווילנ. ג.): „פופציג". אויך בא הארקאווי 252; פראנער „המגיד" (ירמיהו ט׳ י׳); „יוסיפון" (פירט תקי"ז) מ"ג; „שארית ישראל" (פירט תקי"ז) ב״ b, ח׳, י"ז; „שמחת הנפש" (ווארשע 1865) כ"א; „סיפורי הפלאות" (ווארשע 1845) ב׳; „בחינת עולם" (יוזעפאוו 1845) 38; „תרגום שני" 33פ., 38; „עמינדב" (וו. 1855) 10, 17; „ס׳ תם וישר" (וו. 1871) 64; „צענטארע וועגטארע" 27; „דיא אוממועקסלונג" 16; „דער כל-בוניק" 49; א. צונזער, „המנגן" (ווילנ. 1875) 25, 29; „פראקטישע הויז ווירטשאפט" 42; „דער צווייטער אייזין באגר" 23; „חייציקער אליין" 23; „דאס קל. טענטשעלע" 89; י. מורגענשטערען, „מעשה משני שותפים" (וו. 1881) 13; „דער גליק" 21; „סדר מגלת אסתר" (וו. 1881) 103; „סיפ. מרבינו נסים" (1892) 46; „דיא גיהימע האבציט" (וו. 1884) 36; ש. בעקערמאנן, „דיא יודישע קאזאקין" (אד. 1886) 41; „דאס זיידענע קינד גייט שארען געלד אין אדעם מיט דער לאפעטע" (בערדיטשעוו) 16. — בכלל נורם אין די ליטווישיידישע דרוקזאכען, אפילו אין יענע, וואס געברויכען „פינפט" (זע אוויועץ אנמ. 29).

„תרגום שני" 27, דרייזין 572: „פופציק".

„געש. פון זעלט. ברית" III 20: „פופציגער" („אסיגנאציע פון 50 רובעל"; „50 רובעל"). — „שטערינטיכעל" 40, „יאהצע דל גאה" 19: „אפיפציגער" (דאסאייגענע). —

33) דורט: vünfzigist. — ווארשע א. א. ה.. „פיפציקסט". — הארקאווי 252: „פופציגסטער" (און „פופציגסטעל", „פופציגסטלאך"); דרייזין 571: „דער פופציגסטער". — ליפשיץ 160: „פיפציגסטעל". —

34) דורט: vünfteil. — פאינטשנע (פעטריק. ג. ראדומסק. ק.): „פיפטל". — דרילטש: „פיפטכאליק, פיפציטכאליק, פיפטאלבם (הויפטטון אף מיטעלזילב), פיפצעטאלבם". — טערעספאל: „פיפטחלק". — ליפשיץ 160: „פיפטל". — הורוויץ 72: „פונפטעל". — הארקאווי 254: „פינפטעל, פינפטלאך"; דרייזין 572: „פינפטיל". —

35) סקידעל: „**פימפטל**"; „**פימפער**" (מטבע פון 5 גרושען): „**זאלבעפימפט**". — קראסנופוליע: „**פימפטאלבם**" (i נאך f איבעראל לאנג; פעטיט-m נאזאלירונגסצייכען).

מאקעתע (לומז. ג.): „**פינפטע, זעלבעפינפט**"; ווימוקי-מאזאוועצק (לומז. ג.): „אין **פינפטן** דעצעמבער" (i אין אלע 3 צאל-ווערטער לאנג; פעטיט n נאזאלירונגסצייכען). —

36) קולנע (לומז. ג.): „פינפטו" (=„פיפטעל"), „זאלבפינפט" (i נאך f לאנג); — איבער „פופצן" (n פארשווונדען!). —

37) אין אלע ביכער פון תנ"ך, וואס הובען מער, ווי 4 קאפיטלען; אין „ויקרא" אין „במדבר": „...קאפיטל"; אין „תהלים": „דער פינפטי מזמור". —

38) בראשית א׳ כ״ג, ל׳ י״ז; במדבר ז׳ ל״ו, כ״ט כ״ו, ל״ג ל״ח; יהושע י״ט כ״ד; שופטים י״ט ח׳; מלכים ב. כ״ה ח׳; דברי־הימים א. ב׳ י״ד, ג׳ ג׳, ח׳ ב׳, י״ב י״א, כ״ד ט׳, כ״ה י״ב, כ״ו ג׳ און ד׳, כ״ז ח׳; עזרא ז׳ ח׳ און ט׳; ירמיהו א׳ ג׳, כ״ח א׳, נ״ב י״ב; זכריה ז׳ ג׳, ח׳ י״ט א. אַ. וו. א. אַ. וו.—

39) אודער „...קאפיטיל״. — 40) בראשית, שמות, איוב, נחמיה.—

41) אין אַלע שטעלען, אויסער די, וואָס אין די וויטערדיקע צוויי אָנ־מערקונגען.— אויך אין: ויקרא י״ט כ״ה, כ״ז ט״ו און י״ט; שמואל ב. ג׳ ד׳; מלכים א. י״ד כ״ה; ירמיהו ל״ו ט׳; יחזקאל א׳ ב׳, כ׳ א׳; זכריה ז׳ ה׳; נחמיה ו׳ ה׳.—

42) מלכים ב. כ״ה ח׳: „אין דעם פיניפטי מאנט״; עזרא ז׳ ח׳ און ט׳: „אין דען פיניפטין מאנט״, „דאש פיניפטין מאנט.״— אַלזו, מיט סוואַ־ראַבהאַקטיווקאַל נאָך ן־נ!—

43) בראשית א׳ כ״ג: „דער פיפטי טאג״; ל׳ י״ז: „דען פיפטן זון״; מ״ כ״ד: „דען פיפטן״; יהושע י״ט כ״ר: „דאש פיפטי (גורל)״.—

44) צ. ב.: בראשית ה׳ י׳, ז׳ כ׳; שמות כ״ז י״ד, ל״ח י״ד; מלכים ב. י״ד י״ז, כ׳ ו׳, א. אַ. וו.—

45) שמות ל״ח ט״ו.— 46) שמות כ״ז ט״ו (דרוקגרייז).—

47) די ערשטע פורם: שמות כ״ז י״ד, ל״ח י״ה, א. אַ. וו.;— די צווייטע: שמות ל״ח ט״ו; מלכים ב. י״ד י״ז, כ׳ ו׳, א. אַ. וו.; — דער דרוקגרייז: שמות כ״ז ט״ו.— 48) בראשית ה׳ ו׳, ז׳ כ׳.—

49) בראשית, שמות, במדבר, דברים, יהושע, שופטים, שמואל, מלכים, ישעיהו, ירמיהו, יחזקאל, משלי, איוב, דברי־הימים.— ויקרא: „דאש פונפציהנטי קאפיטל״; תהלים: „דער פונפצעהנדי מזמור״.—

50) מלכים ב׳ י״ד כ״ג.— דברי־הימים ב׳ ט״ו י׳: „צו דעם...״—

51) במדבר.— דברים, ישעיהו, יחזקאל, תהלים: „... פונפצעהינטי״...; יהושע: „... פונפצהענטי״...; שמואל ב.: „...פונפצהנטי״...; מלכים, דברי־הימים: „... פונפצעהנטי״...—

52) מלכים ב. י״ד כ״ג.—

53) בראשית, שמות, ויקרא, שופטים, שמואל א.— ירמיהו, משלי, איוב: „דאש פופצעהינטי קאפיטל״.— דברי־הימים ב. ט״ו י׳: „דאש פינף אונ׳ צוואנציגשטין יאר״ (טעות).—

54) צ. ב., בראשית ו׳ ט״ו, ז׳ כ״ה, ח׳ ג׳, א. אַ. וו.; 152 מאָל; נאָכגעזען לויט דער רשימה אין בערנהאַרד בעער׳ס אויסגאַב פון יוהאַן בוקסטורפס קונקורדאַנץ (שטעטין 1861), ז״ז תרמ״א־תרמ״ב.—

55) ס״ה 4 מאָל, אפשר אַלס דרוקגרייז (אָדער זיך דורכרייסענדיקע מינדאַרם?): שמות ל״ו י״ב און י״ג, ויקרא כ״ה י׳.—

56) במדבר ל״א מ״ז: „איין שטיק פון פונפציגן״ (רעקלינירט!);

מלכים ב. א׳ י״ג: „דיזי פונפציגי״.—

57) 24 מאָל: בראשית ו׳ ט״ו, ז׳ כ״ד, ח׳ ג׳, ט׳ כ״ח און כ״ט, י״ח כ״ד און כ״ו, כ״ח; שמות י״ח כ״א און כ״ה, ל״ו י״ב (2מ׳) און י״ג; אסתר ז׳ ט׳; שמואל א. ו׳ י״מ; דברי־הימים א. ה׳ כ״א (2מ׳), י״ב ל״ג; דברי־הימים ב. א׳ י״ז, ב׳ ט״ז, ג׳ ט׳, כ״ו ג׳, ל״ג א׳.— שמואל א. ח׳ י״ב: „איבר פופציגין״ (דעקלינירט!).—

58) במדבר ד׳ כ״ג (און מ״ז); ד׳ ל׳; ד׳ ל״ה (און ל״ט); ד׳ מ״ג.— די 4 ציטאַטען אויך באַ בליצען.— בליץ, במדבר ח׳ כ״ה: „פון דעם פונפציגשטן יאר אן״ (וויצענהויזען: „פון פונפציג יאר אלט״).—

59) מלכים ב. ט״ו כ״ג.— בליץ: „אין דאז פונפציגשטי יאר״.—

60) מלכים ב. ט״ו כ״ז.— בליץ: „אין דאש צוויא אונ׳ פונפציגשטי יאר״.—

61) נחמיה ו׳ ט״ו.— בליץ: „אין צווייא אונ׳ פונפציגשטין טאג״.—

62) בראשית, ישעיהו (אויך אין דער באַצייכענונג פון די קאַפּיטלען 51–59), ירמיהו (אויך 51—52).— 63) תהלים (אויך 51–59). —

64) ויקרא כ״ה י״א.— אויך באַ בליצען (כאַ בליצען אויך כ״ה י׳).—

65) זע אָנמ. 58 — 61, 64.—

66) גורם: בראשית, ישיעהו (פון 50 ביז 59), ירמיהו, תהלים (פון 51 ביז 59, אויך 150).— תהלים און ירמיהו 51–52: „...פונפצינשמי״...—

67) בראשית מ״ז כ״ד.—

68) ויקרא ה׳ ט״ז.— געננוי אַזוי באַ בליצען (נור אַנשטאַט׳ן צווייטען „אונט״ — „אונ׳״).—

69) ויקרא ה׳ כ״ד.— געננוי אַזוי באַ בליצען.— „דש פינפטי טייל״ אויך ויקרא כ״ב י״ד.—

70) אַקוזאַטיוו מאַסקולינום! (אין די פריערדיקע 3 ביישפּילען נעוטרום).—

71) ויקרא כ״ז י״ג (אויך באַ בליצען).— „דען פינפטן טייל״ אויך: ויקרא כ״ז ט״ו, י״ט, כ״ז, ל״א (אויך באַ בליצען).— במדבר ה׳ ז׳: „...דען פינפטי טייל״. (אויך באַ בליצען).

מלכים א. ו׳ ל״א: „דיא אויברשטי שוועלי אונ׳ דיא ביא שטירל וואָרן פינף עקיכדיק״.— בליץ: „אונ׳ דיא עביר טיר אונ׳ דיא ביא שטידלין זיא וואָרן פינף עקידיק״ (אידר זיא בגריפין דאש פינפטי טייל פון בּרייטי דער וואנטן)״.—

72) בראשית מ״ז כ״ד.—

73) אַקוואַטיוו מאַסקולינ. —

74) איבערזעצונג פון „תבונה“: משלי ב׳ ג׳ און ו׳, ח׳ א׳, י״ד כ״ט. — ווינצענהויזען: „פער נונפט“ (משלי ב׳ ג׳). —

75) איבערזעץ פון „תבונה“: איוב ט׳ כ״ו, י״ב י״ב. — משלי י״ט ח׳: „פר נופטיקייט“. —

76) משלי ט״ו כ״א: „איין פר נופטיגר מן“ (= „איש תבונה“); משלי י׳ כ״ג: „צו איין פר נופטיגן מאן“ („לאיש-תבונה“). —

77) וויצענהויזען: „דיא שפיגל און׳ דיא ליינוואנטי לייליכר“ (ישעיהו ג׳ כ״ג); „מגישי מנחה“ (אַמסט. 1777 פ.): „איין פיינווויטן גארט“ (ירמיהו י״ג א׳); „בן המלך והנזיר“ נ״ד b: „צווייא קליידר פון ליינווגט“; מאַרקוזע קכ״ח: „מיט ווארעמע ליינוואנטענע טיכער“; „שטערינגטיכלר“ 7: „ליינוואַנטינע פלידירין“; „דיא גענאַרטע וועלט“: „ליינוואַנטינע צעריסינע פלידירין“ (10), „אין סאַלדאַצקי לאַנגע ליינוואָנטינע מיט לאַנגע שורות קנעפליך פלודערין“ (34) [אובער „קבצן-עושר-שפיל“ 8: „צו ריסינע ליינוונטינע פלודערין“]; „דאָס קליינע מענטשעלע“ (ווילנע 1879): „ליי-נוועגט“ (109), „ליינוואַנד“ (21, 83); הורוויץ 57: „לייַנוואַנד“ (און „ליוועגט“); „ענג ותקוה“ פון ש. ציטמערמאַן (לוב. 1902) 6: „לייַנווינד“.

„עץ חיים“ (פוריצק 1790): „לייוונט“ („אות שין“); „דער כל בוניק“ (זש. 1876) 50: „לייווענטענע זעק“; „פראַקטישע הויז ווירטשאַפט“ (ווילנע 1879) 11: „אַ שטיקעל לייווינד“; מורג., „מעשה משני שותפים“ 8: „אַפּאָר לייווינטע הויזען“, „אַ גראָבין לייווענטין שפּאַנצער“; „איין שיינע מעשה פון צענטאָרע ווענטאָרע“ (זש. 1876): „לייוואונט“ (27), „לאַוועגט“ (8); „דער יוד. פאַרפּסח“ 135: „אין אַ לאַייווענטענעם לייבצידאַק מיט לייווענ-טענע פלודערין“; „דער פערפורטער שידוך“ (ווי. 1883) 52: „לאַווינטע הויזען“; לייב לעוויץ, „דיא גערצאָגינע“ (ווילנע 1881) 3: „בלאַס וויא ליווינט“; „דיא שיינע מערדערין“ (ווילנע 1889) 3: „לייווינטענע קליידלאַך“; „ר׳ הערשעלע עסטערפּאָלער“ פון פּ. איזיקאָוויטש (ווי. 1884; 1909; 1910) 12: „לייווינט“.

שידלוויץ (ראָד. ג.): „לאַוונט“, „פאַשידנטי לאַוונט“; קושעניץ: „לאַוונטלעך“ (ד. ה. קליינע שטיקער לייוועגט); פילץ (עלקיש. ק.): „ל׳אַוונט“.

אַ טייל שעדלעצער געברויכען: „לאַבנט“ (u מיט m-פאַרב). —

78) אַדוועדב (געברויכט אויך אַלס אינטעריעקציע); ערשט גליד אין גישט-עכטע קומפוזיטאַ.

באַמערקונג: awack [זע: פעליקס פערלעס, „צור ערפורשונג דעס יידיש-דויטשען“, געדרוקט אין ווילהעלם בראַונעס „באַיטרעגע צור געשיכטע דער דויטשען שפראַכע אונד ליטעראַטור“ (האַללע אַ. ז. 1918), באַנד 43, העפט 2, ז״ז 296—309]. — בעהאַנהעל 177 ווינזט-אָן, אַז אין די דייטשישע מ״ם קומט-פור eweg.

אַה"ד „in wëc" (פּרעפּאָזיציאָנעלישע פאַרבינדונג) איז צונויפגעוואַקסען געוואָרען אין enwëc (מה"ד). — n פאַר w איז פאַרשוואונדען (דער אַרויספאַל איז באַגינסטיקט געווען דורך דער שטעלונג אין פ ו ר ה ו י כ ט ו נ י ק ע ר זילב).

לעבען enwëc הוט דאָס מה"ד געהאַט: h i n w ë c (לעק. 202), = נה"ד hinweg (טיאַנדער 630; גרונוואַ 389),= „אַוועק".

ו י צ ע נ ה ו י ז ע ן הוט „ה י ן ו ע ק" אַלס נורם (ס'וואַרפט זיך דורך אויך: „א י י ן ו ע ק"; צ. ב.: „שיק מיך ה י ן ו ע ק" (בראשית ל' כ"ה), „ער וואר ה י ן ו ע ק גיגאנגן" (שיר-השירים ה' ו'), „ה י ן ו ע ק גיגאנגן" (רות א' כ"א), „ער וואלט ה י ן ו ע ק גין" (שופטים י"ט ח'), „אן דעם טאג דא דאש א י י ן ו ע ק גינומן וואורד" (שמואל א. כ"א ז'), „מייני טעג זיינן לייכטר ה י ן ו ע ק גיגאנגן"... (איוב ז' ו'), „זיא זיינן ה י ן ו ע ק גיפלוהן" (איוב ט' כ"ה), וכו'.

בליץ: „ה י ן ו ע ק" (בראשית כ"ז ל"ו וכו') און „א ו ו ע ק" (רות א' כ"א, שופטים י"ט ח', שמואל א. כ"א ו', משליא' י"ט, וכו'). די לעצטע פורם קענטיק עפּטער.

אין פ ר אָ ג ע ר „המגיד": „א ו ו ע ק" (משלי א' י"ט, איוב ל"ז א', דניאל ב' א', וכו').

אין „ס פ ר ה ח י י ם" (פירט 1767): „א י י ן ו ע ק" (צ' b: „מן טאר ניט א י י ן ו ע ק גין"; צ"ט b: „טאר ער דער נאך ניט א י י ן ו ע ק נעמן"; ק': „ווען ערש א י י ן ו ע ק שענקט"; אויך ק"א b, ק"ב, ק"ג b, ק"ד, קט"ז, קי"ז, קי"ח b, קי"ט, ק"כ, ק"כ b, קכ"ב b) און „א ו ו ע ק" (ק"ד: „איז וואש ערד דער פון א ו ו ע ק גיפאלן"; ק"ה b: „מן זיצט איין ווייניג אונ' ניט א ו ו ע ק"; אויך קט"ז, קכ"ה b). — די ערשטע פורם, ווי מיר זעען, עפטער. —

79) צאָלוואָרט. — גערמאַניש: f i m f, אייגענטליך fëmf(e); גאָטיש בלייבט אַזוי; אַלטנאָרדיש: fimm (הוט זיך דער f- אַסימילירט מיט ־m); אַנגלאָזאַקסיש: fif; ענגליש: five; נידערלענדיש: vijf. – קלוגע 151פ. — אַה"ד: finf, funf — .

80) sâfti (אַדיעקט), sâfto (אַדווערב). — אַנגלאָזאַקסיש: sèfte (אַדיעקט), sòfte (אַדוו.); ענגליש: soft. — נידערדייטשיש: sacht (אין דער פורם ערשט אין 16—17 יאָרהונד. אַריבער אין דאָס נה"ד אַריין; זע אויך גרימסע 76, 56). — נידערלענדיש: zacht.

אַה"ד semfti (אַדיעקט). samfto (אַדוו.); מה"ד senfte (אַדיעקט), sanfte (אַדוו.); נה"ד sanft [קלוגע 376, 379]. —

81) מיט פאַלענדיקען דיפטונג, אין וועלכען דאָס צווייטע גליד איז לאַנג. —

82) ביידע פורמען: „פ י נ ע ף". —

83) פאַרגלייך „קוגס". I 347. — אין קרעמעניץ, סוקעלוווע: „י ו נ ט י ף" (=„טרומף"). —

84) זע „קונס". I 347. —

85) =„נאַפּט, פּעטראָלעום". — קאַל. II 218: kamfi-na, kanfina (ווידער נישטזיכערע אויסלייגונג, אַלס אָפּשפּיגלונג פון פּאַרשידענער אויפפּאַסונג פון דעם לאַבּיאָדענטאַלען טעמבר!), a) = „געלייטערטער טערפּענטינאייל צום ברענען"; b) „נאַפּט" (מונדאַרטליך). — פון דייטשישען Kamphin, Camphin (טיאַנדער 688).

אין קרעמעניין געברויכען דעם וואָקאַבעל די אינטעליגענטערע; דער המון זאָגט: „גאַז" (אויך באַ ליפּשיצען 65, הורוויצען 31); אויך אין ווילנע: „גאַז"; בענדער: „גוז".

האַרקאַווי 99: „גאַזע" (אויך „פּראַקטישע הויז ווירטשאַפט" 49); אויך אין פּאָפּעליאַן (קוונ. ג.), קאָפּ'נע אַזוי.

אויך אין פּוילישען ווערען מונדאַרטליך געברויכט: gaza, gas, gajs, gais, gajś, אין טייטש „נאַפּט" (קאַרל. I 811).

אין דעמבין (גאַליציע): „גאַיסט" (=„נאַפּט"). —

86) אין אינדוסטאַן (געבוירענאָרט פון קאַמפּער): kapûr, karpûra; אין אַראַבישען: kâfûr, alkâfôr (העברעיש: „כּופר"); פון לעצטען איז מיט נאַזאַלירונג פון וואָקאַל נאָכ'ן k געוואָרען דאָס מיטעללאַטייניש camphora, דאָס שפּאַנישע alcanfor; איטאַליעניש: cafura און canfora; פראַנצייזיש: camphre; דייטשיש: Kampfer, Campher; פּויליש: kamfora (זעלטענער: kanfora; מונדאַרטליך: kamfer, kafora); רוסיש: kamfora, kanfora (קליינפּאָול II 79, קלוגע 224, קאַרל. II 218, ראַל' II 83). — דאָס פּאַראַלעליש-פאָרקומען פון m און n אין די אַנדערשפּראַכיקע פאָרמען ווייזט אָן אַף לאַביאָדענטאַלישע אויסשפּראַך, וועלכע איינע געמען-אויף אַלס מער לאַביאַלע, אַנדערע אַלס מער דענטאַלע.

„ספר של ר' אַנשיל" נ"א b, נ"ב: **קמפור** (איבערזעצונג פון „הכופר" אין שיר-השירים א' י"ד), **קמפורין** (איבערזעצונג פון „כּפרים" אין שיר-השירים ד' י"ג). — צי איז דער ·פּ· דאַ, אין די יידישע וואָקאַבלען, p צי f, קען מען נישט וויסען.

דעם פּסוק „אשכּול הכּופר דודי לי..." (שיר השירים א' י"ד) זעצט בּליץ איבער: „מיין פריינד איז מיר גלייך אליש איין גבינטל **קאַמפּפר**"... [וויצענהויזען: „מיין פריינד איז צו מיר איין הענגיל פון ציפּרוס"...]; „...כּפרים עם נרדים" (שיר-השירים ד' י"ג) זעצט בּליץ איבער: „...**קאַנפּפער** מיט נרד" [וויצענהויזען: „...ציפּרוס מיט נרד"]. — אַלזו, אויך באַ בּליצען נישטזיכערקייט פון דער אויסלייגונג (איינמאַל ·מ·, איינמאַל ·נ·).

„שיר-השירים" (ריבּישוויו תקע"ו): „איין הענגיל דאָש קאַנפּיר גיווערין דאַש זאָ וואַקסט פיר פינף מאָל: נ' איינעם יאָר אַזו איז אויך מיין פריינד הקב"ה צו מיר ער האָט מיר פאַר געבּין פיל מאָל מייני עבירות דאַש

„דאַיני דאַרי פעלדער זענין אַזוי גוט גלייך אַז איין בוים גאָרטין פון מול גראָמין דאָש זענין די קלעיני פון ישראל זיא זענין פיל מיט מצות אַז איין מול גראָם מיט זים אופּס קאַנפיר מיט גיווערץ". [אַנאַלאָגיש אין וואַרשעווער אויסגאַב תר"י].

„בן המלך והנזיר": „אונ אליר לייא גווערץ אונ קאַנפיר" [ס"ה (איבערזעצונג פון „כפר")]. „דש גשמאק פון דייני לעפצין איז אייטיל גווערין אונ קאַנפיר וואש שמעקט פיל אונ גשווינד" [ס"ח („שפתיו מור ואשכל כפר")].

מאַרקוזע (אין „סימני רפואות" ל"א): „קאַמפּער".

„צענטאָרע ווענטאָרע" 11: „קאַנפּער, קאַנפּער אינזעל".

פּראַקטישע הויז ווירטשאַפט" (ווין. 1879): „קאַנפּער" (46).

„ס' טעמי המנהגים", 105, 120: „קאַמפּער עהל", „קאַמפּער שפּירטוס".

87) באַ ליפשיצן אין דרייזינען דער אַנטשפּרעכנדיקער וואָקאַבל איבערזעצט מיט'ן רוסישן kanîfolj (באַטונט די לעצטע זילב); באַ הורוויצן מיט'ן העברעישן „נטף-אלה".— דאַל' 11 85: kanîfolj: „ריינע, גלאָזעחדיקע סמאָלע, צווישן אַנדערן, אָנצורייבן דעם סמיטשיק פון פידעל" (דער אויטאָר ווייזט-אָן אויף די לאַטייניש אָפּשטאַמונג פון וואָקאַבל).— קאַרל. 11 441: koniferyna אַפּטייקערישער טערמין (נעאָלאָגיזם, פון לאַטייניש conifer, „וואָס טראָגט שלאָפּעפּעלעך"; טיאַנדער 744 רעגיסטרירט Konifere, „נאָדעל-געוויקס, נאָדלבוים").—

88) אין דער קרעמענעצער אויסשפּראַך איז דער m-מאָמענט (ד. ה. דער ליפּמאָמענט) אין דעם נאָזאַלען טעמבר פון וואָקאַל שטאַרקער פון דעם n-מאָמענט (ד. ה. פון צאָנמאָמענט).—

89) **נעיבאַטווילך** = „ווייכער צוועך צו אַ גימאַשין".—

90) צאָנמאָמענט אין נאַזאַלען טעמבר שטאַרקער פון ליפּמאָמענט (אַמאָל, אָבער, אויך פאַרקערט).—

91) אין אויסלייט-u שפּירט זיך שפּור פון וואָקאַליזירטען l.—

92) אין אופאַליע איז דער נאַזאַלער טעמבר (מיט איבערגעוויכט פון צאָנמאָמענט) גאָר שוואַך.—

93) „chłoptschataja bumaga".— ליפשיץ 11 23, 408: „ביימוועל"; „דאָס ביימוועל ביימעל" (chłoptschatnik).— הורוויץ 28: „ביימוויל" („פשתה").—

94) = chłoptschatobumashnyj.— אויך ליפשיץ 11 23.—

95) = koljenkor.— ליפשיץ 11 127 זעצט-איבער דאָסדאָזיקע רוסישע וואָרט: „אזא מין צייג פון ביינוועל" (זע אַנמ. 93).—

96) = chłopok.—

97) = chłoptschatnik.—

98) „דרך הישר לעולם הבא“ (ווילנע 1874) ו׳: „ליגט איין גוטער קנויט אויס בוים וואָל“.—

99) זע אין אַנמ. 95.—

100) קאַרל. I 106: bawełna [= a) gossypium (געוויקס פון דעם מין malvaceae); b) „פאַרעם פון זאַמענפעך פון דעמדאָזיקען געוויקס“]; bawełniany [...„פון באַמוועל געמאַכט“];— פּיסק. 9: bawełna, bawełnjanyj, bawełnjanka; — דאַל׳ I 35: bawoljnik (=Bombax).— אַ״ע פון דײַטשישען Baumwolle.

„דער כל בונ:ק“ (זש. 1876): „דרייט באַוועל אויף דער וואַראַטענע“ (30), „דיא זאַקין איז איינער אַ באַוולינער אונ איינער אַ וואָהלענער“ (67).

„פראַקטישע הויז ווירטשאַפט“ 8: „באַוויל“.— ש. בעקערמאַנן, „דיא יודישע קאַזאַקין“ (אַד. 1886) 17: „ביימוועלאַך“.

„מאַגאַזין פון יוד. לידער“ (וו. 1880) 5: „ביינוויל“.—

101) מיט הויפטטון אַף ערשטער זילב.— ענגליש: tramway.—

102) אין אַסינגגהויזען: amfn (אין מזרחבעווערן: anfn, „ענטפערן“); אין הערדע: shumfr (= „יונגפער“); אין שטאַווענהאַגען: jumfr. — זע גריטמע 147, 154פ.—

103) אויבערפלעכליך פורמולירט, איז עס גאַזאַליזירונג פון פריערשטייענדיקען וואָקאַל; דער נאָזעטעמבר קומט-אַרויס בײַ לאַביאָדענ-מאַלער פוזיציע.— ווען אַסינגגהויזען און מזרחבעווערן האָבען juffr („יונג-פער“) נאָר אָהן נאַזאַל, קען דער הײַדער m אין דעם וואָקאַבעל (פאַרגלײַך די פריקע אַנמערקונג) נישט זײַן בילאַביאַלער נאַזאַל.—

104) „פּנחס, שמחה, תומכי-עניים“.—

105) זע „זאַמ“. II 316—323.— דעמדאָזיקען סופיקס זעען מיר אויך: אין פלוצק, שעפס, קונין, ריפין, ליפנע, דובזשין-ווײַסעל, דובזשען-דרעווענצ, רודזאַנוו (גמ. ראַטוווו, פלוצק. ק.), ראַציונזש, חלוצאַוועק, אוסיענצין (וואַרש. ג.), בריסק-קויאַווער, קוטנע א. אַ. וו.

שעפּס: „דיטכע“ (אַ זעקסער, 3 קופּיקעס); פלוראַל: „דיטכער“ (r שטאַרק אָפּגעשוואַכט); „כלאַטכע“ (אַ גאַנץ לײַכט מלבוש, אָהן פּוטערפּקע); „קרעככע“; „האַנטמילכע“ (i לאַנג), „האַנטמילכער“ (i לאַנג, אויסלויטליקיוד אָפּגעשוואַכט); „כאַלכע“ (קליינע חלה); „כאַניכע“ (צערטעלפורם פון פרויענגאָ-מען „חנה“) [דער ‎-כ-‎ אולטראַפּאַלאַטאַל, זייער ווייך אין אויסלויט];— „שלופּסיע“ (צו „שלופּס“); „שניפּטיכיע“ (צווייטער i לאַנג).

ליפּנע: „ביסכע“ (-כ- ווי אין שעפּס).— דובזשין-ווײַסעל: שטעיטכע“ (-כ- ווי אין שעפּס); „פלעשכיע“ (-כי- איז דאָ אַ איינהייטליכער

לויט, ווי אין ווישעגרוד נאָך ־ש־; „זאַמ." II 319).— דובזשין ־דרעווענין: „קאַנטיכיע" „לינעאַל, ווירע"); „הערשיע".— רודזאַנוווו: „פּאָאַרכע" (־כ־ ווי אין שעפּס).— וולוצלאַוועק: „שאַבעל'כער מיט שיל'־ גערכער" (=„בובעלעך מיט פּירקאַנטיקע פאַרפעלעך", אַ טראַדיציאָנעליש עסען פּרעטיקצונאַבטס); „קלעצכע", „קלעצכער" („קאַנטיקע שטיקלעך צוקער") [־כ־ ווי אין שעפּס]; „אַביס'יע" („אַבימעל"); אויסיענציין: „אַביסכע" (־כ־ ווי אין שעפּס).— בריסק־קויאַווער: „קאַרטכע" („פּוסטקאַרטעל"), „אַביסכע" (־כ־ דאָ ווי אין שעפּס).

אין קוטנע: „הינטכע, רינטכע, ווינטכע, שטעיטכע, הענטכע, ווענטכע, קינטכע, מעיטכע" (־כ־ אין אויסלויט נאָך ווייכער, ווי אין שעפּס; ס'איז כמעט דער אייִנהייטלעכער לויט: ־כי=); „פּעסכיע, פּעסכיע" (צווישן ־ס־ און ־ע אייִנהייטלעכער לויט: j מיט אַ שוואַכן פּורגערויש, אַ קים־קוים־ שפּור פֿון ch, ווי אין ווישעגרוד נאָך ־ש=), „געסיע"; „מאַאסכיע" (צו „מויז"; דער לויט צווישן ־ס־ און ־ע ווי אין ווישעגרוד נאָך =ש־); „טעצכיע, קעצכיע" (צווישן ־צ־ אין ־ע־ ווי צווישן ־ס= און ־ע־); „טישיע, פלעשיע";— „בעקכיע, שטריקכע, שטיקכיע, העקכיע (צו „האַק"), בריקכיע"; „קריקביע" (־כי־ איז אייִנהייטלעכער לויט, ווי אין ווישעגרוד נאָך k; „זאַמ." II 318; מ'וואָלט קענען אויסלייגן ־כ'־, איבערגעבענדיק דערמיט אַ שטאַרק־פּאַלאַטאַ־ ליזירטען אַלטראַפּאַלאַטאַלען =כ־); „באַאַכלקיע, יאַאַכלקיע, ביכלקיע (i לאַנג), קנעכלקיע" (־קי־ אייִנהייטלעכער לויט, אייגענטלעך פּאַלאַטאַליזירטער k);— „כעפּיע, קנעפּיע, צעפּיע, קעפּיע, לעמפּיע" (פּאַר'ן j, אודער, גענויער, אין זיין איינקלאַנג אַ קוים־קוים הערבאַרישער כ־רייב); „שאַאַבכיע (צו „שאַאַפּ"), שטיבכיע (i לאַנג), טאַאַפּכיע, לאַאַפּכיע, וואַאַפּכיע" (אין די ערשטע צוויי ווערטער ווייכער b אַן דער פאַרשאַרפּט, אין די לעצטע דריי מער; ־כי= אייִנהייטלעכער לויט, אין וועלכן דער שטימהאַפּטיקער אויסקלאַנג איז אַף אַ האָר שטאַרקער, ווי דער שטימלוזיקער איינקלאַנג); „קאַליבכיע, גיוועליכיע" (דער שטימהאַפּטיקער אויסקלאַנג פֿון דעם אייִנהייטלעכן לויט צווישן ־ב־ און ־ע אַ סך שטאַרקער, ווי דער העכסט־שוואַכער שטימלוזיקער איינקלאַנג); „שיפּיע, שראַאַפּיע" (זע די אַנמ. צו „טופּיע" וכ');— „בענקכיע" (שטימלוזיקען איינקלאַנג קוים־קוים צו פאַרנעמען מיט'ן אויער); „קלינגכע" (פֿון מיסער..; i לאַנג; ־כ= זייער ווייך, מ'קען זאָגן: ־כ'־, ־כי־, אַלס אייִנהייטלעכער לויט);— „אויערכע, טירכע (מיט î), שנירכע" (מיט î; „שטריקעל");— „מאַאַלטיע, קאַאַלטיע"; „לעפּלטיע, שליסלטיע, שיכ'לכע (מיט î), שטיוולכע (מיט î), שיסלכע" (־כ־ ווי אין שעפּס); — „מאַמיכע, טאַטיכע, כאַליכע, קאַליכע" (־כ־ ווי אין שעפּס). — פּלוראַל פֿון די אַלע דימינוטיווען אַף ־ר.

אין מלאַווע איז דער דימינוטיווסופיקס: ־על (אייגנטלעך, סונאַנטישער l: „טישל, לעפל"); דער אימינוטיווסופיקס: ־עלו („טישעלו, לעפעלו"; e פֿון דער מיטעלזילב טונקעלער ווי געוויינטלעך; אויסלויט־ו צווישנלויט צווישן o און e, עפּעס אַ מין ö).— הגם אין מלאַווע מאַכט מען חוזק

פון גרויספוילישען דימינוטיוו אף -כע, דוך קומט ער אויך דורט פור. איינזילביקע הויפטווערטער מיט l-אויסלויט הובען דימינוטיוו אף -כיו (-כי- איז דא איינהייטליכער קלאנג: אולטראפאלאטאלער כ מיט שטימלוזיקען איינקלאנג און שטימהאפטיקען אויסקלאנג; -ו ווי אין -עלו): „שטעל'כיו, קאווימילכיו (צווייטער i לאנג), מאאלכיו, פעלכיו". ווייטער, קומען פור אלס אויסנאם: „זאידיכיו" (דימ. צו „זיידע"), „קיכנכיו" (מיט î), „טישיו" (זעלטען אפילו געברויכט).—

106) „גערמאנישער h איז וועלארישער ס פ י ר א נ ט, ach-לויט, וואס נייט, אובער, אין די גערמאנישע דיאלעקטען, אין דער גרעסטער טייל שטעלונגען, איבער אין בלויזען הויכלויט" (ריכארד לעווע 51).— אה"ד h = ch (ט. שויפפלער 19); אויך מה"ד h = ch (י. גולטהער 9).—

107) ליפשיץ 1, הורוויץ 16, הארקאווי 14, דרייזין 107.—

108) ליפשיץ 1, הורוו. 16, הארק. 15, דרייזין 731.—

109) אין „ספר החיים" ק"ד: „מוז ער איין היין ציהן אבר מוז איין שליח איין היין שיקן".— קרעמעניץ „אהין" (מיט î); ווארשע און אנדערע פויליש-יידישע שטעט: „אהין" (מיט קורצען i!).—

110) איינענטליך, צום צאנפלייש, וואס דעקט זיי צו פון אינווייניק, צו די י א ס ל ע ס, ווי מ'רופט עס אין קרעמעניץ,— צו די א ל וו ע ו ל ע ן.—

111) ד. ה. צווישען די אייבערשטע שניידציין און דעם שפיץ פון דער צונג, וואס איז אנגעשטעלט אקייגען זיי, נישט אנצורירען, בילדענדיק מיט זיי א שפאלט, א שפארע.—

112) פ ו ד ע ר צ ו נ ג ווערט אין דער פונעטיק גערופען דער טייל פון דער צונג, וואס ליגט אונטער דעם הארטען גומען; מ י ט ע ל צ ו נ ג — דער טייל, וואס ליגט אומגעפער אונטער דער גרענעץ פון הארטען און ווייכען גומען; ה י נ ט ע ר צ ו נ ג — דער טייל, וואס ליגט אונטער'ן ווייכען גומען; צ ו נ ג ו ו ו ר צ ע ל — דער טייל פון דער צונגפלאטש, וואס ליגט נוך ווייטער אהינטען; צ ו נ ג ש פ י ץ — דער טייל פון דער צונגזוים, וואס ליגט דירעקט הינטער די פודערציין בא רויקען אטעמען; צ ו נ ג ע נ ב ל א ט — דער טייל פון דער צונגפלאטש, וואס ליגט דירעקט הינטער דעמדוזיקען „פעדערשטען צונגענזוים" (בעיער 4).—

113) דער ספיראנט גייט, אלזו, נישט תיכף נאכ'ן ווקאל: צווישען זיי לוזט זיך קונסטאטירען אנ' אויסדריקליכער א י ב ע ר ג א נ ג ס ל ו י ט, וואס הוט, אקוסטיש, נ א ז א ל ע ן כאראקטער.—

114) דער איינקלאנג פון אלוועולארען (אודער אלוועולאר-פאלאטאלען) ספיראנט איז, הייסט עס, לייכט נאזאלירט.—

115) דער איבערגאנגסלויט (זע אנמ. 113) הוט, דעריבער, אקוסטיש, א ל וו ע ו ל א ר ע ן (פאר -ס, -ז), אודער אלוועולאר-פאלאטאלען (פאר -ש, -זש) מומענט.—

116) פ״נ: „פֿרויענצימער, וואָס דינט בײַ יענעם", „דינסטמויד, דינסטמײדעל, דינסטוויבעל, דינסטיידינע" (נה״ד: Dienstmagd).— אַה״ד, מה״ד: diu („דינערין"); פֿון דעמאײגענעם שורש, מיט דער הילף פֿון סופֿיקס -st-: אַה״ד d i o n ô s t, מה״ד d i e n e s t, אַבסטראַקטאַ מיט דער טײַטש: „דאָס דינען; דאָס אין דינען זײַן" [קלוגע 91].—

117) נה״ד: Weichsel (טיאַנדער 1424).

די עטימאָלאָגיע פֿון דעם הויפּטוואָרט נייטיגט זיך נאָך אין גענויער פֿאָרשונג. צי שטאַמט עס פֿון דײַטשישען? אודער גאָר פֿון סלאַוויִשען wiśń, wiśnia (פּויליש), wischnia (רוסיש)?

אין דײַטשישען איז דער פּוילישער טײַך Wisła און די פּרי „ווײַנשעל" אײַנצאײַנס: Weichsel. אין יידישען: „ווייספּ" און „ווײַנשל". איך בין דעריבער גוטה צו דער השערה, אַז ביידע וואָקאַבלען זענען אַריבער אין יידישען דירעקט פֿון סלאַווישען. געשעען הוט דאָס נעקענט דעמאָלט, ווען די יידען הובען דעם מה״ד î פֿאַרביטען אַף aa (אין פּוילען), â (דרום-מערב-רוסלאַנד און מזרחגאַליציע), aj (ליטע, דרום-רוסלאַנד) [זע מײַנע „זאַמעלביכער" II, 301 פּפּ.]; דעמאָלט הוט דער i פֿון די צווײ סלאַווישע וואָקאַבלען נעקענט דורכמאַכען דאָסאײגענע (וואַרשע: וואַאסל, וואַאנשל; קרעמעניץ: וואַסל, וואַנשל, ביידע מיט â; ליטע: ווײַסל, ווײַנשל). אַנדערש וואָל טשווער געווען צו דערקלערען, פֿונוואַנעט נעמט זיך אין דעם צווייטען וואָקאַבעל דער -ש- (אין ערשטען, דאַגעגען: -ס-).

נעמען מיר אָן די השערה, מ'וז מען שוין אַרויסדרינגען, אַז ווען די יידען זענען געקומען קיין פּוילען, הובען זיי נאָך מיטגעבראַכט מיט זיך דעם מה״ד î, און ערשט דאָ אים פֿאַרביטען אַף די אויוועגאַנגעוויזענע לויטען.

מאַרקוזע י״א: „אום זינטער בעקומט מען דארע פֿלאמן, דארע ווייגשיל, קערשין, עפּיל דארע"...

„ספר חיי אדם" (לעמב. 1865) נ״ה: „ווײַגשעל".

„דאָס קל. מענטשעלע" 39: „אונ האָט מיך עפּים גאַנץ ערענסט אַ פֿרעג געטאָן: זאָג נאָר קלײנער, קענס-דוא מאַכען אַ ווײַנשעל? אונ טניה-וביה טאק: איז שוין בײַא אים אויף דיא ליפּען פאַרטיג געוואָרען אַ ווײַנשעל, אַזאַ גרויסע אַזאַ רויטע, אַז איך האָב מיך שטאַרק צופּאַכט".

„דאָס חסידישע יונגעל" (ווילנ. 1897) 29 ע׳: „מאַכען פֿון דער צונג אַ פֿלאָם, פֿון דער ליפּ — אַ וואַנשעל, פֿון אַ איבערגעקעהרטער בריים — אַ מת אונ פֿון דיא פֿינגער אַ געפּאַכטענעם קוילעטש"...—

118) אין זעמברווע, קרעמעניץ, וואַרשע, מאָגעלניצע א. אַ. וו. —

119) אַנטשטאַנען אַף פּרענקיש-זעקסישען געביט. די גרונדפֿורם: dingesdag; דאָס ערשטע גליד שטאַמט פֿון Thinxus

thinxsa הוט אַף לאַנגובאַרדיש די טייטש: „פֿאָלקספֿאַרזאַמלונג”), וואָס איז
(טריבוט פֿון אַלטגערמאַנישען אָפּגאָט Tîwa-z און באַטייט: „דער גאָט פֿון
אסיפות און געריכטען”. ווען די זעקסיש-פֿריזיש-פֿרענקישע שטאַמען האָבען
איינגעפֿירט די שפּעטרוימישע וואָך, האָבען זיי דעם דריטען טאָג אַ נאָמען געגע-
בען ווי אויבען דערמאַנט, לויט אַנאַלאָגיע מיט'ן לאַטייניש „Martis dies”
(= דעם פֿראַנצויזישען mardi), מחמת זיי האָבען געהאַלטען, אַז זייער אָפּגאָט
איז דאָסאייגענע וואָס דער רוימישער Mars.— מיטעלנידערלענדיש:
dinxendach; נייניעדערלענדיש: Dinsdag. פֿון דעם נידער-ריין אויס האָט זיך
פֿאַרשפּרייט Dinstag (אַזוי בא לוטערן); אַרום 1600 ווערט אין מיטעל-
דייטשלאַנד פּאָפּולער: Dienstag, באַם אויבער-ריין: Zinstag
[קלוגע 91].—

120) פֿלעקטירטע פֿאָרמען פֿון פּרונ. פּאָסעסיווא „מיין, דיין, זיין”.—
אַה"ד, מה"ד: mîn, dîn, sîn: -n איז דאָ רעשט פֿון דעם סופֿיקס -îna (קלוגע
305, 88, 418).—

121) stille („שטיל”) מיט דימינוטיווסופֿיקס -chen און
געניטיווענדונג -s.

אין אַסינגהויזען: füglkes (ü לאַנג, l סאָנאַנטיש, g שטימהאַפֿ-
טיקער מיטעלצונגספּיראַנט), „פֿייגעלעך”; דאָ איז אַרויסגעפֿאַלען -n- פֿאַר'ן
-s.— אין מזרח־בעווערן: füeglkes (ü לאַנג, l סאָנאַנטיש), stilkes
(„גוט שטיל”); אויך דאָ פֿאַרשווונדען -n- פֿאַר -s (גרימע 49).—

122) די איבעריקע מזרח־נידערדייטשישע מ"מ און דאָס
נידערלענדישע האָבען -ns אומפֿאַרענדערט (רייז 56).—

123) נעווטרום.— ליפשיץ 165, ליפּ. II 196: „פֿענצטער”; זייער
אָפֿט אין יידישע דרוקווערק.— האָרוו. 75, האַרק. 258, דרייז. 321: „פֿענס-
טער”.— מה"ד: venster, אַה"ד: venstar (n); נידערלענדיש: venster
(n). פֿון לאַטייניש פֿעם. fenestra (אין לוטאַרינגישען, מיטעלפֿרענקישען,
אויך אין מיטעלנידערלענדישען איז עס געבליבען ל"נ).— פֿון רעמזעלביקען
לאַטייניש ה"ו: פֿראַנצייזיש fenêtre, אַלטאיריש senister, קימריש ffenester
[קלוגע 130].—

124) = „דערוואַקסענער זכר”.— ליפּ. 118, האַרק. 193: „מאַנסביל”;
ליפּ. II 159: „מאַנזביל”; האָרוו. 59: „מאַנסבילד”.— נה"ד
Mannsbild („פּאָרטרעט פֿון אַ מאַנצפּאַרשוין; מאַנצפּאַרשוין”), נעווטרום!
[טיאַנדער 842; וואַסערציעהער 90].— אין יידישען האָט זיך -d אויסלויט
אַסימילירט מיט'ן -l- (פֿאַרגלייך: בעהאַגהעל 185).—

125) = „זכר” (דערוואַקסענער).— ליפּ. 118, דרייז. 280: „מאַנס-
פּאַרשוין”; האַרק. 193: „מאַנספּערזאָן”.— נה"ד Mannsperson
(„זכר”) [טיאַנדער l. c.].— אין יידישע דרוקווערק זעלטען מיט -צ-.—

126) פֿון פּויילישען wąsy (פּל.) איז געוואָרען: וואָנצ'עס, און נאָך דעם

פּלוראַל: סינגולאַר וואָנ'צי? (פּעמ.!).— ליפּ. 88: „וונציע".

„אַוואָליוציע הלעבין ער האָט אַבּנים וויא ר' סענדער אָן הויזין אין אָן העמדער" (לעמב. 1882): „וואָנציע" (17), „וואַנצים" (16).— „טאָדרים"... (וו. 1884) 4: „וואָנצעס". — מ. ספּעקטיר, „אַ ראָמאַן אָהן אַ נאָמען" (פּעטערבורג 1884) 12: „וואָנצעם, וואָנצים".— י. מזח, „דער פֿאַרשאָלטענער בער" (וויל 1902) 8: „יואָנצעם".— „קבצנזאָהן עט הונגערמאַן" (וו. 1887) 39: „שוואַרצע וואָנצעלעך".— מ. יודעלסאָהן, „דיא אַריסטאָקראַטקע" (וויל. 1896) 16: „וואָנצקעלעך".

יה"ל, „פּאַוועל סידאָרעוויטש" (וואַרשע 1881) 12: „וואָנסע".—

אַל. דיומאַ-פּאָטער, „דער געריהמטער לידעריג" (וו. 1885) 56: „וואָנסעס".— ג. ה. לעוונער, „אַ התן מיט דרייא נעמען" (וויל. 1901) 13: „וואָנסעקלעך".—

127) ליפּ. 187: „iskusstwo, ułowka"; איך ליפּ. II 114.— הורוו. 85: „קינע (קונסט)" [„מלאכת-מחשבת"], „קינצלער" [„אמן נפ"א, הרוץ, מהיר במלאכתו"].— דרייז. 182, 789, 799: „קינציג, קונציג, קינצלעך, קינצליכקייט, קינצלער, קונצין מאַכער".— האַרקאַווי 202, 304: „קונסט" (פּל.: „קינסטע"), „שעהנע קונסט" [fine art, art], „קונץ" [feat], „מאַכען קונצען" [„to make feats"], „קינסטליך" [artificial], „קינסטלען" [„to subtilize"], „קינסטלער", „קינסטלעריש".

אַה"ד, מה"ד: kunst („קענטעניש, חכמה, מייסטערשאַפט, קונסט"); אַלטזעקסיש: kunst („קענטעניש, חכמה"), נידערלענדיש: kunst. ס'איז ווערבאַל-אַבסטראַקטום צו können [קלוגע 268].

אין יעצטיקען ליטעראַרישען יידיש ווערען געברויכט:

a) דאָס אַלטע „קינץ" („קונץ") — אין טייטש: „געשיקט, וויפֿ אָפּגעמאַכט שטיקעל אַרבעט; געשיקטער, פיינער (שאַרפזיניקער) שריט, אייפּטו, מאַנעוור, פּורטעל, שפּיצעל; אויסערגעוויינטליך-קאָמבינירטער און געשיקטער אויפּטו, מאַנעוור; דריי, געדריי, דריידעל, פּויז, אָנשטעל, מאַנ'יפּורגע, שווינדעל פּוקוס, הוקעס-פּוקעס, הוקוס-פּוקוס; צערעמוניע, פּורמאַלישקייט".

b) דאָס פֿון דייטשישען אין די לעצטע יאָרצענדליגער איבערגענומענע „קונסט" — אין טייטש: „חכמה; ליטעראַטור, טעאַטער, מאָלעריי, סקולפּטורג מייסטערשאַפט; אויספֿירונג מיט קענטעניש, געשיקטקייט און טעכניק".

אין דער פּוילישער פּראָווינץ ווערט איך יעצט געברויכט נור איין פּורם: „קינץ" (אין די אַלע, אַלטע און נייע, באַטייטונגען).

אין דער טייטש a איז „קונץ" (עווענטועל „קינין") נורם אין די יידישע דרוקווערק (איך „קינצענמאַכער").—

128) ליפ. 187: „קינציג" (אַדיעקט: „וואָס איז מיט קונסט געמאַכט, גראַוסאַרטיק") [נורם אין דער ליטעראַטור, אפילו אין יענע ווערק, אין וועלכע עס ווערען אַלס כלל געברויכט פורמען מיט נישטאַפריקאַטיזירטען ספּיראַנטן; צ. ב. אין „פּרק שירה" פון ממ"ם (זש. 1875) 75: „קונציג"]; אויך: „קינצ-לעך"; „קינצליער" [אופט אין דרוקווערק]; „קינצשטיק".—

129) אַדיעקט.— ליפ. 160, ליפ. II 377: „פינצטער" (שטאַרק אופט אין יידישע דרוקווערק).— האַרק. 254, דרייז. 735: „פינסטער" [דרייזין 95: „פינצטער"].— מה"ד: vinster; אַה"ד: finstar [קלוגע 135].— אין יידישען ווערט סובסטאַנטיווירט אין דער אַדווערביש געברויכטער פּרעפּוזיציאָנעלישער פאַרבינדונג: „אינדערפינצטער" (קרעמעניין: „אינדאַפינצטאַ"). אויך אין מה"ד ווערט געברויכט vinster סובסטאַנ-טיוויש, אַלס פעמינינום (לעק. 342).—

130) הויפטווערטער.— ליפ. 160: „פינצטערניש".— לעק. 342: vinsternisse, vinsterheit.— די פורמען מיט -צ- שטאַרק אופט אין די יידישע ווערק.—

131) פלעקטירטער סופּערלאַטיוו (מאַסקולינום) פון „קליין, שיין".— די פורמען מיט -צ- זענען נישט זעלטען אין יידישע דרוקווערק (אובער אַ סך זעלטענער, ווי „פענצטער", „פינצטער").—

132) נעווטרום פון פּרונומען דעמונסטראַטיווום (מאַסק: „יענער"; פעמ.: „יעני"); ליפ. 109, הורוו. 55: „יענער, יענע, יענץ".— מה"ד (קלוגע 218): jener.

„יענץ" איז נורם אין די יידישע דרוקווערק, אפילו אין יענע, אין וועלכע עס ווערען אַלס כלל געברויכט פורמען מיט נישטאַפריקאַטיזירטע ספּיראַנטען (צ. ב. אין ליגעצקיס „איבער אַ פינטעלע" 25).— דיקס „ר' טריטיל" 12: „דאָס אונז יענדז".— ווען אין ג. ח. לעוונערס „אוים ראָמאַן" (ווילנ. 1897) 6 געפינען מיר: „יענס", איז דאָס אַ גאָר זעלטענער אויסנאַם.—

133) = "homo; פולשטענדיקער מענטש; אַ מענטש מיט אַלע מעלות; אַ מענטש פון מענטשענלאַנד" [„אַ מענטש באַ יענעם" = „משרת, דינער, אָנגעשטעלטער"].— ליפ. 125; II 413.— מה"ד: mensch, mensche, מאַסק. און נעווטרום (אויך נה"ד מאַסק. און נעווטר.); אַה"ד: mennisco, און (עלטערע פורם) mannisco, מאַסק., = אַלטזעקסישע mennisco, נידערלענדישען mensch.

ס'איז איינגענטליך סובסטאַנטיווירטער אַדיעקט (הייסט עס, "humanus" איז טייטש "homo"). דערדוזיקער אַדיעקט איז מיט סופיקס -iska (הויכ-דייטשיש און יידיש: -isch) אַרויסגעפירט פון mann- (= "homo"): גוטיש mannisks, אַלטנורדיש mennskr, אַנגעלזעקסיש-אַלטזעקסיש-אַה"ד mennisc („מענטשליך, humanus") [קלוגע 307].

הורוו. 62: „מענש, מענשליך, מענשענפריינד"; האַרק.

206: „מענטש, מענטשהייט, מענטשליך, מענטשלעכקייט, מענטש-לען" א. אַ. וו.; דרייז. 304: „מענטש, מענטשן, מענטשיל, מענטשי-לע" עטצ.

אין קרעמעניץ: **מענטשאַלאַך** (פל. פון דעמ.) == „בילדלעך, צייכנונגען, אילוסטראַציעס"; **מענטשאַלי** == „בילדעל, צייכנונג, געמעלעכעל, אילוסטראַציע".—

134) צונג פירט עס אַרויס פון לאַטייניש benedicere [אַווע III 203].— מאַקס גרינבוים 255 מיינט, אַז דער יידישער ווערב שטאַמט ניט דירעקט פון benedicere, נור פון אַ שפּעטערדיקער איבערגעאַנדערטשטער פורם, אפשר פון אַלטשפּאַנישען beneicer אודער פון פּורטוגאַלישען b e n z e r, פּרוואַנסאַלישען b e n e z i r, benesir, beneir, פראַנצייזישען bènir.— פעליקס פערלעס 302 ווייזט-אָן, אַז אין שמעלערס ווערטערבוך I 245 איז רעגיסטרירט benedizieren.

אַווע IV 342 בוכט פאַר'ן דייטשישען יידיש: „בנשן" („בענשען") און „בנטשן" („בענטשען").

ליפ. 62: „בענטשין"; ליפ. II 14: „בענטשען, געבענטשט, בענטשט, בענטשער"; הורוו. 29: „בענטשן"; דרייז. 25: „בענטשען, גיבענטשט, בענטשער"; האַרק. 92: „בענטשען" און „בענשען".—

135) ליפ. 9: **ווינטש** („פאַרלאַנג"), **ווינטשן** („פאַרלאַנגען"), **ווינטשעווען** („גראַטולירען, מזל-טוב-אָפּגעבען"), **ווינטשפינגערל** (i אין צווייטער זילב לאַנג); ליפ. II 83, 256: „**ווינטשען, געווינטשט, ציווינטשעווען**"; הורוו. 45: „**ווינטשעווען** (ווינשען)"; דרייז. 149, 477: „**ווינטשען, ווינטשין, גיווינטשט, ווינטשענד, צווינטשין, צווינטשער**"; האַרק. 145: „ווינשען, ווינשענסווערטה, ווינשפינגערל".

מה"ד: wunsch, אַה"ד: wunsc („ווונש, פאַרלאַנג, באַגער"); נידער-לענדיש: wensch. דערפון ווערב: מה"ד wünschen, אַה"ד wunsken,= נידערלענד. wenschen, אַנגעלזעקס. wyskan.— גערמאַניש: wunskô („ווונש"), מיט סופיקס -skâ אַרויסגעפירט פון שורש wen („חן געפינען, לייטזעליקייט געפינען") [קלוגע 496].

„ווינטשיווין" (אין קרעמ. אויסשפּראַך) שטאַמט פון פּוילישען -winszo wać, winczować (בויך 808).

מה"ד הוט wunsch אויך די טייטש: „כח (יכולת, פעיקייט) צו באַווייזען אויסערגעוויינטליכע זאַכען".— דירוזיקע טייטש הוט דער וואָקאַבעל נוך אין יידישען „ווינטשפינגערעל" (i אין צווייטער זילב לאַנג), „רינגעל, וואָס מ'קען דערמיט באַווייזען נסים" (דער נאָמען פון מענדעלע-מוכר-ספרים'ס מייסטערווערק).—

136) אויב גענויער טראַנסקריבירען די קרעמעניצער אויסשפּראַך, איז עס, אייגענטליך: **גאַנדז**ס (d רעדוצירט און כמעט אַנגעווירען די שטימ-סז- אויכלויטספּיראַנט, און איינקלאַנג שטימהאַפטיק, און אויסקלאַנג שטימלויזיק).

מה"ד און אַה"ד: g a n s; ס'איז אַלגעמיינגערמאַנישע באַצייכנונג פון דער

גאַנז"; נידערלענדיש: gans; די פֿאָרנערמאַנישע פֿאָרם איז געווען: ghans-; שפּאַניש: ganso (אַפּגים פֿון גאָטישען gansus*).— אַנגעלזעקסיש: gós; ענגליש: goose; אַלטנאָרדיש: gás (-n= אַרויסגעפֿאַלען) [קלוגע 155 פּ.].
II ליפּ. 66, 71: „גאַנז, גענזנפלייש, גענזן" (ב"ו); ליפּ. II 66: „גאַנז, גענדז, גענדזפּאַסטעך, גענדזענפליייש, גענדזיל, גענדזען" (ב"ו); הורוו. 31, 34: „גאַנז, גענז"; דרייז. 95: „גאַנז, גענז, גענזיל, גענדזין, גענדזין פליייש"; האַרק. 100, 108: „גאַנז, גענז, גענזענס, גענזער".—

137) אייגענטליך: גענדזים (פּלוראַל).— זע פֿוריקע אָנם.—

138) פּערז. פּרונ. פֿון ערשט. פּערז. פּל. (נום., דאַט., אַקוז.).— אורדייטשיש: uns (דאַט. פּל.), unsik (אַקוז. פּל.) [בעהאַגהעל 328].— II ליפּ. 14: „אינז"; ליפּ. II 172: אינדז; האַרק. 39, הורוו. 21: „אונז".—

139) אַדיעקט (זע מיין „קינם". I 125).—

140) זע „קינם". I 262.—

141) פּרונ. פּאָסעסיוו. פֿון ערשט. פּערז. פּלוראַלים.— לעק. 302: unser, ünser.— ליפּ. 14: „אינזער, אינזערע, אינזערס"; הורוו. 21: „אונזערס"; דרייז. 305, האַרק. 39: „אונזער"; ליפּ. II 174: אינדזער.—

142) וואַרשע: „פּענצטו, מאַנצבו (מאַנדזבו), [איבער: „מאַנספֿאַט"; n דאַ נאַזאַלירונגסצייכען], מאַנצפּישוין, וואונצי, קינץ, קינציק, קינצלוך, קינצלו, (=„קינסטלער"), פּינצטו, אינדראַזינצטו, פּינצטוניש, פּינצטוקאַיט, פּאַפּינצט.ט, קל'ענצטו, שענצטו, יענץ, יענצמאַל, יענצטיק מאָל; מענטש, מינטשליך (אַדיעקט, אַדווערב), מענטשל („אַ גאַנץ פּאַא מענטשל"), בענטשן, ווינטשן, ווינטשפּינגערו (i אין דער צווייטער זילב לאַנג); גאַנדז (אויסגעשפּראָכען אויך מיט אַביסעל פֿאַרשאַרפֿטען d, דער ספּיראַנט דערביי אין איינקלאַנג שטימהאַפֿטיק, אין אויסקלאַנג שטימלויזיק), גענדז (זע אָנם. צו „גאַנדז"), גענדזל, גענדזלו (=„גענדזהענדלער"), גענדזלורן, גענדזן, גענדזנס, גענדזנשמאַלץ, אינץ, אינדזו".

איינצעלנע ביישפּילען אויס אַנדערע שטעט:

פּיאַסעטשנע: „מאַנצפּאַשוין".— פּעל'צוויזנע: „פּענצטע" (סינג. און פּל.).— נייַשטעטעל (פּעטריק. ג.): „פּענצטע (סינג.), פּענצטעס" (פּל.).— גראָדזיסק: „יענץ".— וואַרקע: „מיט אינץ".— טאַרטשין: „אינדזע, אינדזערע, אינץ".— סאָכאַטשעוו: מאַאַנצפּאַשוין (פֿאַרשווינדונג פֿון n מיט נאַזאַלירונג פֿון איבערלאַנגען a, און דוך אַפֿריקאַטיזירונג פֿון -ס-!).— טשערווינסק, פּלאָצק: „פּינצטער, מענטש".— ראַדעם: „מענטש" (אויס אַ בריף).— קאָזשעניץ: „יענצמאָלט".— קוויוו: „אינץ" (אויס אַ בריף; אויך אין פּאַינטשנע.— מאַקעווע: „בענטשען" (אויס אַ בריף).— זשעלעכוו: „ווינטט" (ה"ו).— ד. ביטקים (באַ גאַרוואָלין): „פּינצ-טע".— ווישעגראָד: „גאַנדז".— קאַליש: „אינדזער".— סאָמפּאָל'נע:

„נ אַ נ ט ס".— סקערניעווי̇ץ: „ג ע נ ד ז" (איי̇נגענטלי̇ך, ווי̇ אי̇ן קי̇עבעני̇ץ: ·ד· עטוואָס פאַרשאַרפט, ·ז· אי̇ן איי̇נקלאַנג שטי̇מהאַפטי̇ק און אי̇ן אויסקלאַנג שטי̇מלוזי̇ק).— אָסיעצק, פּי̇לי̇ווּ, ד. פשאַני̇וו (גמ. לי̇סקיווי̇ץ, לוויטש. ק.): „מ ע נ ט ש".— כמעל'ני̇ק: „ג י̇ וו י̇ נ ט ש ן" (פ״. פון ה״וו; „חי̇נטשעוואַגיעס, צוווינטשעני̇שען"). א. אַ. וו.

זע אויך „א ו נ ץ", „א י̇ נ ץ" אויזען אי̇ן די̇ §§ 26, 30—37, 39פּ., 42, 55—59, 78, 90.—

143) איינצעלנע בײַשפּי̇לען.— שעדלעץ: „מ ע נ ט ש, פּ י̇ נ צ ט אַ".— מורד: „א י̇ נ ד ז".— מוגקיבוט (גמ. סקופּע שעדל. ק.): „מ ע נ ט ש ע ן" (אויס אַ בריף).— ווליד־אווע: „א י̇ נ ץ" (אויך אי̇ן בריף).— מעזרי̇טש־גדול, פּיאַטקע, רוונע: „מ ע נ ט ש".— מעזרי̇טש (שעדל. ג.): „א י̇ נ ץ" (מי̇ט î).— סלאַוזשע: „א י̇ נ ד ז".— אָסטראָווע (לומז. ג.): „י ע נ צ ט אַ ל ט, א י̇ נ ד ז".— ווי̇סוקי־מאַזאָוועצק, קול. אַבראַמאָוו (הי̇נטער בריסק): „מ ע נ ט ש". א. אַ. וו.—

144) צ. ב. אי̇ן קרעמעני̇ץ, גראָדזי̇סק, פּראַשני̇ץ, ווליין, פּשי̇סכע.

„די̇ געג. וועלט" 16; „קבצן עושר שפּי̇ל" 36, 45 עטצ. (גורם); יהודה־ליב גורדון, „שיחת חולין" (וואַרשע 1889) 10פּ., 17, 20פּפּ., 26, 32, 65 א. אַ. וו.; „דער אַקציזני̇ק" 6, 15; מיכל גורדון 8; „אַ רײַזע אי̇ן עולם התוהו" 10; „גלי̇קל. מפטיר" 27; „יאַנקי̇ל בחור" 4, 24; „מאַגאַזי̇ן פון יוד. לי̇דער" 41; 47; אי̇טשע רעוויזאָרסקי̇, „קיל מצהלות אָדער דער פריי̇לי̇כער בטלן" (וו. 1882) 24; מ. ספּעקטאָר, „יודי̇ש" (פּעטערב. 1886) 3 און „דער יודי̇שער מוזי̇ק" (וו. 1894) 101; „דאָס חסידי̇שע יונגעל" פון לי̇נעצקין 152.—

145) צ. ב. „שטערי̇נטי̇כל" 17, 25, 34, 51, 83, 88; „די̇א געג. וועלט" 12, 18, 69, 79 עטצ.; „ערשט. יוד. רעקר." 1 (אַף ז' 18 אויסגעלייגט אי̇ן 2 ווערטער); דאָץ, „דער געלד שידוך" (וו. 1879) 3; „דער קאָזשי̇צער מגיד" (גאַלאַץ 1886) 32.—

146) צ. ב. אי̇ן ס ו ר ו ק י̇ (בעסאַראַב.).— „שבחי בעש״ט" (אויסגערייגט: „ד ע נ צ ט מ אַ ל"); „רחלע די̇א זי̇נגערי̇ן" 43, 59; „אַ רײַזע אי̇ן עולם התוהו" 68 (3: „אַרענטשמאל"); „יאַנקי̇ל בחור" 3 (מי̇ט h נאָכ'ן u).— „שמחת הנפש" (וו. 1861) כ״א b: „ד ע נ ט צ ט מ אָ ל".— „ר' שימכה פלאַכטע" (וו. 1881). —

147) צ. ב. אי̇ן קרעמעני̇ץ, בעלזערקע, קאַמעני̇ץ־ פּוד., קי̇טאַרוד, ני̇חוּסעלי̇צע, וואַרשע, זשעראַרדוו, סקערניעווי̇ץ, ראַווע, לודזש, לעווערטוו, פּאַנסט (צויזם. ק.), מיעכוּוו (קעלצ. ג.).

„קבצן עושר שפּי̇ל" 45; „דער אַקציזני̇ק" 47, 53; „סיפורי מעשיות" (וו. 1881) 37; משה מאַראַכאָווסקי̇, „די̇א בייזע מומע".. (וו. 1883) 10, און זיין „די̇א היינט צאַטי̇גע לי̇דער" (וו. 1884) 22; שמ״ר, „די̇א צדקניות" (ווי̇ל. 1885) 32.

אויך: „...איין חייט" (רעמ. 1899) 15; שמ"ר, „יאָקעל מאַפּס" (ווי̇ל. 1889) 3; שמ"ר, „דער קינעל" (ווי̇ל. 1890) 5; שמ"ר, „ניט טויט ניט לעבעדיג" (ווי̇ל. 1893) 19, 31.—

148) „שטערינטיכל" 6, 25, 39, 51, 72, 79, 95, 135; „יאַנקיל בחור" 2, 19, 31, 44.—

149) צ. ב. אין „ס' בחינת עולם" (יוזעפאָוו 1845) 89 („רענש מאָל").

אין „נחלת צבי" („כאשר נדפס מלפנים בזוטאמיר") א' b (אויס־געלייגט: „דענס מאָל"); „קאָמעדיע" (רעמ. 1867) 21 (32, 35, 39, 46; מיט ־ה־ נאָכ'ן u); „דאָס קליינע מענטשעלע" (ווי̇ל. 1879) 6, 8, 13, 16, 21, 23, 25, 28, 30, 34, 39, 43, 46, 48, 52, 54, 59, 67, 76, 95, 97, 100פ., 103, 105, 109 א. אַ. וו. (נורם אין דעם ווערק); „פרק שירה" פון מס"ם (זש. 1875) 26, 29, 31פ., 38, 45, 51, 60פ., 70 (74פ., 78, 81, 88 א. אַ. וו. (נורם); „ווינטשפינגעריל" („פ.־ב." 1, 3, 22פ.; „קיצור מסעות בנימין השלישי" (ווי̇ל. 1878) 9, 13, 15פ., 19, 33, 43, 55, 60, עטצ.; „יודעל" (וו. 1875) 29, 37, 44פ., 57, 78, 87, 90, 104, II 11, 20, 35 א. אַ. וו.— אין „דער פאַרבלאָנדזשעטער אָדער דאָס לעבנס בעשרייבונג פאָן ווינדעריל בן ווינדעריל" (וו, 1870) 30, 37, 45, 49פפ. (אַף ז"ז 14, 21, 39, 53: מיט ־ה־ נאָך ־אָ־); פרומה דרייזין, „דער רוצח און די רוצחטע" (זש. 1875) 13; „דער פאַמיליען־פריינד" (וו. 1887) 59; „דער פערפירטער שידוך" (וו. 1883) 9, 15, 42, 60; ירוחם דב"ש, „ספר קרית ארבע" (וו. 1890) 5, 13, 25, 28 א. אַ. וו. (מיט ־ה־); „דיא גליקליכע אונ אומגליקליכע יודישע מיניסטאָרען און פערשטין"... (וואַרשע 1890) 4פ. (מיט ־ה־); „איין גליקליך פאַר פאָלק" 10; „דריא גליקליכע מענשען" (לעמ. 1883) 11פ.; אַ. ל. קאַרטושינסקי, „דער חתן אונ ר' שמעלקעלע דער קיעזמיר" (וו. 1882) 19; דוד זאַהיק 14 (מיט ־ה־); מ. ספעקטור, „אַ ווייבערישע נשמה" (בערד. 1891), „דער יוד. מוזיק" (וו. 1894) 117, „אַ ראָמאַן אָהן אַ נאָמען" (פעטערב. 1884) 13; „סיפורים מרבינו נסים" (וו. 1892) 28, 44 (אַף ז' 10 מיט ־ה־); ג. ח. לעוונער, „דיא געבילדעטע שוסטערקע" (ווי̇ל. 1898) 12; שמ"ר, „די שענע ראָזאַליע" (וו. 1902) 15; שמ"ר, „דער אינדיאַנער" (וו. 1902) 3; „טשענסטאָכאָווער ליעדער" פון ל. שוואַרץ (פעטריק. 1903) 5 (מיט ־ה־); „קהל חסידים עם סיפורי אנשי שם" (לעמ. 1910) 76; „ס' מלאכת מחשבת" (לובל. 1910) 13.— „טעאָרעטישע אונד פּראַקטישע לעהרן צום שאָכשפּיל" פון י. ה—רן (לוב. 1878) 23, 29 א. אַ. וו. (3, 20 א. אַ. וו. מיט ־ה־).—

150) צ. ב. אין פשעדבוזש (ראָר. ג.).

„בן המלך והנזיר" (זשולקעוו 1771): „דענשט מאָל" (2 מאָל אַף ז' קמ"ב b, אויסגעלייגט אין 2 ווערטער).

אופּט אין „שבחי בעש"ט" (געשריבן אין 2 ווערטער). אויך א

ווילנער אויסגאַב פון „עין חיים" אַזוי (6, 51, 56, 75, 80, 97, 106, 129, 150, 181, 191 עמצ.): געשריבען אין צוויי ווערטער.

פוריצקער אויסגאַב פון „עץ חיים" (1890), אין קאַפּיטעל „תולדות חיים": „דענשט מאל" (אות מ׳, אות פ׳, „הלכות תפילה" וכ׳: „דעשט מאל").— אין נווידוורער אויסגאַב פון יאָר 1797 (אין די אַלע שטעלען), ווי אויך אין וואַרשעווער אויסגאַב פון יאָר 1837 (ב׳ b, י"ב b, י"ד, כ"ה): „דעשט מאל".

